STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05185

DI SHPANISHE INKVIZITSYE

Marcus Lehmann

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר מ. לעהמאן

פאָלקס-ערצעהלונגען

איבערזעצט דורך י. שפּיראָ.

די שפּאַנישע אינקוויזיציע

(היסטאָרישע ערצעהלונג).

הויפּט-פערקויף:
Sz. Cukier Warszawa
Dzielna 18.

1921
וואַרשאַ,
פערלאַג: „אלט-יודיש".

Printed in Poland

Druk. „Di Welt", Warszawa, Nowolipie 7.

31-173433

I.

אין דער אַלמעדאַ — אַ וואונדער-שענע אַלעע פֿון פּאָמעראַנצען- און גראַנאַטען-בוימער, פֿון הויכע און שלאַנקע פּאַלמען, — וועלכע פֿערבינדעט אין שפּאַניען די שטאָדט וואַלענסיאַ מיט׳ן שטעדטעל גראַאָ, איז אַרום סוף פֿון זיבענצעהנטען יאָהר-הונדערט געשטאַנען אַ שען פּאַלאַצעל, אַרומגערינגעלט פֿון אַ גרויסען גאָרטען, הינטער וועלכען ס׳האָבען זיך געצויגען גרינע פֿעלדער, בעדעקטע מיט תבואה, וויינגערטנער, איילבירטען און פֿרוכטבאַרע גאָרטענס פֿון אַלערליי ירקות. דאָס איז געווען אַ זעהר שען גוט, וואָס האָט געהערט דעם קאַבאַלעראָ, אָדער ריטער, דאָן מאַנועל י. אַגילאַר, וועלכער האָט דאָ געוואוינט מיט זיין פֿרוי, דאָנאַ אַנונציאַטאַ, און זיינע ביידע קינדער, דיעגאָ און אינעץ. די קליינע פֿאַמיליע האָט געפֿיהרט אַ גליקליך, רוהיג און צופֿריעדען לעבען.

שפּאַניען איז פֿיעל בעזונגען געוואָרען דורך די דיכטער פֿון פֿיעל פֿעלקער, אָבער בעקאַנט איז דאָס לאַנד זעהר ווייניג. שפּאַניען איז נישט אַזוי שען ווי איטאַליען, וועלכע איז דער ליכט-גאָרטען פֿון אייראָפּאַ; זי איז אויך נישט אַזוי ליעבליך ווי גריכענלאַנד מיט איהרע שלענגעלדיגע ברעגען-ליניעס, וועלכע פֿערציהען זיך טיילמאָל וויט אַריין אין שענעם ים און טיילמאָל פֿערקירעווען זיי זיך טיעף אַריין אין דער יבשה. אין די האַלב-אינזלען אַפּעניגען און באַלקאַן, וואו עס ליעגען איטאַליען און גריכענלאַנד, בלאָזען-אַדורך תמיד די מילד-וואַרימע אָדער קיהל-לייכטע ווינטעלעך פֿון ים און פֿילען-אָן די לופֿט מיט מחיה׳דיגע ריחות און זיסקייט. נישט אַזוי איז עס אָבער מיט דער פּירענעאישער האַלב-אינזעל, מיט שפּאַניען; אויך זי איז אפֿילו אַרומגערינגעלט פֿון אַלע זייטען מיט׳ן ים, אָבער די ברעגעס פֿון דער אינזעל זענען גלייכע און שניידען זיך נישט אַריין טיעף אין לאַנד; די קיהלע ים-ווינטעלעך קומען אַהין נישט אַריין און עס הערשט דאָרט דעריבער אַ ברענענדיגע היץ, ווי אין אַלע דרום-לענדער, ווייל די הייסע זונען-שטראַהלען ווערען נישט געמילדערט דורכ׳ן ים.

דאָך זענען אויך אין שפּאַניען פֿאַראַן געבענשטע ווינקעלעך, וועלכע זענען אַן׳אמת׳ער גן-עדן מיט זייער ליעבליכקייט און שענקייט. איינע פֿון אַזעלכע געגענדען איז אויך די, וואו עס ליעגט די שטאָדט וואַלענסיאַ אויף די ברעגען פֿון טייך גוואַדאַלאַוויאַר, אין אַ רייכע, פֿרוכטבאַרען טהאָל. די נאָהענטקייט פֿון ים מאַכט

מילדער די לופֿט אין הײסען קלימאַט און די גאַנצע געגענד איז א בליהענדער גאָרטען. אין די זומער-חדשים איז אָבער אויך דאָ זעהר הײס אין די אײנוואוינער זענען געצוואונגען צו זיצען א גרויסען טײל פֿונ׳ם טאָג אין זײערע הײזער, ערגעץ וואו אין א שאָטען, כּדי צו בעשיצען זיך פֿון די ברענענדיגע שטראַהלען פֿון דער זון, וועלכע זעהט דאָ אויס ווי א גרויסער פֿײַער-קויל.

לאָ׳מיר אַרײַנקומען אין אײנעם פֿון אַזעלכע הײסע זומערדיגע טעג אין הוי, פֿון דאָן אַגילאַר. פֿון אויסענווענינ זענען די פֿענסטער פֿערמאַכט דורך פֿעסטע לאָדענס, אין וועלכע ס׳איז נישטאָ קײן אײנציגע שפּאַרע; פֿון אינעווענינ זענען זײ געדיכט פֿערהאַנגען מיט דיקע פֿאָרהאַנגען, כּדי קײן אײנציגער שטראַהל פֿון דער זון זאָל אין שטוב נישט אַרײַנקומען. אין שטוב איז האַלב פֿינסטערליך, אָבער אויך אַנגענעהם קיהל, ווײַל אין אַלע ווינקעלעך פֿון שטוב שטעהען אויסגעשטעלט זעהר שענע לעהמענע טעפּ, אָנגעפֿילט מיט קאַלט וואַסער. דאָס וואַסער זאַפּט זיך אַדורך אין די ווענד פֿון די טעפּ און פֿערוואַנדעלט זיך אין פּאַרע, אַזוי-אַרום איז די לופֿט אין שטוב קיהל און פֿײַכט און די אַרומיגע היץ ווערט זעהר גע-מילדערט.

דאָן מאַנועל איז נור-וואָס געקומען צוריק אַהײם פֿון שטעדטעל גראַאָ, וואו ער האָט אָבגענומען בריעף, וועלכע א האָלענדיש שיף האָט געבראַכט פֿאַר איהם.

— האָסטו די טהירען גוט פֿערשפּאַרט, מײַן ליעב ווײַב? — האָט דאָן מאַנועל געפֿרעגט.

— זײ זענען פֿערשלאָסען און פֿערריגעלט, מיר מעגען זײַן גאַנץ רוהיג; קײנער וועט אונז נישט שטערען.

— טאָ וועל איך עפֿענען די בריעף, אויף וועלכע מיר האָבען אַזוי לאַנג געוואַרט. ווי דו ווײסט, פֿאָהר איך שוין פֿיער וואָכען טאָג-טעגליך קײן גראַאָ, כּדי אָבצוואַרטען דאָרט בײַם ברעג אויף א האָלענדיש שיף. הײַנט האָב איך סוף כּל סוף דערזעהן די האָלענדישע פֿאָהן אויף א שענעם דרײַ-זעגעל-שיף. געשווינד האָב איך זיך געזעצט אין א שיפֿעל און געלאָזט זיך פֿיהרען צום גרויסען שיף. דאָרט האָט מען מיך געפֿיהרט צום קאַפּיטאַן פֿון שיף.

— איהר קומט פֿון אַמשטערדאַם, סעניאָר? — האָב איך בײַ איהם געפֿרעגט.

— יאָ, פֿון דאָרט! — האָט ער מיר געענטפֿערט אין א געבראָכענער שפּ... נישער שפּראַך.

— צי האָט איהר אפשר בריעף פֿאַר דאָן מאַנועל י. אַגילאַר?

אויף דער דאָזיגער פֿראַגע האָט מיר דער קאַפּיטאַן נישט געענטפֿערט, נאָר ער האָט פֿערלאַנגט פֿון מיר, אַז איך זאָל געבען בעווײַזען, דאָס איך קום פֿון דאָן מאַנועל י. אַגילאַר. דאַן האָב איך אויסגערופֿען:

— געבענשטע נידערלאַנד! ווי גליקליך ביסטו, וואָס דו האָסט געקאָנט אָרָאָבוואַרפֿען פֿון זיך די קײטען פֿון שפּאַניען׳ס יאָך! — ווי נור איך האָב די

דאזיגע ווערטער ארויסגערעדט, האט דער קאפיטאן, נישט רעדענדיג קיין ווארט, מיר דערלאנגט די בריעף, וועלכע איך האב געשווינד ארייגעלעגט אין קעשענע. לא׳מיר-זשע יעצט לייענען זיי צוזאמען.

און רעדענדיג אזוי, האט דאן מאנועל ארויסגענומען א פאקעט בריעף און אויפגעבראכען זייער התימה.

— אט דא — האט ער געזאגט — איז א בריעף פון דאן פעדרא טעקסיירא; איהם וועל איך לעזען פריהער; און אט איז א בריעף פון זיין פרוי, דיין שוועסטער בעאטריקס, נעהם, לייען איהם דו פריהער. דא זענען פארהאן נאך אנדערע בריעף פון פערנאנדעץ אוואלעס, פון ראדריגא גוואלדילווא, פון דאלארעס מארטיירא און פון איהר זוהן זשואן. די דאזיגע בריעף וועלען מיר לייענען שפעטער. לא׳מיר נור פריהער אדורכלעזען, וואס עס שרייבען אונז דער שוואגער און די שוועגערין.

און דאן מאנועל און זיין פרוי האבען זיך פערטיעפט אין לעזען די בריעף. ווי מיר האבען שוין געזעהן, האבען זיי פריהער פארזיכטיג צוגעשלאסען אלע טהירען; דאס האבען זיי געטהון נישט בלויז צוליעב דעם, אז מען זאל זיי נישט שטערען, נאר דער עיקר, כדי קיין ילוד-אשה זאל נישט וויסען, אז זיי האבען בריעף ערהאלטען פון האלאנד און וואס פאר בריעף דאס זענען.

דער קאבאלערא דאן מאנועל איז געוועזן א שענער יונגערמאן פון א יאהר דרייסיג. לויט זיין אויסזעהן איז ער געוועזן אנ׳עכטער שפאניער; נאר אנ׳אויפמערקזאמער בעאבאכטער וואלט געקאנט בעמערקען, אז זיינע בעוועגונגען זענען עפים מעהר לעבהאפט ווי ביי א געוועהנליכען שפאנישען מיוחס, וועלכער האלט זיך שטאלץ און שטייף.

מאנועל׳ס פרוי, דאנא אנונציאטא, איז געוועזן מיט א פאר יאהר יונגער פאר איהר מאן; דאס איז געוועזן א יונגע פרוי פון זעלטענער שענהייט, ווי מען טרעפט עס אפילו זעלטען אין שפאניען, וועלכע שמ׳ט אויף דער וועלט מיט איהרע שענע פרויען.

ווען די בריעף זענען אדורכגעלייענט געווארען, האט דאן מאנועל געזאגט:

— אזוי-ארום זענען אלע אונזערע ליעבע פריינד און קרובים נישט בלויז אנגעקומען גליקליך קיין אמשטערדאם, נאר זיי האבען שוין דארט אויך בעקומען בירגער-רעכט. די דאזיגע בריעף בעפרייען מיין הארץ פון זעהר שווערע דאגות.

— איך — האט דאנא אנונציאטא זיך אבגערופען — האב גאר קיינמאל קיין ספק נישט געהאט, אז זיי וועלען גליקליך קומען קיין האלאנד; איך האב בעשטימט געוואוסט, אז השם יתברך וועט זיי בעשיצען און פיהרען אין זייער וועג. אה, מאנועל, ווען דו וואלסט נור געוואלט ערפילען מיין טיעפסטען וואונש און צוזאמען מיט מיר און מיט די קינדער אויך ארויספאהרען אין האלאנד, ווי אונזערע קרובים האבען עס געטהון!

— פערלאנג דאס נישט פון מיר, מיין ליעבע פרוי; דו ווייסט גאנץ גוט.

ווי טײַער און ליעב דו בּיסט מיר, ווי איך בּעמיה זיך צו ערפֿילען יעדען פֿערלאַנג דײַנעם, אָבער אין דער בּעציהונג קאָן איך דיר נישט נאָכגעבּען. איך קאָן נישט פֿערלאָזען מײַן ליעבּע און שענע זונען-פֿולע שפּאַניען און אַריבּערציהען זיך אין יענע קאַלטע צפֿון-מדינות, וואו דער אײבּיגער נעבּעל דריקט אויפֿ'ן מוח און דער בּלײַ-הימעל פֿערשטעלט פֿאַר'ן מענשען די ליכטיגע זון דעם גרעסטען טײל פֿון יאָהר.

— אָבער, מײַן פֿרײַנד, דערמאָהן זיך, ווי פֿאַר די אונבּעקוועמליכקײַטען וועלען מיר זיך קויפֿען דאָס גליק צו קאָנען דאָרט דיענען פֿרײַ און נישט-געשטערט דעם גאָט פֿון אונזערע אָבות, מתפּלל זײַן צו איהם און ערפֿילען זײַנע מצוות עפֿענטליך פֿאַר דער גאַנצער וועלט! אונזערע בּרידער און שוועסטער בּרויכען שוין נישט דאָרט בּעהאַלטען זיך אין די קעלערס, כּדי צו זינגען די הײליגע קאַפּיטלעך תּהלים, אין וועלכע אונזער דוד המלך האָט אין אונזער אײגענער שפּראַך געלויבּט און געדאַנקט אונזער גאָט און געבּעטען צו איהם! אַ פּראַכטפֿולע שוהל האָבּען אונזערע בּרידער אויסגעבּויט אין אַמשטערדאַם און רבּנים האָבּען זײ דאָרט, בּײַ וועלכע זײ הערען די ערקלערונגען פֿון דער תּורה. קײנער צווינגט זײ דאָרט נישט צו דיענען פֿרעמדע געטער, וועלכע מיר ליעבּען נישט אין אונזער האַרצען און קאָנען זײ נישט ליעבּען; זײ בּרויכען דאָרט נישט געהן צו אַ גלח מתודה זײַן זיך, צו זאָגען איהם פֿאַלש און ליגענד! דו האָסט דאָך געלײענט: אונזער שוואָגער און אונזערע קרובים זענען עפֿענטליך געוואָרען יודען. ווי גליקליך וואָלט איך זיך געשעצט, ווען אונזערע קינדער, דיעגאָ און איניעץ, וואָלטען פֿרײַ געוואָרען פֿונ'ם שווערען שיקזאַל, וואָס דריקט אונזער משפּחה שוין צוויי הונדערט יאָהר!

— אויך איך, מײַן ליעבּ ווײַבּ, בּין צוגעבּונדען מיט'ן גאַנצען האַרצען און מיט דער נשמה צו דער אמונה פֿון אונזערע אָבות, אָבער איך ליעבּ אויך דאָס שענע לאַנד שפּאַניען, די פּערל פֿון אײראָפּאַ, בּפֿרט נאָך וואַלענסיאַ און די הוערטאַ. איך וואָלט אין קײן אַנדער לאַנד נישט קאָנען האָבּען קײן גליקליכע, צופֿריעדענע מינוט, בּפֿרט נאָך אין יענעם קאַלטען פֿערנעבּעלטען לאַנד, וואו עס לעבּען די פֿלעגמאַטישע נידערלענדער מיט זײער קאַלטען בּלוט ווי בּײַ אַ פֿיש. אין פֿערצווײפֿלונג וואָלטען זײ מיך אַרײַנגעיאָגט מיט זײער שטײַפֿקײַט און קאַלטקײַט. דו דאַרפֿסט אויך נישט פֿערגעסען, אַז אונזער צושטאַנד איז אויך נישט דער אײגענער, ווי דער צושטאַנד פֿון אונזערע קרובים. יענע זענען סוחרים און זײערע געשעפֿטען קאָנען זײ אויך לײַכט פֿיהרען אין אַנ'אַנדער לאַנד. איך בּין אָבער, לויט מײַן געוועהנהײַט און פּערזענליכער נטיה, אַ לאַנדמאַן, איך האָבּ פֿעלדער, גערטנער און וועלדער. אין האָלאַנד איז מיר פֿערבּאָטען דאָס צו האָבּען, ווײַל די יודען האָבּען נאָך דאָרט נישט קײן רעכט צו האָבּען אײגענע גיטער. אויסערדעם וואָלט מיר אויך שווער געווען צו בּעל-הבּית'עווען אויף אַ פֿרעמדען בּאָדען, מיט וועלכען איך בּין נישט געוועהנט.

— ווען דו וואָלסט אונזער גוט פֿערקויפֿט, וואָלטען מיר געהאַט גענוג פֿער-

מעגען צו לעבען רוהיג אין האָלאַנד אויך אָהן געשעפֿטען און וואָלסט אויך ניט ברויכען צו בעאַרבײַטען דאָס לאַנד.

— יאָ, אָבער דאָס פֿערקויפֿען אונזער גוט איז פֿערבונדען מיט גרויסע שוועריגקײַטען און דאָס קאָן נאָך חס ושלום דערוועקען אַ חשד געגען אונז. פֿון אַזאַ חשד אָבער, ווי ווײַט איז עס דען ביז דער אינקוויזיציע!

— אָה, מאַנועל, רעד נישט אַרויס דאָס שרעקליכע וואָרט! זעה, דאָס שרעקליכע אינקוויזיציאָנס-געריכט וואַרפֿט-אַרויף אויף מיר אַנ׳אימה בײַטאָג און לאָזט מיך נישט צורוה בײַנאַכט! זינט מען האָט מײַן פֿאָטער, דעם שענסטען און איידעלסטען צווישען די מענשען, אַרויסגעריסען פֿון צווישען זײַנע קינדער, פֿון מײַן מוטער׳ס אָרעמס און אַוועקגעשלעפּט אין דער שרעקליכער געפֿענגעניש פֿון דער אינקוויזיציע, וואו ער איז אויסגעשטאַנען די שרעקליכסטע יסורים און עינוים און איז דערנאָך פֿערברענט געוואָרען לעבעדיגערהייד בעת דער פֿײַערונג פֿון דער חתונה פֿון אונזער קעניג, קאַרל דעם צווייטען, קאָן איך נישט הערען דערמאָהנען דעם שרעקליכען נאָמען פֿונ׳ם דאָזיגען געריכט, אַז אַ ציטערניש זאָל נישט אַדורכנעהמען מיך ביז טיעף אין דער נשמה. אָפֿט שפּרינג איך אויף פּלוצלונג בײַנאַכט פֿון טיעפֿען שלאָף און מיר דאַכט זיך, אַז איך הער קלינגען די קייטען, אין וועלכע מען וויל אונז אײַנשמיעדען!

— מײַן אָרים ווײַב! טאַקי דאָס, וואָס דײַן פֿאָטער, זכר צדיק לברכה, האָט אַזוי העלדיש אויסגעהאַלטען די יסורים און קיינעם פֿון אונז נישט פֿערראַטען, דאָס איז די בעסטע גאַראַנטיע פֿאַר אונזער זיכערקייט. קיינער האָט אויף אונז קיין חשד נישט, און כאָטש מען ווייס, אַז מיר ביידע שטאַמען פֿון אַ פֿאַמיליע פֿון אנוסים און נור יודיש בלוט רינט אין אונזערע אָדערן, האַלט מען נאָך אונז יעצט אויך פֿאַר גוטע קריסטען.

— אָבער, מײַן געליעבטער מאַן, צי איז עס דען נישט שלעכט פֿון אונזער זײַט, וואָס מיר געהערען עפֿענטליך צו אַ רעליגיע, וועלכע האָט פֿערגאָסען דאָס בלוט פֿון אונזערע עלטערן ווי וואַסער? לאָ׳מיר שוין אַמאָל אַראָבוואַרפֿען פֿון זיך די אונערטרעגליכע קייטען און, ווי אונזערע קרובים, אויסוואַנדערן אין אַ לאַנד, וואו די זיהן און טעכטער פֿון יודישען פֿאָלק דאַרפֿען נישט ציטערן אָהן אויפֿהער פֿאַר׳ן שרעקליכען געריכט און דעם טויט אין די פֿײַער-פֿלאַמען!

— מאַך זיך נישט קיין אומזיסטע זאָרגען! דער גאָט, וואָס האָט אונז בעשיצט ביז יעצט, וועט אונז אויך ווײַטער בעשירמען.

— צי זענען מיר אָבער דען נישט מחויב צו אַנטלויפֿען פֿונ׳ם דאָזיגען לאַנד, ווען גאָט עפֿענט פֿאַר אונז אַ פֿרײַ לאַנד?

— מעגליך, אַז דו ביסט גערעכט, אָבער איך קאָן זיך נישט ענטשליסען צו פֿערטוישען מײַן שען פֿאָטערלאַנד אויפֿ׳ן קאַלטען פֿערנעבעלטען צפֿון. זעה, הונדערט יאָהר איז שוין אַריבער, זינט די ערשטע אנוסים זענען אַנטלאָפֿען קיין האָלאַנד

און געפינען דארט פאר זיך א פרייע וועלט; זינט דאמאלס האבען פיעל נאכגעטהון זייער ביישפיעל, פיעל אבער זענען נאך עד־היום געבליבען דא, אין שפאניען. ווען ס'וואלט געווען אזא הייליגער חוב אויסצוואנדערן, פארוואס האט עס נישט געטהון מיין עלטער־זיידע, פארוואס איז מיין זיידע געבליבען אין שפאניען, פארוואס האט מיין פאטער נישט געטראכט צו פערלאזען דאס היגע לאנד?

— איך בין בלויז אנ'אונוויסענד ווייב, מיין מאנועל, און איך קאן נישט איבער־שפרעכען דיינע טענות. נאר איין זאך קאן איך דיר זאגען: איך האלט מיינע קרובים אין האלאנד פאר גליקליכע מענשען.

— ווען דו וואלסט אהין געקומען און געזעהן, ווי זיי לעבען דארט, ווי עס פעהלט זיי זייער היימישע זון און דאס געזעלשאפטליכע לעבען, ווי זיי קאנען נישט טיילנעהמען אין דער פערוואלטונג פון דער מלוכה און פון דער שטאדט, ווי דער המון לאכט דארט אב פון זיי אויף אלע גאסען, ווי מען איז זיי נור סובל, אבער זיי קאנען נישט לעבען ווי פרייע בירגער אין דער הויכגעלויבטער פרייער רעפובליק, — אה, ווען דו וואלסט דאס אליין געזעהן, וואלסטו זיך נישט געפיהלט גליקליך... לא'מיר נאר ענטפערן אקארשט אויף די בריעף און פערברע־נען זיי, ווייל גאט זאל אבהיטען אונז פאר'ן אונגליק, אז מען זאל זיי געפינען. מיר דארפען זיך צואיילען, ווייל דאס שיף געהט געשווינד אב קיין אינדיען און ערשט פון דארט וועלען אונזערע בריעף געהן צוריק קיין אמשטערדאם. דער וועג איז אפילו א וויטער, אבער א זיכערער, ווייל אנטרויען אונזערע בריעף דער קעניג־ליכער פאסט טארען מיר נישט. — — —

מאנועל און אנונציאטא האבען נאכאמאל זיך גענומען לייענען די ליעבע בריעף, איידער זיי האבען זיך געזעצט שרייבען א לאנגען ענטפער...

2.

דאס איז געווען איינע פון די טרויעריגסטע צייטען אין שפאניענס געשיכטע. רייך און מעכטיג איז געווען אמאל דאס דאזיגע לאנד אונטער דעם קעניג קארל דעם ערשטען, וועלכער האט, אלס דייטשער קייזער, געהייסען קארל דער פינפ־טער; איבער א גרויסען טייל פון אייראפא האט שפאניען דאמאלס געהערשט, די ניי ענטדעקטע לענדער פון אמעריקא האבען צו איהר געהערט און פון דארט פלעגט מען ברענגען קיין שפאניען יאהר־יעהרליך גוואלטיגע אוצרות אין גאלד און זילבער, אין אבנים טובות און פערעל און פיעל אנדערע טייערע זאכען. יעצט אין שפאניען דורך דער שולד פון איהרע מלכים און איהר פאנאטישער בעפעל־קערונג געפאלען שרעקליך נידריג — און איהר טרויעריג שיקזאל, א פאלקאמער חורבן, האט אנגעהויבען אונטערקומען אלץ נאהענטער און נאהענטער. דורך דעם

גירוש פון די יודען און אראבער (מויערן) איז דאס לאנד געבליבען אהן איהרע פלייסיגסטע איינוואוינער און אלע יודען און אראבער, וועלכע זענען אין לאנד געבליבען און האבען לפנים אנגענומען דעם קריסטליכען גלויבען, זענען דורך דעם שרעקליכען אינקוויזיציאנס-געריכט געפייניגט און פערברענט געווארען מחנות-מחנות-ווייז. צום אונגליק פאר'ן לאנד האט א לאנגע רייה מלכים שרעקליך פערוואהרלעסיגט דאס לאנד; צווישען אט די מלכים איז דער יעצטיגער קעניג, קארל דער צווייטער, געווען דער אונפעהיגסטער. דאס איז געווען א מענש אהן ענערגיע, אהן ווילען, כמעט א לעבעדיגער מת; האבען גע'בעל-הבית'עוועט אין שפאניען די הויף-לייט, וועלכע האבען פערשטאנען זיך אונטערצוקויפען, אלע ווילדע נייע, ביים שוואכען קעניג דורך חניפות, רכילות איינער אויפ'ן אנדערן און אלערליי מיאוסע אינטריגעס. זינט דעם שטרענגען קעניג פיליפ דעם צווייטען האט דאס שפאנישע פאלק געדרעמעלט; יעדע טעטיגקייט, יעדער געדאנק האט זיך אבגעשטעלט, ווייל די פאנאטישע גלחים האבען פאראליזירט דאס פאלק און צוגענומען ביי איהם די פעהיגקייט צו דענקען. די אינדוסטריע איז געלעגען אבגע'חלש'ט, די אוצרות, וועלכע פלעגען יעהרליך אנקומען פון אמעריקא, האבען נישט פערלייכטערט די נויט פון פאלק, ווייל זיי האבען נישט געדיענט אלס מיטעל צו א נייער, אבפרישענדער טעטיגקייט; דאס פאלק האט זיך געשראקען פאר דער ארבייט מעהר ווי פאר דער ארימקייט, און די אינקוויזיציע האט די איידעלסטע און בעסטע מענשען פון לאנד ווייטער געהאלטען אין איין פערברענען. וועגען רעכט און גערעכטיגקייט איז אין לאנד נישט געווען קיין רייד; אין נאמען פון א קעניג א זעלבסט-הערשער האבען 10—12 הויף-לייט גע'בעל-הבית'עוועט אין לאנד ווי ס'האט זיך זיי געוואלט; די מלוכה-הכנסות האבען זיי איינגעטיילט צווישען זיך און דורך שוחד האט מען אלץ געקאנט ביי זיי פועל זיין.

קארל דער צווייטער איז געווען דער לעצטער שפאנישער קעניג פון די האבסבורגער, דער לעצטער דירעקטער יורש פון קעניג פערדינאנד און קעניגין איזאבעל, וועלכע האבען די יודען ארויסגעטריבען פון שפאניען אין יאהר 1492. מיט'ן קעניג קארל איז אויסגעלאשען געווארען דער מאנסבילשער צווייג פון די שפאנישע האבסבורגער, ווייל ער האט נישט געהאט קיין קינדער נישט מיט זיין ערשטער פרוי, דער פרינצעסין פון פראנקרייך, נישט מיט זיין צווייטער, דער טאכטער פון פפאלצער קורפירשטען. ווען ס'האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער קעניג קארל וועט אויך מיט זיין צווייטער פרוי קיין קינדער נישט האבען, איז זיין ווידוי-פאטער, דער גלח דיאז, בישאף פון אווילא, געפאלען אויף דער המצאה, אז דער קעניג מוז זיין פער'כשופ'ט און אן איבערנאטירליכע קראפט שטערט איהם צו האבען קינדער. מען האט דעריבער געמאכט ארום דעם קעניג השבעות און אנגעהויבען פערטרייבען די שדים פון זיין סביבה. געהאלפען האט דאס אבער גארנישט. אנשטאט דעם אבער האט דער בישאף פון אווילא זיך דערוואוסט, אז אין אסטורישען שטעד-

מעל קאנגאס דע טינעאָ מאַכט אַ דאָמיניקאַנער גלח השבעות אַרום אַ מאָנאַשקע, כדי צו צווינגען דעם טייוועל, וואָס זיצט אין איהר, צו ענטפערן איהם אויף זיינע שאלות. דאַן האָבען די ערשטע הויכע גלחים פון שפּאַניען, ווי, למשל, דער קאַרדינאַל פּאָרטאָ קאַרעראָ, דער גרויס-אינקוויזיטאָר ריקאָבערטי און דער בישאָף דע אַווילאַ, בעפוהלען דעם דאָמיניקאַנער גלח, ער זאָל פרעגען ביים טייוועל, צי דער קעניג איז פער'כשופ'ט און ווי אַזוי מען זאָל איהם בעפרייען פון כשוף אָדער וואָס פאַר אַ תרופה מען זאָל געגען איהם אָננעהמען. דער טייוועל האָט, נאַטירליך, געענטפערט, אַז דער קעניג איז פער'כשופ'ט, און אַלס מיטעל געגען דעם כשוף האָט ער אָנגעוויזען, אַז מען זאָל געבען גרויסע סומעס געלד פאַר די דאָמיניקאַנער גלחים און די אינקוויזיציע זאָל זיך נעהמען שטרענגער צו איהר אַרבייט. דאַן האָט מען אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל אין גאַנץ שפּאַניען ניט בלויז אַז די אינקוויזיציע זאָל זיך נעהמען שטרענג צו דער אַרבייט, נאָר אַז אויך די גלחים זאָלען אין זייערע רעדעס פאַר'ן המון אין די קלויסטערס דערוועקען דעם עולם מודיע צו זיין דער אינקוויזיציע וועגען יעדען מענשען, אויף וועמען זיי האָבען נור אַ חשד, אַז ער איז ניט געטריי דער קאַטוילישער רעליגיע. אין אַלע טיילען פון לאַנד האָט מען פונאַנדערגעשיקט די בעסטע גלח'שע רעדנער, כדי צו דערוועקען די שבאַניער אַרויסצוגעבען דער אינקוויזיציע די געהיימע יודען, ד. ה. אַנוסים, מויערן און אַפּיקורסים. איינער פון די דאָזיגע רעדנער, גער ריבער, אַ פאַנאַטישער גלח און פּראָפעסאָר פון דער קאַטוילישער טעאָלאָגיע אין דער אוניווערזיטעט פון סאַלאַמאַנקאַ, איז געקומען קיין וואַלענסיאַ, כדי צו האַלטען אַ רעדע אין דער פראַנציסקאַנער-קירכע. ווער ס'האָט נור געהאַט אַ יסוד צו שרעקען זיך פאַר דער אינקוויזיציע, איז געקומען הערען די דאָזיגע רעדע. אויך דאָן מאַנועל און זיין פרוי זענען געווען דערביי אין דער קירכע. דער היסטאָריקער פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע, לאָרענטע, גיט-איבער די דאָזיגע רעדע, וועלכע איז אין דער העכסטער מדרגה מערקווירדיג דערמיט, וואָס אין איהר זעהט מען אַרויס בולט, וואָס פאַר אַ שרעקליכער גייסט ס'האָט געהערשט אין יענע צייטען אין שפּאַניען. מיר גיבען דאָ איבער איניגע שטעלען פון דער רעדע:

„די קירכע,—האָט דער סאַלאַמאַנקער פּראָפעסאָר געזאָגט—איז אַ מיליטערישע מאַכט. יעדער סאָלדאַט איז מחויב צו מעלדען זיין נאַטשאַלניק, וואו עס געפינען זיך די פיינד; אויב דער סאָלדאַט טהוט דאָס ניט, איז ער אַ פעררעטער און פערדיענט בעשטראָפט צו ווערען. אויך דער קריסט איז אַ סאָלדאַט און ווען ער ווייזט ניט-אָן אויף די אַפּיקורסים, בעגעהט ער אַ פערראַט און דאַרף זעלבסט געמשפּט ווערען אין אינקוויזיציאָנס-געריכט.—יעקב האָט פערלאָזען זיין שוועהר לבן, ניט נעהמענדיג קיין אָבשייד פון איהם. פאַרוואָס האָט ער דאָס געטהון? ווייל לבן איז געווען אַ געצענדיענער. מען זעהט אַלזאָ, אַז דאָרט, וואו ס'האַנדעלט זיך וועגען דעם גלויבען, מוזען אַלע מענשליכע געפיהלען שטעהן נידריגער פאַר דער

רעליגיע. מען ברויך דעריבער ארויסגעבען דער אינקוויזיציע די אפיקורסים, אפילו ווען דאס זענען די אייגענע עלטערן.—משה האט בעשטראפט, אלס גרויס-אינקוויזיטאר, דעם פאטער פון דער פרוי, וואס האט איהם בעהאנדעלט ווי א מוטער, דעם קעניג פרעה און האט איהם געלאזען דערטרינקען אין ים. אין פערברעכען, וועלכע דארפען בעשטראפט ווערען דורך דער אינקוויזיציע, דארף מען דעריבער נישט שוינען אפילו אנ'אייגענעם זיידען.—יהושע האט זיך בעגאנגען ווי אנ'אינקוויזיטאר געגען עכן, וועלכען ער האט איבערגעגעבען דעם פייער-טויט, ווייל ס'איז אנ'אקט פון גערעכטיגקייט, אז די אפיקורסים זאל מען פערברענען. עכן איז געווען א פירשט פון שבט יהודה און פונדעסטוועגען האט מען איהם ארויסגעגעבען דעם געריכט, ווייל אפיקורסים מוז מען ארויסגעבען, ווען זיי זאלען אפילו זיין פרינצען פון קעניגליכען הויז.—דוד המלך איז געווען אינקוויזיטאר געגען גלית הפלשתי און געגען שאול המלך. געגען דעם לעצטען אבער איז ער זיך בעגאנגען מילד, ווייל אויף שאול'ן האט גערוהט א בייזער גייסט. אבער ווי דוד האט דער'הרג'עט גלית'ן, אזוי דארף די אינקוויזיציע אויך פערניכטען די אפיקורסים פון דער וועלט".

אינ'ם דאזיגען זין און אין אזא גייסט האט דער גלח'שער פראפעסאר גערעדט ווייטער. נאך די משלים פון תנ"ך האט ער אנגעהויבען ברענגען משלים פון די קריסטליכע ביכער. דער המון איז דאדורך שרעקליך פאנאטיזירט געווארען; דער גלח האט אנגעוויזען, אז דער הייליגסטער חוב פון יעדען קריסט ליגט דערין, אז ער זאל מודיע זיין די בעאמטע פון דער אינקוויזיציע יעדען חשד, וואס ער האט אויף עמיצען, און איבערגעבען זייער יעדעם ווארט, וואס מען קאן דערין געפינען א שאטען פון אפיקורסות, כדי מען זאל פערניכטען די אפיקורסות פון דער וועלט מיט פייער און שווערד.

אין דער גרעסטער אויפרעגונג האט דאנא אנונציאטא פערלאזען די קירכע. קומענדיג אהיים, האט זי מיט טרעהרען זיך געווארפען דעם מאן אויפ'ן האלז און געבעטען איהם, אז ער זאל זיך צוגרייטען וואס גיכער ארויסצופאהרען פון שפאניען, כל-זמן עס איז נאך נישט צו-שפעט און דאס אונגליק האט נאך נישט אויסגעבראכען איבער זיי.

אויך דאן מאנועל האט מיט גרויס שרעק און יסורים אין הארצען געהערט די פאנאטישע רעדע פונ'ם גלח. ער האט דאס אבער נישט געלאזט בעמערקען זיין פרוי און זיך בעמיהט זי צו בערוהיגען.

— מיין ליעב ווייב, בערוהיג דיך—האט ער זי געטרייסט, — ס'האלט נאך נישט אזוי שלעכט, ווי דו שטעלסט זיך פאר. זינט צוויי הונדערט יאהר זענען מיינע עלטערן געווען תמיד אנוסים (מאראנען) און דערביי שטענדיג הייסע יודען. נאך קיינמאל איז אויף א מיטגליעד פון מיין משפחה נישט געפאלען קיין חשד; קיינמאל האט מען נאך עמיצען פון זיי נישט געשטעלט צום געריכט. דורך קלוגשאפט און פארזיכטיגקייט האבען מיר שטענדיג געוויזען אבצוהיטען זיך פון יעדען

חשד. איין מיטגליעד פֿון אונזער משפחה האָט זיך שטענדיג געווידמעט דעם גלח'ישען לעבען, אַזוי-אַרום האָבען מיר געהאַט די מעגליכקייט צו דערוויסען זיך תיכף וועגען יעדער סכנה, וואָס שטעהט אונז פֿאָר, און געהיט זיך פֿאַר איהר. פֿיעל מיטגליעדער פֿון מיין משפחה האָבען דערגרייכט ביז אַ הויכער מדרגה אַלס גלחים, און דער ערצבישאָף פֿון קאָרדאָווא, דאָן אַלפֿאָנזאָ פֿערנאַנדעץ י. אַגילאַר, קאַרדינאַל פֿון רוימישען שטוהל, איז מיין עלטער-פֿעטער. שוין צוליעב דער מורא פֿאַר איהם וועט זיך קיינער נישט דערוועגען צו וואַרפֿען אויף אונז אַ חשד.

— הלואי וואָלט איך געקאָנט זיין אַזוי זיכער און רוהיג, ווי דו, מיין ליעבער; אָבער מיין הארץ איז פֿול שרעק און שפּירט נישט גוטס! זאָל ג' שומר ומציל זיין, ווען מען זאָל אונז מסר'ן, וואָס וועט קאָנען פֿאַר דיר טהון דיין פֿעטער? צי האָט דען דאָס דאָזיגע שרעקליכע געריכט שוין נישט געפֿאָדערט פֿאַר זיין שטוהל אויך פֿירשטען און פּרינצען, בישאָפֿען און ערצבישאָפֿען? אַזעלכע מעשים האָט דאָס גלח'ישע געריכט זיך דערוואויגען צו טהון אַפֿילו אין דער צייט, ווען אין שפּאַניען האָט רעגירט אַ מעכטיגער קעניג; וואָס-זשע קאָנען מיר נאָך ערוואַרטען אין דער יעצטיגער צייט, ווען מיר האָבען נור אַ שאָטען פֿון אַ קעניג?

— דאָס ביסטו אַפֿילו, מיין האַרץ, גערעכט: ווען דער חשד זאָל זיך, חלילה, דערוועקען געגען אונז, וועט שוין פֿאַר אונז קיין רעטונג נישט זיין. אָבער ווער וועט עס דען זיך דערוועגען צו מסר'ן אונז? צווישען אַלע מיינע באַקאַנטע האָב איך נישט קיין איינציגען פֿיינד, און ווידער קיין ילוד-אשה צווישען די אמת'ע קריסטען ווייס נישט וועגען אונזער יודענטום; פֿאַר אונזערע פֿריינד, די אַנוסים, אָבער, קאָן איך ערוב זיין מיט לייב און לעבען: צווישען זיי איז קיין פֿעררעטער נישטאָ.

— אָבער ווי לייכט קאָן דער צופֿאַל אַליין אונז פֿעררעטען! אָה, די דאָזיגע רעדע! אַ זוהן האָט זי דערוועקט געגען דעם פֿאָטער, אַ ברודער געגען אַ ברודער, אַ דיענער געגען זיין הערין, אַ דיענסט געגען איהר הערין, — אָה, איך וועל שוין מעהר פֿון קיין רוה נישט וויסען!

— מיין ליעב ווייב, דו בעאונרוהיגסט זיך אומזיסט. אונזערע דיענער און דיענסטען זענען, ביז דער זויגערין זשואַנאַ, אַלע מאַחינו בני ישראל, יודען און יודענעס, ווי איך און דו. און זשואַנאַ? זי וועט אונז נישט פֿעררעטען צוליעב דעם פּראָסטען טעם, וואָס זי ווייס גאָרנישט.

— אָה, אַן'אונגליק האָט מיר געטראָפֿען, וואָס ג' האָט מיר נישט ערלויבט צו זויגען אַליין אינעזץ, ווי איך האָב געזויגען אונזער דיעגאָ! ווען נישט דאָס, וואָלט קיינמאָל קיין קריסטין נישט אַריינגעקומען צו אונז אין שטוב! ווער ווייס, אפֿשר איז איהר עפּיס-וואָס פֿאַרגעקומען אויפֿפֿאַליג, אָדער גאָר וואונדערליך ביי אונז אין שטוב?

— דערפֿאַר האָב איך דאָך זי טאַקי אַראָבגעבראַכט אַזש פֿון קאָרדאָווא, כדי זי זאָל פֿרעמד זיין מיט'ן אַלגעמיינעם היגען לעבען און אַלץ זאָל איהר דאָ פֿאַר-

קומען פֿרעמד און וואונדערליך. זי ווייס, אַז דער העכסט געלעהרטער קאַרדינאַל ערצבישאָף פֿון איהר געבורטס-שטאָדט קאָרדאָווא איז מײַן עלטער-פֿעטער, און זי האָט טאַקי גאָר נישט דעם ווייטסטען חשד אפילו, אַז זי געפֿינט זיך אין שטוב בײַ אַזעלכע שלעכטע אַפּיקורסים, ווי מיר זענען. ווען איך האָב זי אַהער געפֿיהרט, האָב איך בכיוון געפּרובט מיט איהר מאַכען אַ שמועס וועגען די יודען. דער קוטשער האָט דערבײַ אָנגעהויבען שמײַסען זײַנע מוילטיערען און געשאָלטען מיט ביטערע קללות די יודען. — „דו שילטסט זיך, ווי אַ געצענדיענער, אָדער אַ יוד, גראָנימאָ!“ — האָב איך אויסגערופֿען צו איהם. — „האָסטו שוין אַמאָל אַ יודען געזעהן, זשואַנאַ?“ — האָב איך געפֿרעגט בײַ אונזער קינפֿטיגער זויגערין, און ווען זי האָט געענטפֿערט, אַז זי האָט נאָך קיינמאָל אין לעבען קיין יודען נישט געזעהן, האָב איך איהר אָנגעהויבען שילדערן, ווי אַ יוד זעהט-אויס. איך וואָלט זיך געוואָטען, אַז ווען זשואַנאַ זאָל יעצט בעקומען צו זעהן אַ מאַלפּע, וואָלט זי תיכּף געגאַנגען אין אינקוויזיציאָנס-געריכט מעלדען, אַז זי האָט אַ געהיימען יודען געזעהן.

דאָנאַ אַנונציאַטאַ האָט זיך הויך צעלאַכט.

— געלויבט איז ג', וואָס דו לאַכסט שוין ווידער-אַמאָל! — האָט דאָן מאַנועל געזאָגט. — איך בעט דיך, פֿערטרײַב דײַנע זאָרגען. ס'וועט דערפֿון גאָרנישט אַרויסקומען, כ'קאָן דאָך גאָר נישט טראַכטען וועגען פֿערקויפֿען מײַן גוט אין אַזאַ צײַט, ווי די יעצטיגע איז, ווײַל דוקא יעצט, נאָך דער דאָזיגער רעדע, וואָלט איך דערוועקט אַ חשד. לאָ'מיר בעסער וואַרטען אויף אַ בעסערע צײַט. אין אַ פּאָר וואָכען אַרום וועט מען פֿערגעסען אָן די פֿערשאַרפֿטע כללים פֿון דער אינקוויזיציע, דאַן וועל איך — איך בין עס דיר מבטיח בנאמנות — אויסניצען די ערשטע געלעגענהייט צו פֿערקויפֿען מײַן הויז מיט מײַן גוט און מיר וועלען אויסוואַנדערן קיין האָלאַנד.

— אָה, דאַנק, דאַנק, מײַן ליעבער מאַן! מיט דער דאָזיגער הבטחה מאַכסטו מיך גליקליך!

די טהיר האָט זיך געעפֿענט און אין שטוב איז אַרײַנגעקומען דיעגאָ, אַ שען יונגעל פֿון אַ יאָהר זיעבען. ער איז צוגעלאָפֿען צום פֿאָטער און מוטער, געקושט בײַדען די הענד; דאָנאַ אַנונציאַטאַ האָט היים אַרומגענומען דאָס יונגעל און בעדעקט איהם מיט קושען.

— מײַן האַרציגער יונג, — האָט זי אויסגערופֿען, — וואו ביסטו עס געווען?

— בײַ ראַפֿאַעלאַ, מאַמעשי, — האָט דאָס קינד געענטפֿערט. — אָה, איך בין גערן בײַ ראַפֿאַעלאַ. ער דערצעהלט מיר אַזעלכע שענע מעשיות פֿון קעניג דוד, פֿון וועלכען מיר שטאַמען-אַרויס, און פֿון קלוגען מלך שלמה, וועלכער האָט געהערשט איבער אַלע נשמות און רוחות.

— מאַנועל! — האָט דאָנאַ אַנונציאַטאַ אויסגערופֿען — ווען דאָס דאָזיגע קינד וועט מיט זײַן תמימות...

— האָב נישט קיין מורא, מאַמעשי, — האָט דאָס קלוגע יונגעל זיך אָבגערופען; — פון מיר וועט נישט זשואַנאַ, נישט קיין אַנדער קריסט זיך דערוויסען עטוואָס, וואָס זאָל וואַרפען אויף אונז אַ חשד...

— מיין דיעגאָ איז קלוג, — האָט דאָן מאַנועל געזאָגט, — אַנדערש וואָלט איך איהם נישט אָנפערטרויט אונזער סוד. אין אונזער משפחה פיהרט זיך נאָך עד-היום, אַז יונגע קינדער אין דיעגאָ׳ס עלטער ענטדעקט מען דעם היילינגען סוד און מען ערציהט זיי אין דער רעליגיע פון אונזערע אָבות. ס׳איז אָבער נאָך קיינמאָל נישט פאָרגעקומען, אַז אונזערם אַ קינד זאָל האָבען עטוואָס פערראַטען.

דאַן האָט דער פאָטער גענומען דאָס קינד צו זיך אויף די קניע און האָט עס אָנגעהויבען וויעגען, וועהרענד די מוטער האָט אָנגעקלונגען. באַלד איז אַריינגעקימען די זויגערין זשואַנאַ מיט דער קליינער האַלב-יעהריגער איניען אויף די הענד. די מוטער האָט גענומען דאָס קינד און אָנגעהויבען עס קושען און האַלזען. דאָס איז געוועזן אַנ׳אמת בילד פון אַ גליקליכער משפחה: דער שענער פאָטער מיט זיין קרעפטיגען, קלוגען יונגעל אויף די קניע, די שען-חנ׳עוודיגע מוטער מיט דעם קליין מיידעלע אין די אָרעמס און דער מלאך פון ליעבשאַפט, וואָס ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז מען הערט איהם אַרומפליהען איבער דער קליינער גרופע.

אין צימער איז אַריינגעקומען דער אַלטער שטוב-משרת ראַפאַעלאָ און געמעלדעט, אַז אַ דאָמיניקאַנער גלח, פריי (ברודער) באַלטאַזאַר, וויל רעדען מיט׳ן קאַבאַלעראָ.

3.

אויף דאָן מאַנועל׳ס ווינק האָט דער משרת געעפענט די טהיר און אין זאַל איז אַריינגעקומען דער גלח. דער ריטער און זיין פרוי, וועלכע האָט נאָך דאָס קינד געהאַלטען אויף די הענד, האָבען זיך אויפגעהויבען, אויפצונעהמען דעם גלח. לויט די שפאַנישע מנהגים, טאָהר אפילו אַ פרוי נישט אויפשטעהן, ווען אַ מאַנסביל קומט אַריין, אָבער ווען דער מאַנסביל איז אַ גלח, איז זי מחויב אויפצושטעהן און מקבל פנים זיין איהם מיט יראַת-הרוממות.

דערזעהענדיג די שענע דאָנאַ אַנונציאַטאַ, איז דער גלח געבליבען שטעהן ווי פערבלענדעט.

— מאַדאָנאַ! — האָט ער אויסגערופען — אַנ׳עכטע מאַדאָנאַ מיט׳ן קינד! גליקליכע שפאַניען, וואָס האָט אַזעלכע שענע פרויען! אַזאַ צירונג פאַסט נור פאַר׳ן לאַנד פון מירטען און גאָלד, פאַר׳ן לאַנד פון היילינגע און העלדען! זיי שטאָלץ, מיין פאָטערלאַנד, מיט דיין הערשאַפט איבער אַמעריקאַ, וועלכע דו האָסט ענטדעקט; אָבער נאָך שטאָלצער דאַרפסטו זיין דערמיט, וואָס דאָנאַ אַנונציאַטאַ

י. אגילאר געהערט צו דיינע טעלטער! זייט מיר מוחל, סעניאר קאבאלערא, וואס איך בעגריס אייך נור ערשט: די הימלישע שענהייט פון אייער פרוי האט מיך פערבלענדעט! ווי גליקליך זענט איהר, וואס איהר האט אזא פרוי! און דערצו נאך אזעלכע שענע און ליעבע קינדער! קום אהער, מיין בחור'ל, איך שענק דיר א הייליג בילד.

דיעגא איז צוגעגאנגען צום גלח, געקושט איהם די האנד, ווי מען האט איהם געלערנט. דער גלח האט ארויסגענומען פון קעשענע א בילד פון א קדוש און דערלאנגט דעם יונגעל.

— נעהם, — האט ער צו איהם געזאגט: — דאס איז דער הייליגער פעטער ארבועץ, דער בעשיצער פון קעניגרייך וואלענסיא, דער ערשטער אינקוויזיטאר פון דער היגער שטאדט, וועלכען די פערשאלטענע יודען האבען דער'הרג'עט. זיי מתפלל צו איהם, אז ער זאל דיך בעשיצען פאר אפיקורסות.

ביי די דאזיגע ווערטער האט דער גלח אנגעקוקט שארף דעם ריטער אין פנים. מאנועל איז אבער געוועהנט געוועזען צו בעהערשען זיך. מיט קיין איינציגער מינע האט ער נישט ארויסגעוויזען, אז די ווערטער פון גלח זענען איהם נישט געפעלען.

— וואס איז אייער בעגעהר, עהרווירדיגער פאטער? — האט מאנועל געפרעגט.

— איך קום אהער — האט פריי באלטאזאר געענטפערט — צו בעלעסטיגען אייך איינינע וואכען לאנג מיט מיין זיין ביי אייך אנ'אורח אין שטוב. מיין נאמען איז באלטאזאר און מיין ארדען, ווי איהר זעהט פון מיינע מלבושים, דער ארדען פון הייליגען דאמיניקוס.

— איהר זענט מיר א ליעבער גאסט, עהרווירדיגער פאטער, אבער זייט אזוי גוט און זאגט מיר, וואס פאר א גליקליכען מאטיוו איך האב צו פערדאנקען די עהרע מכנים-אורח-צו-זיין א הייליגען דיענער פון אונזער געבענשטער קירכע?

— קאנט איהר דען דעם מאטיוו אליין נישט טרעפען, סעניאר קאבאלערא?

— אפשר שטעהט עס אין צוזאמענהאנג מיט דער היינטיגער רעדע ביי די פראנציסקאנער?

— אזוי איז עס, סעניאר! מען האט שוין לאנג נישט איינגעארדענט קיין אויטא דא פע *). מען האפט, אז אויב מען וועט פערברענען פיעל אפיקורסים, וועט די מלכה אין הימעל טהון א חסד מיט אונזער קעניגין און בענשען זי מיט א קינד. און דעריבער האט מען פעראָרדענט, אז ביי יעדער משפחה, וואס איהרע אבות זענען געוועזען יודען אדער מויערן, זאל א געוויסע צייט וואוינען אין שטוב א גלח, כדי צו בעאבאכטען דארט די מענשען און זייערע מעשים, דאס לעבען און די הנהגות אין שטוב. ווי ווייט איך האלט, אז בנוגע אייך איז אזא זאך גאר

*) אנ'אקט פון גלויבען. אזוי האט מען גערופען דאס פערברענען די אפיקורסים לויט'ן אורטייל פון דער אינקוויזיציע.

איבריג, קאנט איהר ארויסזעהן דערפון, וואס איך ערקלער אייך אליין דאס ציעל
פון מיין שליחות. א פלימעניק פונ'ם הויך-געעהרטען קארדינאל ערצבישאף פון
קארדאוואַ איז געווים נישט קיין אפיקורוס. מיר וועלען לעבען צוזאמען בשלום,
סעניאר, און שיידען זיך אלס פריינד.

— אזוי האף איך. זייט אין מיין הויז, ווי ביי זיך אין-דערהיים. מיין ליעב
ווייב, זעה צו בעזארגען אנ'אנבייסען פאר'ן עהרווירדיגען פאטער!

דאנא אנונציאטא איז מיט די קינדער ארויסגעגאנגען אין א צווייטע שטוב
און באלד האט מען אריינגעטראגען אנ'אנבייסען פאר'ן גלח. אויך דאן מאנועל
האט געפונען א תירוץ צו נעהמען אבשייד פון איהם. אין א ווייטסטען צימער
אין הויז האט ער געלאזט רופען צו זיך זיין פרוי, ווייל צוליעב דער אנוועזענ-
הייט פון גלח, האט מען געדארפט מאכען געוויסע פערארדנונגען אין שטוב.
קודם-כל אבער האט מען געברויכט אבשטעלען תיכף די געהיימע צוזאמענקונפטען
פון די אנוסים אין מאנועל'ס הויז. ביים אריינגאנג אין קעלער, וואו עס איז געווען
א געהיימע שוהל, האט מען אנגעווארפען שטיינער און זאמד. דער אלטער משרת
ראפאעלא, וועלכער איז אויך געווען דיעגא'ס מלמד, האט דערהאלטען א בעפעהל,
אבצושטעלען דאס לערנען מיט'ן יונגעל; די קעכין האט דערהאלטען א בעפעהל
צו פערמיידען אין קיך אלץ, וואס קאן ווארפען א חשד.

א געוויסע צייט איז אלץ געגאנגען גוט. פריי באלטאזאר, נאך א יונגער און
אנ'אנגענעהמער מענש, האט זיך בעפריינדעט מיט אלע מיטגליעדער פון דער
משפחה; דעם קאבאלערא האט ער געהאלפען אין זייןווירטשאפטליכער טעטיג-
קייט; פאר דאנא אנונציאטא האט ער געבראכט ראמאנען פון לעבען פון רויבער
און ריטער; דאדורך האט ער געקריגען נושא-חן צו זיין ביי איהר. דעם קליינעם
דיעגא האט ער דערצעהלט מעשה'לעך וועגען אלטע שפאנישע גבורים און וועגען
קאלומבוס, דעם ענטדעקער פון אמעריקא. אזוי זענען פאריבער זעקס וואכען.
אבער פריי באלטאזאר האט נאך אלץ נישט גערעדט וועגען פערלאזען דאס הויז;
מאנועל פון זיין זייט האט זיך נישט דערוואויגען צו דערמאהנען איהם וועגען
דעם. אבער וואס היימישער דער נישט-געבעטענער גאסט איז געווארען אין שטוב,
אלץ מעהר האט ער אנגעהויבען בעלעסטיגען די שענע אנונציאטא מיט זיין גע-
גענווארט. לסוף איז עס געקומען אזוי ווייט, אז דאנא אנונציאטא האט געמוזט
בעטען ביי איהר מאן צו בעשיצען זי פאר'ן יונגען גלח, וועלכער האט פראסט
איהר'ע טריט געצעהלט. אבער אנשטאט צו דערמאהנען דעם גלח, אז עס איז שוין
צייט ארויסצוציהען זיך פון פרעמדען הויז, האט מאנועל זיך בעסער געווענדעט
צום ערצבישאף פון וואלענסיא מיט אנ'אנקלאגע געגען דעם נישט-שענעם בענעה-
מען-זיך פונ'ם גלח געגען זיין פרוי. פריי באלטאזאר האט תיכף דערהאלטען א
בעפעהל צו פערלאזען דאס הויז פון דאן מאנועל; מען האט איהם אויך בע-
שטראפט מיט עטליכע וואכען שטרענגער תשובה.

די דאזיגע געשעהעניש האט פערשטארקט ביי דאן מאנועל זיין בעשלוס אויסצוואנדערן פון שפאניען. באלד ווי דער גלח האט זיך ארויסגעצויגען פון שטוב, איז פארגעקומען אין זיין געהיימען קעלער א פערזאמלונג פון אנוסים, וועלכע מאנועל האט ערקלערט זיין בעשלוס אויסצוואנדערן קיין האלאנד.

דער קעלער, וואו די פערזאמלונגען פון די אנוסים אין וואלענסיא פלעגען פארקומען, איז געוועזען אויסגעבויט אין מאנועל'ס הויז טיעף אונטער דער ערד, אונטער א שטארקען סופיט פון גרויסע פיער-קאנטיגע שטיינער. צום קעלער איז געווען אנ'ארונטער-גאנג גלייך פון שטוב. די קרובים פון דער משפחה פלעגען זיך צוזאמענקומען אין פערשידענע, נישט-אפטע צייטען צו מאנועל אין זיין געשעפטס-צימער. דארט איז געווען א טהיר אין דער פאדלאגע, דורך וועלכער מען פלעגט ארונטערקומען דורך שטיינערנע טרעפ אין קעלער אריין. אין קעלער פלעגט מען דורך א געהיימער זייטיגער טהיר און א לאנגען קארידאר אריינקומען אין דער שוהל. שוין צוויי הונדערט יאהר פלעגען אהין די אנוסים פון וואלענסיא זיך צוזאמענקומען מתפלל זיין צו ג'. וויפיעל טרעהרען זענען דארט פערגאסען געווארען אין דער צייט פון נויט און שרעק, פון דאגות און ביטערניש! דער קעלער איז אויסגעבויט געווארען דורך מחמד'אנישע אנוסים; אנ'ארכיטעקטאר פון די יודישע אנוסים האט דעם פלאן פון דער געביידע געמאכט און געלאזען אויספיהרען די ארבייט אונטער זיין השגחה. געארבייט האט מען דערביי נור אין פינסטערע נעכט און אבהיטענדיג א שטרענגע פארזיכטיגקייט.

די געביידע אונטער דער ערד איז געווען זעהר א גרויסע; צוויי אבטהיילונגען זענען דארט געווען: איינע פאר מאנסביל און די צווייטע פאר פרויען. ביי דער מזרח-וואנד איז געשטאנען דער ארון-הקודש, אין וועלכען עס זענען געווען דריי ספרי-תורה'ס; אין דער מערב-וואנד איז געווען איינגעמויערט א שאנק, אין וועלכער מען האט געהאלטען טליתים-און-תפילין, סדורים, מחזורים, חומשים, שופרות אויף ראש-השנה, קיטלען און אנדערע כלי-קדש. אין דער צפון-וואנד איז געווען א טהיר, דורך וועלכער מען האט דורך א לאנגען קארידאר אונטער דער ערד געקאנט ארויסקומען אין א טיעפען, געדיכטען וואלד, וועלכער האט אויך געהערט צו דאן מאנועל. דער אריינגאנג פון מאנועל'ס הויז איז געווען אין דער דרום-וואנד. וועהרענד יעדער פערזאמלונג פון די אנוסים, צי צום דאווענען, צי צום סדר-אבריכטען אדער אנדערע רעליגיעזע בעדערפנישען, פלעגט מאנועל'ס א משרת האלטען שמירה ביים אריינגאנג און דורך א שנור-גלאק פלעגט ער מודיע-זיין מאנועל'ן, אז מען ברויכט איהם נויטיג צו האבען אין שטוב. אויב מאנועל פלעגט נאך זיין אריינקומען דאן אין שטוב געבען צוויי האסטיגע קלונגען, איז דאס געווען א סימן, אז די דיענער פון דער אינקוויזיציע האבען געמאכט א בעפאל און די קהלה שטעהט אין סכנה. אין אזא פאל האבען אלע פערזאמעלטע געקאנט אנטלויפען דורכ'ן גאנג אונטער דער ערד אין וואלד אריין. אינ'ם קארידאר איז

שפענדיג געשטאנען אנ'אנגעגרייטער קאסטען מיט גאלד, כדי צו בעזארגען די אנטלויפענדע מיט באר געלד.

די לעצטע פערזאמלונג, וועלכע מיר האבען נור-וואס דערמאהנט, איז פאר-געקומען שבת בראשית. גלייך נאך קריאת התורה איז דאן מאנועל ארויף אויפ'ן אלמעמאר און געהאלטען פאר די פערזאמעלטע יודען פון וואלענסיא פאלגענדע רעדע:

„מיינע פריינד, ברידער און חברים אין עלענד!

מיר האבען נור-וואס געלעזען אין דער תורה, ווי ג' האט בעשאפען דעם הימעל, די ערד און אלץ, וואס איז אויף זיי און אין זיי. ג' איז דער העדר פון דער גאנצער וועלט און אונזערע אבות האט ער אויסגעוועהלט, אז זיי זאלען זיינע דינער זיין. דורך דער זינד פון אונזערע אבות און דורך אונזערע זינד זע-נען מיר אבער ארויסגעטריבען געווארען פון אונזער פאטערלאנד, ארץ-ישראל, און מיר מוזען פיהרען דא, אין שפאניען, א לעבען אין שטענדיגער מורא און געפאהר. פיעל פון אונזערע עלטערן און ברידער זענען אויפ'ן פייער פערברענט געווארען, פיעל האבען אויסגעוואנדערט אין פרעמדע לענדער, וואו עס הערשט א גייסט פון מילדקייט און חסד פאר די געפייניגטע זיהן פון פאלק ישראל. מיין שוואגער דאן פעדרא טעקסיירא מיט זיין משפחה זענען גליקליך אנגעקומען אין אמשטערדאם; איך בין ענטשלאסען נאכצוטהון זייער ביישפיעל."

ביי די דאזיגע ווערטער איז ענטשטאנען אנ'אמת'ע מהומה אין דער קעלער-שוהל. מען האט דייטליך געקאנט זעהן, וואס פאר א שרעק מאנועל'ס ווערטער האבען געווארפען אויף אלעמען. איין אלטער מאן האט-זיך אויפגעהויבען און געזאגט:

— איהר ווילט אונז פערלאזען, דאן מאנועל? וואס-זשע וועט ווערען פון אונז? אויף אייך קוקען מיר ווי אויף א בעשיצער. איהר זענט רייך און מעכטיג און איהר האט גרויסע פערבינדונגען, וועלכע שיצען אונז אין אזעלכע געפעהר-ליכע צייטען, ווי די איצטיגע. אה, פערלאזט אונז נישט!

— איך בין ווייט פון געדאנק צו פערלאזען אייך, — האט מאנועל געענט-פערט. —איך בין גענוג רייך צו נעהמען אייך אלעמען מיט-זיך אין דאס ווייטע לאנד אריין. צי ווילט איהר אנטלויפען מיט מיר צוזאמען? אויב יא, קויף איך א שיף אזא גרויסע, אז זי זאל קאנען ארויפנעהמען אונז אלעמען, כדי מיר זאלען צוזאמען פערלאזען דאס גרויזאמע לאנד, וועלכעס מיר ליבען פונדעסטוועגען אזוי שטארק און אזוי הייס. אבער, מיינע ברידער, בעטראכט אייך גוט, איידער איהר נעהמט-אן א בעשלוס. ווען פערדינאנד און איזאבעלא, ימח שמם, האבען אין יאהר 1492 פערטריבען אלע יודען פון שפאניען, האבען שפעטער פיעל פון זיי זיך צוריקגעקעהרט, ווייל זיי האבען נישט געקאנט פערטראגען דאס לעבען אין דער פרעמד, און דא האט-זיך דאמאלס אנגעהויבען פאר זיי א לעבען פון אונגליק און עלענד. אויך מיך, מיינע פריינד, ערפילט מיט טרויער דער געדאנק,

אז איך מוז פערלאזען מיין פאטערלאנד און ארומוואנדערן אין יענץ קאלט, פערוואלקענט און פערנעבעלט לאנד; מיינע אויגען ווערען פול מיט טרעהרען, ווען איך טראכט וועגען דעם. אבער אזוי מוז עס זיין. איך מוז זיך פון דאנען ארויסציהען, ווייל די סכנה, וואס שטעהט דא אונז פאר, פערגרעסערט זיך פון טאג צו טאג. בעטראכט אייך, אלזא, נעהמט־אן א בעשלום און גיט מיר איהם איבער.

— אונזער בעשלום—האט געענטפערט דער זקן, וואס האט פריהער גערעדט—ווען מיר אייך איבערגעבען דעם קומענדיגען שבת, פרשה נח. אפשר וועט אונז ג׳ העלפען, אז אויך מיר זאלען, אזוי ווי נח, ראטעווען־זיך אויף א שיף פונ׳ם אלגעמיינעם פערדערבען. אלענפאלס, סעניאר קאבאלערא, נעהמט־אן אונזער דאנק פאר אייער גרויסמוטיגען פארשלאג.

דער עולם האט דאן געדאווענט מוסף און אין דער שטיל, א לאנגע צייט איינער נאכ׳ן אנדערען, האבען זיי ביסלעכווייז פערלאזען דאס הויז פון ריטער י. אגילאר.

דער גלח באלטאזאר האט געהאלטען אין איין טראכטען וועגען נעהמען נקמה אין דעם ריטער אגילאר; א געלעגענהייט דערצו האט ער געהאט נור איינע: אגילאר האט געשטאמט פון א משפחה פון אנוסים. דריי חדשים לאנג האט דער גלח געלעבט ביים ריטער אין שטוב און ווי אנ׳עכטער שפיאן האט ער געשפירט און נאכגעקוקט אין אלע ווינקעלעך, אבער ער האט נישט געקאנט ענטדעקען עפיס־וואס אזעלכעס, וואס זאל קאנען דערוועקען אפילו א שאטען פון א חשד. דאס געפיהל פון נקמה האט איהם אבער נישט געלאזט צו־רוה א מינוט. דאן האט ער זיך גענומען שטודירען די פארצייטיגע אקטען פון דער אינקוויזיציע, כדי צו דערגעהן פון זיי, ווי־אזוי מען פלעגט אין די פריהערדיגע צייטען ענטדעקען די געהיימע יודען, אדער וואס פאר א טייוועלשע מיטלען מען פלעגט אנווענדען, כדי צו געפינען די געלעגענהייט צו שטעלען זיי פאר׳ן געריכט פון דער אינקוויזיציע. און אט האט ער ענטדעקט א מיטעל, וועלכען מען פלעגט אפט אנווענדען אין אזעלכע פאלען: מען פלעגט־זיך נעהמען צו די משרתים פון הויז און אויספארשען זיי וועגען דעם לעבען פון זייערע העררען, בעזונדערס וועגען דעם, ווי־אזוי זיי גרייטען־צו די שפייזען צום טיש. אין די אלטע אקטען האט דער גלח באלטאזאר ענטדעקט אזעלכע זאכען, וואס זענען פאר איהם אליין געווען נאך גאר פרעמד, ווייל אין יענער צייט, ס׳הייסט אין זיעבצעהנטען יאהרהונדערט, זענען די יודישע מנהגים און מדות, זייער מאראל און כאראקטער שוין געווען גאר אונבעקאנט, וועהרענד אין די ערשטע יאהרען פון דער שרעקליכער אינקוויזיציאנס־טעטיגקייט, לערך א יאהר צעהן פאר׳ן גירוש, איז מען אין שפאניען נאך גוט בעקאנט געווען מיט די יודען און אלץ, וואס איז נוגע צום יודענטום, ווייל דעמאלט זענען נאך אין גאנץ שפאניען געווען פיעל גרויסע יודישע קהלות. פון די אלטע אקטען האט־זיך דער גלח דערוואוסט, דאס מען פלעגט שלעפען די

אנוסים אין דער אינקוויזיציאנס-תפיסה פאר יעדע קליינע מסירה׳לע: ס׳איז, למשל, געגוג געווען דערצו, אז א דיענסט זאל דערציילען, דאס מען זאלצט אין שטוב פלייש איידער מען לעגט עס אריין אין טאפ צום קאכען. קוים האט מען שוין עמיצען געבראכט אין תפיסה אריין, פלעגט-מען זיך נעהמען אנטהון איהם דארט אזוינע יסורים און פייניגונגען, אז ער האט מודה-געווען אלץ, וואס מען האט פון איהם נור פערלאנגט. זעהר זעלטען האט דער געפייניגטער אויסגעהאלטען די שרעקליכע יסורים; געוועהנליך פלעגט ער זיך מודה-זיין, אז ער איז געהיים א יוד. דורך די אונמענשליכע יסורים פלעגט מען איהם אויך צווינגען, אז ער זאל פער-ראטען אנדערע אנוסים. דער רעזולטאט דערפון איז געווען שטענדיג דער איינגע-נער: די צאהל פון די געשלעפטע אין תפיסה פלעגט זיך אלץ מעהר פערגרע-סערן, די אימה׳דיגע עינוים פלעגען צווינגען אלעמען מודה-צו-זיין, אז זיי זענען יודען, און—הונדערטער מענשען פלעגען פערברענט-ווערען לעבעדיגערהייד.

און אט האט ביים גלח אין מוח געגומען ענטבערן א געדאנק: ווען עס זאל איהם נור געלינגען אויסצופארשען א דיענסט פון מאנועל׳ס הויז! פאר וועמען בעהמט-מען זיך אבער? דער גלח האט אנגעהויבען דערמאהנען-זיך וועגען אלע אנגעשטעלטע אין אגילאר׳ס הויז: דער אלטער ראפאעלא, דער עקאנאם שאנטשא, די אלטע קעכין בעניטא, די דיענסט פון דאנא אנונציאטא, פערנאנדא, דער הויז-קנעכט—זיי אלע האבען זיך בעגאנגען מיט איהם אפילו העפלין די גאנצע צייט, וואס ער האט אין שטוב, אלס גאסט, געלעבט, אבער דאך האבען זיי זיך בעצווינגען צו איהם קאלט. אויב אגילאר איז א געהיימער יוד, האט ער זיכער אויך זיינע דיענער אין שטוב גענומען נור פון צווישען די געהיימע יודען, ווי ביי די אנוסים איז תמיד געווען דער מנהג. אבער די זויגערין זשואנא? זי האט געהאט בלויע אויגען און איז געווען א בלאנדינקע; זי איז געווים געווען אנ׳עכטע קריסטין און קיין יודיש בלוט איז אין איהרע אדערן געווים נישט געראנען. „אנ׳אם— האט דער גלח געטראכט—איז שווער אויסצוקלייבען צווישען די אנוסים, בפרט ווען די אנוסים האט די אינקוויזיציע שוין כמעט אלע פערברענט; זיי זענען געבליבען נישט פיעל אין שפאניען און מען ווייס גאר נישט אפילו, וואו זיי וואוינען. די אם איז דעריבער געווים א כשר׳ע קריסטין”.—די אם האט אויסערדעם ארויסגע-וויזען איהם פיעל מעהר ווארימקייט און האט זיך אפטער געבוקט פאר איהם, ווען ער האט געלעבט ביי אגילאר אין שטוב. ער האט אויך געוואוסט, אז זי פלעגט אפט געהן מתודה-זיין זיך צו די פראנציסקאנער גלחים, דעריבער האט ער בעשלאסען צו בעטען ביי זיין פריינד, דעם אויבער-גלח פון די פראנציסקאנער, אז ער זאל דעם נאהענטסטען זונטאג איהם לאזען זעצען אין פראנציסקאנער-קירכע אויפ׳ן וידוי-שטוהל, כדי צו קאנען אויספארשען די אם, ווען זי וועט קומען זיך מתודה-זיין.

דעם נאהענטסטען זונטאג, ווען זשואנא איז געקומען מתודה-זיין זיך, האט

זי צו איהר גרויסע פערוואונדערונג געפונען אויפ'ן ווידוי-שטוהל, אנשטאט דעם שטענדיגען פראנציסקאנער גלח, איהר בעקאנטען גלח, פריי באלטאזאר.

זשואנא האט זיך מתודה-געווען, ווי געוועהנליך, אויסרעכענענדיג אלע איהרע קליינע זינד פון דער וואך. באלטאזאר האט אבער געמאכט דעם אנשטעל, אז דאס זענען זעהר שווערע פערברעכענס.

— עהרווירדיגער פאטער—האט דאס מיידעל געזאגט—איך האב בעגאנגען א גרויסע זינד: איך האב געזאגט א ליגען. די סעניארא האט מיר ערלויבט צו געהן אין קירכע, אבער אנשטאט דעם האב איך בעזוכט מיינע א פריינדין.

— דו האסט געזאגט א ליגען, זשואנא!—האט דער גלח אויסגערופען — צי ווייסטו, אז דאס איז א זינד, פאר וועלכע ג' בעשטראפט מיט'ן טויט? איך קאן דיך נישט בעפרייען פון אזא זינד, דו וועסט מוזען לפחות צעהן טויזענד יאהר לאנג דערפאר געפייניגט ווערען אין פייער.

— אה, ערווירדיגער פאטער—האט זשואנא געענטפערט אונגלויבליך—צי איז דען מיין זינד באמת אזוי גרויס?

— הא!—האט דער גלח א געשריי-געטהון,—זאגען ליגען איז א טויט-זינד און דו פרעגסט נאך? איז דיר בעקאנט די געשיכטע פון דער וואסער-ליידונג אין סעגאוויע?

— ניין, עהרווירדיגער פאטער, זי איז מיר נישט בעקאנט.

— איך וועל זי דיר דערצעהלען און דו וועסט דערפון ארויסזעהן, ווי צוליעב א ליגען איז א מיידעל כמעט אריינגעפאלען אין דער גוואלט פון טייוועל. הערט-זיך-איין מיט קאפ! פארצייטען איז אין סעגאוויא נישט געווען קיין וואסער; מען האט געמוזט געהן צוויי שעה וועג, איידער מען פלעגט עס בעקומען. די יונגע דיענסט ביים גלח האט דעריבער געהאט טאג-טעגליך א שווערע ארבייט. איינמאל, ווען זי איז אין א הייסען טאג געגאנגען מיט'ן שווערען קרוג וואסער אויף דער אקסעל און זעהר מיעד געווארען, האט זי אין גרויסער פערצווייפלונג גערופען דעם טייוועל צו-הילף. דער טייוועל האט-זיך לאנג נישט געלאזט בעטען און האט-זיך באלד בעוויזען. די דיענסט האט געשלאסען מיט'ן טייוועל א נ'אבמאך: דער טייוועל האט-זיך אנגענומען טעגליך צו ברענגען איהר וואסער אין שטוב, און זי האט איהם דערפאר אבגעגעבען איהר נשמה. אבער דער גוטער גלח האט-זיך דערוואוסט וועגען דעם אבמאך און בעשלאסען צו ראטעווען די ארימע נשמה פון דער דיענסט. ער האט ארויסגערופען דעם טייוועל און געמאכט איהם ביטערע פארוואורפען, פארוואס ער האט אבגענארט א פראסטע ארימע דיענסט. „עהרווירדיגער פאטער — האט דער טייוועל געענטפערט אויף אלע פארוואורפען, — ס'איז א פערפאלענע מעשה: ענטוועדער די דיענסט וועט האלטען דעם אבמאך, דאן בעקום איך די נשמה, אדער זי וועט דעם אבמאך נישט האלטען, דאן בעקום איך דאך די נשמה אודאי, ווייל זי האט געזאגט א ליגען און איז פער'משפט",

אבער דער גוטער גלח האט רחמנות געהאט אויף דער דיענסט און אזוי-לאנג בעשפריצט דעם טייוועל מיט הייליג וואסער, ביז ער האט-זיך דערשראקען און האט צוגעזאגט אויסצובויען א וואסער-לייטונג אין סעגאוויא, אויב ער זאל נור בעקומען די נשמה פון דער דיענסט. דער גלח האט געגעבען א ווונק דער דיענסט און געזאגט איהר אין דער שטיל, אז זי זאל צוריקרוקען זיין זייגער אויף א שעה. די דיענסט האט איהם געפאלגט. איצט האט דער גלח געפאדערט ביים טייוועל, ער זאל גענוי בעשטימען די שעה, ווען די וואסער-לייטונג וועט ווערען פערטיג. דער טייוועל האט אויסגערעכענט די צייט לויט'ן פאלשען זייגער און בעשטימט די צייט צום זונען-אויפגאנג. דערביי האט מען אבגערעדט, אז אויב ער וועט נישט פארטיג ווערען מיט דער ארבייט צו דער בעשטימטער צייט, וועט ער נישט בעקומען די נשמה פון דער דיענסט. און אט האט-זיך ארויסגעוויזען, אז דער טייוועל האט געהאט א טעות: ער האט די צייט צו-קורץ בערעכענט. ער האט געמוזט געהן אין די בערג, ברעכען דארט שווארצע גראניט; ער האט געמוזט די שטיינער צעשניידען, ברענגען זיי אויפ'ן ארט; ער האט געמוזט צופיהרען די וואסער-לייטונג אזש פון די ווייטע בערג-קוואלען. ארבייט איז געווען זעהר פיעל, און דער טייוועל איז נישט פערטיג געווארען מיט דער ארבייט ביים אויפגאנג פון דער זון: די וואסער-לייטונג האט געהאט א פעהלער, וועלכען מען קאן נאך עד-היום נישט אויסבעסערן. אזוי-ארום איז די דיענסט געראטעוועט געווארען און סעגאוויא האט בעקומען א וואסער-לייטונג.

— האסטו געהערט—האט דער גלח באלטאזאר, ענדיגענדיג זיין געשיכטע, געזאגט צו זשואנא'ן—האסט געהערט, וואס דער טייוועל האט געזאגט: „זי האט געזאגט ליגען, דערפאר איז זי פערוואָרטיילט". דו זעהסט שוין אליזא, וואס פאר א גרויסע זינד עס איז צו זאגען א ליגען. ווען דער גלח וואלט זיך נישט אריינגעמישט מיט זיין הייליגען וואסער, וואלט די דיענסט אויף אייביג פערלארען געווען!

— בעפרייט מיך פון מיין זינד, עהרווירדיגער פאטער!—האט זשואנא אויסגערופען ערציטערט.

— איך וועל דיך בעפרייען, אבער דערפאר וועסטו מוזען מיר ענטפערן גענוי און ריכטיג אויף אלע פראגען, וואס איך וועל דיר שטעלען.

— נישט מעהר ווי דאס? פרעגט, אה, פאטער'ל, איך וועל ענטפערן אויף אלץ.

— אבער גענוי און דעם ריינעם אמת?

— געוויס.

— ביסטו גערן אין הויז פו'נם ריטער, זשואנא?

— זעהר גערן, דער סעניאר איז זעהר גוט צו מיר, ווי אויך די סעניארא.

— קומסטו אפט אריין אין קיך?

— זעהר אפט. איך העלף אמאל דער אלטער סאנטשא ביי דער ארבייט.

— צי האסטו בעמערקט, וואס זי טהוט מיט'ן פלייש איידער זי לעגט עס אריין אין טאפ קאכען?

— זי טהוט אזוי, ווי אין וואלענסיא איז דער מנהג.

— און ווי איז דער מנהג אין וואלענסיא?

— עה, איהר ווייסט דאך דאס, מסתמא, בעסער פאר מיר! צי זענט איהר דען נישט א היגער א געבירטיגער?

— ניין, איך בין פון קארדאווא.

— אה, זענען מיר דאך פון איין שטאדט! און דאס דערציעהלט איהר מיר ערשט היינט, עהרווירדיגער פאטער? אה, ס'איז זעהר ווייט פון קארדאווא ביז וואלענסיא, און ווען דער קאבאלערא האט מיך געפיהרט אהער, בין איך שיער נישט געשטארבען פון לאנגווייליגקייט אויפ'ן וועג. א גליק נאך, וואס דער רייטער האט אויפ'ן וועג מיר דערציעהלט אזעלכע שענע מעשה'לעך.

— וואס האט ער דיר דערציעהלט?

— וועגען די לעבערליכע יודען האט ער דערציעהלט. ער האט געשילדערט ווי-אזוי זיי זעהען-אויס: זייער ניעדעריגער שטערן איז בעדעקט מיט 6 האר; אנשטאט פים האבען זיי הענד. מאלט אייך אוים, עהרווירדיגער פאטער, פיער הענד און גאר אהן פים! הינטען האבען זיי א לאנגען ווייד'על און זיי מאכען שטענדיג וואונדערליכע שפרונגען און פאזעס, אזש ס'איז צו חלש'ן לאכענדיג. אה, ווי איך האב זיך אמיזירט, הערענדיג זיינע דאזיגע מעשה'לעך! א גאנצען וועג האב איך געלאכט און געלאכט, אזא פערגעניגען!

ביים גלח האבען זיך אנגעצונדען די אויגעלעך. פאר איהם איז שוין איצט נישט געווען קיין ספק, אז דאן מאנועל איז א געהיימער יוד און אז ער האט בכיוון געמאכט אזא משונה'דיגע שילדערונג פון די יודען פאר דער אם, כדי זי זאל נישט האבען קיין שום חשד

— הערט, עהרווירדיגער פאטער,—האט די אם גערעדט ווייטער,—די אלטע קעכין סאנטשא ליעבט אייך גאר נישט.

— כא-כא-כא!—האט זיך דער גלח צעלאכט. — אויך זי ליעבט מיך נישט. זי איז אלט און העסליך. אבער פון וואנען נעהמסטו עס, אז זי ליעבט מיך נישט, זשואנא?

— ווייל די גאנצע צייט, וואס איהר האט געוואוינט אין שטוב, האט זי געהאלטען די קיך צוגעשלאסען. איינמאל האב איך געפרעגט ביי איהר, צו-וואס זי טהוט דאס, אבער זי האט גאר אבגעלייקענט, אז זי שליסט די טהיר, און האט געעפענט די טהירען פון קיך ברייט און גרוים. גראד זענט איהר בשעת מעשה געגאנגען פארביי! איהר זענט דעמאלט אריינגעקומען אין קיך, אלץ ארום-געטאפט און געפרעגט וועגען דער בעדייטונג פון יעדע קיך-געפעס. אבער דאס

…רויסע ברעט מיט די פיעל לעכער האט סאנטשא תיכף בעהאלטען פון איין …ינגמער'ן קיכען-שראנק.

— דאס גרויסע ברעט מיט די פיעל לעכער? צו-וואס האט עס געניצט?

— כדי צוצוגרייטען דאס פלייש לויט'ן מנהג פון וואלענסיא.

— און ווי-אזוי מאכט מען דאס?

— ווען בענעדיטא, דער קצב, ברענגט דאס פלייש, — האט זשואנא דער־צעהלט פאר'ן גלח, — לעגט מען עס אריין אין א געפעס מיט וואסער וואו דאס בלייבט ליעגען א געוויסע צייט; דאן לעגט עס סאנטשא ארויף אויפ'ן גרויסען געלעכערטען ברעט און בעשיט עס מיט זאלץ פון אויבען ביז אונטען. אזוי בלייבט דאס פלייש ליעגען א לאנגע צייט. דאן שווענקט מען עס אב און ערשט דערנאך קאכט-מען עס. אזוי איז דער מנהג אין וואלענסיא.

דער גלח באלטאזאר האט שוין געוואוסט אלץ, וואס ער האט געוואלט. פון דער זינד פון ליגען-זאגען האט ער דאס מיידעל פריינעשפראכען.

5.

פריי באלטאזאר האט אנגעקלונגען ביים פאראדנעם אריינגאנג אין פאלאץ פון דער אינקוויזיציע. ווען מען האט איהם געעפענט, האט ער פערלאנגט, אז מען זאל איהם פארשטעלען פאר'ן גרויס-אינקוויזיטאר.

— עהרווירדיגער פאטער, — האט דער גלח באלטאזאר געזאגט, ווען דער גרויס-אינקוויזיטאר איז אריינגעקומען פון א זייטיגען צימער, — איך וויים, אז די קאסע פון דער אינקוויזיציע איז לעדיג, און איך קום ווידער אנצופילען זי.

— אנ'אנגעלעגענער גאסט! — האט דער אינקוויזיטאר געענטפערט. — איהר ווילט מאכען געגען עמיצען א מעלדונג?

— יא, געגען דעם קאבאלערא דאן מאנועל י. אגילאר.

— פערדיענט האט ער עס ביי אייך: ער האט אייך אנגעקלאגט ביים ערצבישאף.

— איהר ווייסט עס?

— די הייליגע אינקוויזיציע וויים אלץ. זאגט אבער, אין וואס בעשולדיגט איהר דעם ריטער?

— אין געהערען געהיים צום יודענטום. ער שטאמט פון אנ'אלטער משפחה פון אנוסים. זיין שוועהר איז לכבוד דער חתונה פון אונזער גנעדיגען קעניג קאר־לאס דעם צווייטען פערברענט געווארען לעבעדיגערהייד אין יאהר 1680.

— דאס איז נאך נישט קיין מאטיוו צו פערברענען דעם אידעם אויך. דערצו איז קארדינאל ערצבישאף פון קארדאווא זיין עלטער-פעטער און ער וועט …לער אנגעהמען זיך פאר איהם און בעמיהען-זיך איהם צו בעפרייען. איבריגענס,

דאָס קומערט דער אינקוויזיציע ווענינ-וואָס. אונזער אויפגאַבע איז צו משפּט'ן די אַפּיקורסים און בעשטראָפען, כּדי זייערע אָרימע נשמות זאָלען געראַטעוועט ווערען פון אייביגען פייער אין גהינום. דער קאַבאַלערא איז רייך?

— זעהר רייך. זיין הויז איז דאָס שענסטע אין וואַלענסיא; זיינע גערטנער, פעלדער, וויינבערגער, וועלדער, אייזבירטען און פּאָמעראַנצען-וועלדער זענען די פרוכטבאַרסטע און שענסטע אין דער גאַנצער הוערטאָ און דער קאַבאַלערא האָט פון זיי גרויסע הכנסות. זיינע קאַסטענס זענען פול געפּאַקט מיט גאָלד און טייערע ציערונגען, זיינע שאַנקען זענען בעלאָדען מיט טייערע זילבערנע כּלים. איך האָב געלעבט גענוג לאַנג אין זיין הויז צו קענען דאָס אַלץ בעאָבאַכטען. איך שאַץ זיין פערמעגען אויף אַ האַלבען מיליאָן דוקאַטען.

— אַי, אַי, ניט נישט אַ ביסעל צו-פיעל?

— גלויבט מיר, מיין פאָטער, ניכער צו-ווענינ איידער צו-פיעל.

— אויב אַזוי, לוינט-זיך אַוודאי צו נעהמען צו דער זאַך! ציי האָט איהר בעמערקט עפּיס אַ זאַך, וואָס מ'זאָל קענען וואַרפען אַ חשד אויפ'ן ריטער?

— קיין האָר נישט.

— און פונדעסטוועגען ווילט איהר מסר'ן אויף איהם?

— איך האָב-זיך דערוואוסט פון דער אַם, וואָס געפינט-זיך ביים ריטער אין הויז, אַז מען זאַלצט דאָרט פליייש פאַר'ן קאָכען און בראָטען.

— נו, מילא איז וואָס?

— ציי איז אייך דען אונבעקאַנט די אינסטרוקציע, וועלכע איז אַרויסגעגעבען געוואָרען נאָך אין דער צייט פון קעניג פערדינאַנד קאַטאָליק אין די ערשטע יאָהרען פון דער אינקוויזיציע? אין יענער אינסטרוקציע זענען אָנגעוויזען געוואָרען אַלע סימנים פון די געהיימע יודען און איינער פון זיי איז דאָס זאַלצען פליייש פאַר'ן קאָכען.

— אַי, אַי, וואָס פאַר אַנ'ענטדעקונג! איך וועל אויסזוכען די אינסטרוקציע און גוט דורכקוקען זי. נעהמט-זשע און שרייבט-אָן דערווייל אייער מעלדונג, איך וועל דאַן אַרויספאָדערן צו זיך די אַם אויף אַנ'אויספאָרשונג און אויב זי וועט זיין גרייט צו בעשטעטיגען איהר ערקלערונג דורך אַ שבועה, וועל איך לאָזען אַרעסטירען דעם קאַבאַלערא.

— ניין, עהרווירדיגער, ניין, אַזוי דאַרף מען דאָס נישט מאַכען! ווי נור איהר וועט די אַם אַרויספאָדערן אַהער, וועט דער ריטער, דאָן מאַנועל, באַלד ווערען אויפמערקזאַם און אַנטלויפען. לאָזט-צורוה די אַם, ביז איהר וועט האָבען אַרעסטירט דעם ריטער. איך בין אייך ערוב, אַז די אַם וועט בעשטעטיגען פאַר אייך אַלץ, וואָס זי האָט מיר געזאָגט, און בעקרעפטיגען דאָס מיט אַ שבועה; מעגליך, אַז זי וועט אפשר נאָך וואָס אייך דערצעהלען. אויסערדעם מוזט איהר לאָזען אַרעסטירען נישט בלויז דעם ריטער, נאָר אויך זיין פרוי און אַלע זיינע

אַנגעשטעלטע, ווייל ווייבאלד אַז מען היט-אָפּ אין שטוב די יודישע דינים און מנהגים, זענען מסתמא אַלע דאָרט געהיימע יודען.

— גערעכט, פריי באַלטאַזאַר! מאַכט אייער מעלדונג שריפטליך.

דער גלח האָט געהייסען ברענגען פּאַפּיער, טינט און פעדער און האָט-זיך גענומען שרייבען זיין מסירה. ער האָט בעשולדיגט דערין דעם ריטער דאָן מאַנועל י. אַגילאַר, זיין פרוי און אַלע משרתים אין שטוב, אויסער דער אַם זשואַנאַ, אַז זיי זענען געהיימע יודען, ווייל אין הויז פון ריטער גרייט-מען-צו פלייש צום קאָכען און בראָטען לויט'ן יודישען דין. זיין מסירה האָט ער בעקרעפטיגט מיט אַ שבועה.

— גוט!—האָט דער אינקוויזיטאָר דערויף געזאָגט.—איך וועל שוין איצט בע-זאָרגען דעם אַרעסט פון דאָן מאַנועל מיט זיין גאַנצער הויז-געזינד.

און נאָך אינ'ם זעלביגען טאָג האָט דער אַלקאַדע (פּאָליציי-מייסטער) פון וואַלענסיאַ, דאָן אַנטאָניאָ דע פּאַאולאַ, דערהאַלטען אַ בעפעהל צו קומען אין פּאַ-לאַץ פון דער אינקוויזיציע.

דאָן אַנטאָניאָ האָט געהערט צו די פאַמיליאַרעס פון דער אינקוויזיציע. בשעת דאָס שרעקליכע אינקוויזיציאָנס-גערייכט האָט אָנגעהויבען פיהרען זיין טעטיג-קייט אין שפּאַניען און די אָנגעזעהענסטע רייכע משפחות אין לאַנד האָבען קיין אויגען-בליק נישט געקאָנט זיכער זיין מיט זייער לעבען, האָבען פיעל פון זיי אָנגעהויבען זוכען אַ בעשיצונג פאַר זיך ביי דער אינקוויזיציע גופא: זיי זענען אַריינגעטראָטען צו דער אינקוויזיציע אין דיענסט. פיעל אָנגעזעהענע פּערזאָנען האָבען דאָס געטהון גאָר צוליעב געלד, ווייל די אינקוויזיציע פלעגט זעהר רייך בעצאָהלען איהרע אָנ-געשטעלטע. די אָנגעשטעלטע פון דער אינקוויזיציע האָט מען גערופען פאַמיליאַ-רעס, ס'הייסט: מענשען, צו וועלכע מען האָט צוטרוי, ווייל זיי געהערען צו דער משפחה. די גרויסע גראַנדען און הידאַלגאָ'ס (מיוחסים, אַדעליגע), די אָנגעזעהענ-סטע גוט-בעזיצער און בעלי-בתים זענען געווען פאַמיליאַרעס. דאָס איז אויך געווען די סיבה, פאַרוואָס די אינקוויזיציע האָט זיך שטענדיג גענויטיגט אין געלד, נישט-קוקענדיג אויף די גרויסע פערמעגענס, וואָס זי פלעגט אָפט קאָנפיסקירען, דען דאָס אויסהאַלטען גרויסע מחנות בעאַמטע און משרתים האָט איינגעשלונגען גאָר די הכנסות.

— דאָן אַנטאָניאָ,—האָט דער גרויס-אינקוויזיטאָר געזאָגט צום אַלקאַדע, ווען יענער איז ערשיענען אויף זיין בעפעהל,—דאָן אַנטאָניאָ! איך האָב פאַר אייך אַ וויכטיגע אַרבייט. נעהמט מיט-זיך אַ היבש ביסעל סאָלדאַטען פון דער אינקווי-זיציע, רינגעלט-אַרום דאָס הויז פונ'ם ריטער דאָן מאַנועל י. אַגילאַר און אַרעסטירט איהם, זיין ווייב און זיין גאַנצע הויז-געזינד.

דאָן אַנטאָניאָ האָט זיך שרעקליך דערשראָקען, דערהערענדיג דעם בעפעהל,

ווײַל דער ריטער י. אַגילאַר איז געוועזען זײַנס אַ פֿרײַנד. ער האָט אָבער געמוזט געהאָרכען.

די אונגליקליכע אַנוסים האָבען קיין זאַך נישט געוואוסט וועגען דעם גרויסען אונגליק, וואָס שוועבט איבער זייערע קעפּ.

דער קלײַנער דיעגאָ איז קראַנק געוואָרען אויף קינדער־פּאָקען און דאָנאַ אַנונציאַטאַ איז טאָג און נאַכט געזעסען בײַ זײַן בעט און געפּילנעוועט איהם. ווען אָבער ס'איז געקומען שבת, האָט די עלענדע מוטער איבערגעלאָזען די בעזאָרגונג פֿון קינד דער אַם זשואַנאַ און אַליין איז זי מיט איהר קליין מיידעל אינעץ אויף די הענד אַרונטערגעגאַנגען אין קעלער אין שוהל אַרײַן, כּדי צו זײַן דאָרט בײַם דאַווענען. ווי די לעזער ווייסען, איז דאָס געוועזען שבת פּרשה נח, ווען די קהילה האָט זיך געדאַרפֿט פֿערזאַמלען געהיים צום לעצטען מאָל, כּדי צוזאַמענרעדען זיך נאָכ'ן דאַווענען וועגען די מיטלען, וואָס דאַרפֿען אָנגענומען ווערען בײַם געמיינזאַמען אַנטלויפֿען פֿון שפּאַניען. נאָך דעם שבת האָט שוין מעהר נישט געדאַרפֿט פֿאָרקומען קיין תּפילה־בצבור, כּדי אויסצומײַדען יעדען מעגליכען חשד, וואָס וואָלט געקאָנט שטערען אין דער לעצטער מינוט פֿאַר דער אויסוואַנדערונג.

היים און פֿרום האָט די קליינע קהילה צו גאָט געבעטען; דעם לעצטען קדיש האָט מען געזאָגט, פֿערגיסענדיג טייכען טרעהרען; אַלע האָבען איינשטימיג געמעלדעט, אַז זיי זענען בעשלאָסען אויסצוואַנדערן צוזאַמען מיט'ן קאַבאַלערא און פֿערלאָזען דאָס געליעבטע, אָבער גרויזאַמע פֿאָטערלאַנד און זוכען אַ נײַע היים אין קאַלטען צפון...

פּלוצלונג האָט אַ קלונג־געטהון די גלאָק, וועלכע איז געוועזען אַ סימן, אַז דאָן מאַנועל איז נויטיג אויבען אין שטוב. קיין אויסערגעוועהנליכע זאַך איז דאָס נישט געווען, דען דאָס פֿלעגט אָפֿט פֿאָרקומען בשעת'ן דאַווענען אונטען אין דער געהיימער שוהל. דאָן מאַנועל איז זיך דעריבער גאַנץ רוהיג אַרויפֿגעשטיגען מיט די שטיינערנע טרעפּ... דער אַלטער ראַפֿאַעלאָ איז אין קאַבינעט איהם אַרויסגעקומען אַנטקעגען בלאַס און פֿערציטערט. ער האָט איהם געוואָלט עטוואָס זאָגען, אָבער אין זעלבען אויגענבליק האָט־זיך דערהערט אַ צווייטע שטימע:

— סעניאָר קאַבאַלערא—איך אַנטאָניאָ, אַלקאַדע פֿון וואַלענסיאַ, בין געקומען צו אײַך; איך האָב מיט אײַך נויטיג צו רעדען.

— וואָס פֿערשאַפֿט מיר די עהרע—האָט דאָן מאַנועל געפֿרעגט—אויפֿצונעהמען דעם העכסטען ריכטער פֿון אונזער שטאָדט אין מײַן הויז?

— סעניאָר קאַבאַלערא—האָט דאָן אַנטאָניאָ געענטפֿערט—איך האָב צו ערפֿילען אַ שווערע שליחות, וועלכע איך וואָלט וועלען וואָס מעגליך פֿערמיידען. איך האָב ערהאַלטען אַ בעפֿעהל צו אַרעסטירען אײַך און אײַער גאַנצע הויזגעזינד. די הייליגע אינקוויזיציע פֿאָדערט אײַך פֿאַר איהר געריכט.

דאָן מאַנועל איז בלאַס געוואָרען, ער האָט־זיך קוים אָנגעהאַלטען אַן

אַ שטוהל, נישט אומצוּפֿאַלען פֿון שרעק. דאַן אָבער האָט ער געשווינד זיך גע־שטאַרקט, בּלִיץ־שנעל האָט ער־זיך אַ וואָרף־געטהון צו דעם שנור פֿון גלאָק און מִיט׳ן גאַנצען כּח אַ האַסטיגען ציה־געטוהן צוויי מאָל נאָכאַנאַנד.

— וואָס טהוט איהר?—האָט דער אַלקאַדע געפֿרעגט.

— איך רוף אַהער מיין משרת—האָט געענטפֿערט דאָן מאַנועל, און דערבּיי אַ ציה־געטהון וויעדער אַ שנור, אָבער שוין פֿון אַנ׳אַנדער גלאָק.

אין טהיר האָט־זיך בּעוויזען ראַפֿאַעלאָ.

— לך מהר, אַל תעזוב את אשתי ואת בּתי!—האָט אויסגערופֿען מאַנועל—ואני כּאשר אָבדתי, אָבדתי.[1]

דער געטרייער דיענער איז בּאַלד פֿערשוואונדען געוואָרען.

— דער אַלטער—האָט דאָן מאַנועל געזאָגט צום אַלקאַדע—איז אַ בּאַסקע—און איך האָבּ איהם בּעפֿויהלען אויף דער בּאַסקישער שפּראַך צו בּרענגען אַהער מיין הויזגעזינד. וואָס אָנבּעלאַנגט מיך, בּין איך גרייט צו געהן מיט אייך.

ראַפֿאַעלאָ האָט געפֿונען די פֿערזאַמעלטע יודען אין טויט־שרעק און ציטער־ניש. זיי האָבּען שוין אַפֿילו געהערט דעם סיגנאַל צו אַנטלויפֿען, אָבער זיי האָבּען נאָך נישט געקאָנט איינזעהן די נויטינקייט דערפֿון.

— בּרידער, שוועסטער! — האָט ראַפֿאַעלאָ אויסגערופֿען. — מיר מוזען אַלע תיכּף אַנטלויפֿען! דער אַלקאַדע איז געקומען אַרעסטיען דעם קאַבּאַלערא און זיין גאַנץ הויזגעזינד. דאָס הויז איז אַרומגערינגעלט. אַלע טהירען זענען בּעוואַכט דורך סאָלדאַטען פֿון דער אינקוויזיציע. פֿאַר אונז בּלייבּט נור איין גאַנג—דורכ׳ן קאָרי־דאָר אונטער דער ערד אין וואַלד אַריין.

אַנ׳אימה האָט אָנגענומען אַלע פֿערזאַמעלטע. קיינער האָט נישט געקאָנט ריהרען־זיך פֿון אָרט אָדער רעדען אַ וואָרט. נור דאָנאַ אַנונציאַטאַ מיט איהר קליינער אינעץ אויף די הענד האָט־זיך אַ וואָרף־געטהון צו די שטיינערנע טרעפּ, כּדי אין שטוב אַרויפֿצוקומען. ראַפֿאַעלאָ האָט איהר פֿערטראָטען דעם וועג.

— וואוהין ווילט איהר געהן, סעניאָראַ?

— לאָז מיך, ראַפֿאַעלאָ, איך וויל צו מיין מאַן, צו מיין זוהן!

ראַפֿאַעלאָ האָט זי אָבער אָבּגעהאַלטען.

— סעניאָראַ!—האָט ער אויסגערופֿען—סעניאָראַ! הערט־דאָך־אויס! אייער זוהן שטעהט־נישט־פֿאַר קיין שום געפֿאַהר, אייער מאַן אָבער האָט מען דאָך שוין אוועקגעפֿיהרט! צי ווילט איהר דען נישט פֿערערגערן זיין שיקזאַל דאַדורך, וואָס איהר וועט זיך אַליין אויך וואַרפֿען אין די צייהן פֿון טיגער? דאָן מאַנועל וועט בּעפֿרייט ווערען. דער ערצבּישאָף פֿון קאָרדאָוואַ, זיין עלטער־פֿעטער, וועט שוין

---

[1]) געה געשווינד, פֿערלאָז נישט מיין פֿרוי און מיין טאָכטער. איך אָבער בּין פֿערלאָרען.

געפינען א מיטעל און א וועג פאר זיין רעטונג. צי ווילט איהר זיך דען איבערגע-בען אין דער גוואלט פון פריי באלטאזאר?

דאנא אנונציאטא האט-זיך צעוויינט הויך אויפ'ן קול.

— זייט מוטיג, סעניארא! — האט זי געפרובט שטארקען דער געטרייער דיענער. — דער גאט פון אונזערע אבות וועט אייך העלפען.

דאן האט ער זי אנגענומען פאר'ן ארעם און געפיהרט דורכ'ן גאנג אונטער דער ערד. די איבריגע יודען זענען נאכגעגאנגען וויינענדיג.

לאנג האט געווארט דער אלקאדע אויף דער הויזגעזינד פונ'ם ריטער. ווען ער האט אבער איינגעזעהן, אז קיינער וועט נישט קומען, איז ער געווארען זעהר ערנסט.

— דאן מאנועל, — האט ער געזאגט, — איהר האט מזהיר געווען אייער דיענער אין אנ'אונפערשטענדליכער שפראך, און אייער הויזגעזינד האט-זיך אדער בעהאל-טען, אדער זיי זענען אנטלאפען. דאדורך ווערט אייער לאגע פיעל ערגער. איהר געפינט-זיך איצט אין א זעהר שווערער לאגע!

נאך די דאזיגע ווערטער האט ער געעפענט די טהיר און אריינגעלאזען די בעוואפענטע דיענער פון דער אינקוויזיציע, וועלכע האבען געהאלטען וואך אין דרויסען. דאן מאנועל איז אבגעפיהרט געווארען אין דער תפיסה פון דער אינ-קוויזיציע. אין הויז האט מען געמאכט א שטרענגע רעוויזיע, אבער חוץ דעם קראנקען דיעגא מיט דער אם האט מען קיינעם נישט געפונען דארט.

דעם ארעסטירטען דאן מאנועל האט מען פערשפארט אין א פינסטערען, פייכטען, דומפיגען קעלער אין דער תפיסה פון דער אינקוויזיציע. דא איז דער אונגליקליכער געזעסען איינזאם, אבגעשניטען פון דער גאנצער וועלט.

ווער האט איהם געקאנט פערראטען? וואס וועט מיט איהם יעצט זיין? וואס איז געווארען פון זיין ווייב און זיין קליין מיידעלע? צי זענען זיי גליקליך אנטלאפען פון זייערע נאכיאגער? וואוהין וועלען זיי זיך איצט קעהרען און ווענ-דען? וואו וועלען זיי געפינען א זיכערען ארט? צי וועט זיי געלינגען צו פערלאזען שפאניען? און וואס וועט זיין מיט זיין זוהן דיעגא, וועלכער ליעגט אזוי שווער קראנק? — אלע דאזיגע פראגען האבען נישט געלאזען צורוה דעם אונגליקליכען דאן מאנועל און איהם געבראכט אין פערצווייפלונג.

— אה! — האט ער אויסגערופען. — פארוואס בין איך געווען אזוי איינגעשפארט און האב נישט ערפילט די ביטעס פון מיין געליעבטער פרוי, צו פערלאזען דאס פאנאטישע לאנד, ווען עס איז נאך געווען צייט! וואס וועט עס איצט זיין מיט מיר, ווען איך געפין זיך אין די מערדערישע, פערבלוטיגטע הענד פון דער אינקוויזיציע!

אט-אזוי האט געיאמערט דער אונגליקליכער. פלוצלונג האט-זיך געעפענט די טהיר פון זיין קעלער, ס'איז אריינגעקומען א משרת און בעפוילען איהם צו

גיהן, מען האָט איהם אַריינגעבראַכט אין אױדיענץ-זאַל, כּדי איהם אױסצופאָרשען צום ערשטען מאָל.

— דאָן מאַנועל י. אַגילאַר,— האָט אָנגעהױבען דער גרױס-אינקװיזיטאָר,— צי האָט איהר עטװאָס געטהון, גערעדט אָדער געטראַכט געגען דער הײליגער קאַטױלישער רעליגיע און איהרע אינסטיטוציעס אָדער געגען דער הײליגער אינקװיזיציע? זאָגט מיר די גאַנצע װאַהרהײט, זײט זיך מודה אָפען און האָט חרטה אויף אײער פערברעכען, דאַן װעט מען מיט אײך בעגעהן-זיך מילד און גנעדיג.

— אין װאָס קלאָגט מען מיך אָן, עהרװירדיגער פאָטער?

— מיר פאָדערן, אַז איהר זאָלט אָפען און מיט חרטה מודה-זײן-זיך. קײנער װערט נישט אַרעסטירט, װען עס איז נישטאָ קײן בעװײזען געגען איהם, אַז ער איז שולדיג. נאָכאַמאָל, זײט זיך מודה אין אײער זינד און מען װעט זיך מיט אײך בעגעהן גנעדיג אויף'ן העכסטען אופן.

— איך בין גערן גרײט, סעניאָר, מודה-צו-זײן אין מײן אונרעכט. אָבער מײן האַרץ האָט מיך פאַרגעשפּראָכען. איך קאָן זיך נישט דערמאָהנען, אַז איך זאָל װען-עס-איז האָבען געזאָגט אָדער געטהון עטװאָס געגען דער אינקװיזיציע, צי געגען דער קירכע. העלפט איהר מיר, אפשר װעל איך זיך דערמאָהנען. זאָגט מיר, װער קלאָגט מיך אָן, זאָגט מיר, אין װאָס בעשולדיגט מען מיך—און איך װעל אײך זאָגען, אויב מײן בעשולדיגער זאָגט אמת.

— אײערע אָבות זענען געװעזען מאַראַנען (אַנוסים)?

— מײן משפחה געהערט שױן הונדערטער יאָהר צו דער קאַטױלישער קירכע!

— דער פאָטער פון אײער פרױ איז עפענטליך פערברענט געװאָרען דערפאַר, װאָס ער האָט-זיך נישט מודה-געװעזען אין אפיקורסות און איז געװען געהײם א יוד.

— יאָ, אָבער אויף זײן משפחה, אויף מײן פרױ איז אפילו נישט געפאַלען א שאָטען פון א חשד.

— צי װילט איהר פרײװיליג, אָפען, מיט א פרײ געמיט און א געבראָכען האַרץ מודה-זײן-זיך אין אײער פערברעכען?

— איך האָב קײן פערברעכען נישט בעגאַנגען.

— װאָס האָט איהר געזאָגט אײער משרת, װען דער אַלקאַדע איז געקומען אײך אַרעסטירען?

— איך האָב איהם בעפױהלען צו ברענגען מײן פרױ און מײן הױזגעזינד.

— פאַרװאָס זענען זײ נישט געקומען און װאו זענען זײ?

א שװערע משא איז בײ דער דאָזיגער פראַגע אַראָבגענומען געװאָרען פון דאָן מאַנועל'ס האַרץ. ער האָט-זיך דערװאוסט אַזױ-אַרום, אַז לפחות זײן פרױ און זײנע פרײנד זענען אַנטלאָפען. פאַר זיך אַלײן האָט ער װעניג-װאָס גע'דאגה'ט, דען

ער האָט געהאָפֿט, אַז זײַן פֿעטער, דער קאַרדינאַל ערצבישאָף פֿון קאָרדאָוואַ וועט געפֿינען אַ מיטעל, ווי-אַזוי איהם צו בעפֿרײַען.

— איך ווייס נישט, סעניאָר! — האָט דאָן מאַנועל געענטפֿערט. — מעגליך, אַז זיי האָבען זיך דערשראָקען צו קומען אין בעריהרונג מיט דער הייליגער אינקוויזיציע, און דעריבער זענען זיי אַנטלאָפֿען. נעהם, מײַן הערר, אין אַכט, אַז דער פֿאָטער פֿון מײַן פֿרוי איז פֿערברענט געוואָרען לעבעדיגערהייד. ס'איז דעריבער אַ גאַנץ נאַטירליכע זאַך, וואָס זי ווערט שטאַרק ערציטערט, ווען זי הערט נור דעם נאָמען פֿון דער הייליגער אינקוויזיציע.

ווי נור מאַנועל האָט אַרויסגעזאָגט די דאָזיגע ווערטער, האָט ער באַלד חרטה געהאַט דערויף. אויפֿ'ן פּנים פֿון גרויס-אינקוויזיטאָר האָט-זיך בעוויזען אַ שײַן פֿון בייזוויליגער פֿרייד.

— סעניאָר סעקרעטאַריאָ! — האָט ער זיך געווענדעט צום סעקרעטאַר, וואָס איז נעבען איהם געזעסען. — פֿערשרייבט די דאָזיגע ווערטער פֿון אָנגעקלאָגטען. אין זײַן הויז האָט מען אַלזאָ מורא-געהאַט פֿאַר דער הייליגער אינקוויזיציע; מסתּמא האָט מען דאָך אַ גרונד מורא צו האָבען. נור שולדיגע שרעקען זיך פֿאַר'ן ריכטער, אונשולדיגע האָבען נישט קיין גרונד דערויף.

דאָן מאַנועל האָט געשוויגען. ער האָט-זיך דערמאָהנט אָן דעם אַלטען כּלל, וואָס ער האָט געהערט פֿון זײַנע עלטערן, אַז פֿאַר'ן געריכט פֿון דער אינקוויזיציע איז דאָס בעסטע, ווען מען רעדט וואָס-ווייניגער. דאָס בעסטע איז, ווען מען ענטפֿערט אויף אַלע שאלות: „יאָ“, „ניין“ אָדער: „איך ווייס נישט“. ער האָט זיך אויך דערמאָהנט, אַז דאָס שרעקליכע אינקוויזיציאָנס-געריכט האָט פּרינציפּיעל געהאַט אײַנגעפֿיהרט דוקא זײַטיגע פֿראַגען וואָס מעהר, כּדי פֿון די אונשולדיגע אַנטוואָרטען פֿונ'ם בעשולדיגטען צו קאָנען אויסשמידען אַ נײַע קייט פֿון בעשולדיגונגען.

— צי זענען פֿאַרהאַן אין אײַער הויז געהיימע אַרויסגאַנגען? — האָט געפֿרעגט דער אינקוויזיטאָר.

— ניין, סעניאָר.

— אָבער אײַער הויזגעזינד איז דאָך פֿערשוואונדען געוואָרען, ווי זיי וואָלטען אַלע אין דער ערד אײַנגעזונקען. זיי האָבען דאָך נישט געקאָנט פֿערלאָזען דאָס הויז אונבעמערקטערהייד פֿון די סאָלדאַטען, וועלכע האָבען אַרומגערינגעלט דאָס גאַנצע הויז. ווי-אַזוי אַלזאָ זענען זיי פֿאָרט אַנטלאָפֿען?

— איך ווייס נישט, עהרווירדיגער פֿאָטער.

— זאָגט בעסער דעם אמת, ווייל אויב נישט, וועט מען אײַך פּײַניגען, ביז איהר וועט זיך מוזען מודה-זײַן.

— פּײַניגען, הערר? — האָט דאָן מאַנועל אויסגערופֿען אין אימה. — מיך ווילט איהר פּײַניגען, דעם ריטער י. אַגילאַר? היט-זיך, איך...

— איהר ערלויבט זיך צו סטראַשען די הייליגע אינקוויזיציע? וואָס פֿאַר א נאַר איהר זייט! פּרינצען, פֿירשטען, הערצאָגען, בישאָפֿען, גובערנאַטאָרען און מעכטיגע מיניסטאָרען האָט דאָס דאָזיגע הייליגע געריכט אַרויסגעפֿאָדערט און געשטעלט פֿאַר זיין ריכטער־שטוהל און פֿעראורטיילט! און ווער זענט איהר? אויב איהר זענט שולדיג, וועט איהר אייער שטראָף נישט אויסמיידען. די שרעקליכסטע יסורים וועלען וויי מאַכען אייער האַרטען נאַקען, און דעריבער בין איך אייך מזהיר: זייט־זיך בעסער מודה אין אייער שולד, איידער ס'איז נאָך נישט צו־שפּעט. אַ פֿריי מודה־זיין־זיך איז דאָס איינציגע, דורך וואָס איהר קאָנט זיך פֿערזיכערן, אַז מען וועט זיך בעגעהן מיט אייך מילד און גנעדיג.

דער געדאַנק וועגען דער פּייניגונג האָט דעם אונגליקליכען שטאַרק אָנגע־גריפֿען. ער האָט אַ טראַכט־געטהון, אפשר איז טאַקי בעסער באַלד מודה־צו־זיין אַלץ, איידער די שרעקליכע יסורים וועלען ביי איהם דאָס אַרויסצווינגען. דאָ אָבער האָט ער זיך דערמאָהנט נאָך אין דער רעכטער צייט, דאָס ער האָט געהערט, אַז אַן אָנגעקלאָגטער אין געריכט פֿון דער אינקוויזיציע קאָן זיך נישט אויסדרעהען פֿון דער פּייניגונג, אַפילו ווען ער איז זיך מודה אויך. זאָל דער אָנגעקלאָגטער נאָך אָנדערצעהלען וועגען זיך די שרעקליכסטע זינד און די שענדליכסטע פֿער־ברעכענס, זאָל ער זיך מודה־זיין אין אַלץ, וואָס מען קלאָגט איהם אָן, ווערט ער דאָך פֿונדעסטוועגען פֿאָרט געפּייניגט; אַזעלכע תקנות האָט שוין געהאַט די אינקוויזיציע!

דאָן מאַנועל האָט געשוויגען. דער אינקוויזיטאָר האָט בעפֿוילען צו ברענגען די טייוועלס־געצייג פֿון דער פּייניגונג, כדי צו ווייזען דעם אָנגעקלאָגטען. דאָס זענען געווען שרעקליכע אינסטרומענטען. אַ בעדינעטער פֿון די אינקוויזיציאָנס־תלינים האָט זיי אַריינגעבראַכט און געגעבען אַן ערקלערונג, ווי־אַזוי מען אַרבייט מיט זיי.

דאָ זענען געווען קודם־כל די שענדליכסטע „שפּאַנישע שטיוועל". פֿון אינע־וועניג זענען זיי געווען אויסגעזעצט מיט קליינע שאַרפֿע מעסערלעך, פֿון אויסע־וועניג האָבען זיי געהאַט שרויפֿען. אַזאַ שטיוועל פֿלעגט מען אָנטהון דעם געפּיי־ניגטען און אָנהויבען איינשרויפֿען פֿון אויסעווענדיג אַזוי לאַנג, ביז די מעסערלעך פֿלעגען זיך אַלץ טיעפֿער אַריינשניידען אין פֿוס; מען האָט געקאָנט דעם שטיוועל אַזוי איינשרויפֿען, ביז דער ביין פֿון פֿוס זאָל אינגאַנצען צעריבען ווערען.

דאָ זענען געווען אויך אַפּאַראַטען צו גיסען זודיגע וואַקס אויף די נעגעל פֿון די פֿינגער; אַנדערע אינסטרומענטען האָבען געדינט דערצו, אַז מען זאָל ביים געפּייניגטען פֿונאַנדערציהען די אברים אויף אַן אומנאַטירליכען אופֿן. דאָ איז געלעגען אַ בינטעל צוואַנגען פֿון די פֿערשיעדענסטע פֿאָרמען; די צוואַנגען פֿלעגט מען אָנגליהען רויט אויפֿ'ן פֿייער און רייסען מיט זיי דערנאָך דאָס פֿלייש שטי־קערווייז ביים געפּייניגטען אין אַלע טיילען פֿון זיין לייב.

אַ שוידער האָט אַדורכגענומען דאָן מאַנועל'ן, ווען ער האָט דערזעהן די דאָזיגע טייוועלס-אינסטרומענטען! ער, וועלכער האָט אין זיין לעבען נישט געהאַט די קלענסטע אונאַנגענעהמליכקייטען, וועלכער איז געווען רייך געבענשט מיט אַלערליי גליקס-גיטער, הויך געאַכטעט דורך זיינע מיטבירגער און האָט גליקליך און רוהיג געלעבט מיט זיין פֿרוי, קוקענדיג מיט פֿערגעניגען אויף זיינע יונגינקע קינדערלעך—ער זאָל פּלוצלונג אַנידערגעלעגט ווערען אויף אַ פּייניגונגס-באַנק, ווי אַ געמיינער פֿערברעכער, און מען זאָל פֿון איהם רייסען זיין פֿלייש שטיקערוויי! פֿאַר וואָס? פֿאַר ווען? דערפֿאַר, וואָס ער איז טיעף אין הארצען געבליבען געטריי דעם גאָט פֿון זיינע אָבות!

מיט אַ פֿערטייוועלטער פֿרייד האָט דער אינקוויזיטאָר געקוקט אויפֿ'ן שרעקליכען איינדרוק, וואָס די טייוועל-געצייג האָבען געמאַכט אויפֿ'ן אָנגעקלאָגטען. ער האָט בעפֿויהלען אָבצופֿיהרען איהם צוריק אין זיין דומפּיגען, עלענדען קעלער. ער האָט געהאָפֿט, אַז די דערהיצטע פֿאַנטאַזיע פֿון אונגליקליכען וועט איהם אין דער טרויעריגער איינזאַמקייט אויסמאָלען אַזעלכע שוידערהאַפֿטע בילדער פֿון דער פּייניגונג, אַז ער וועט זיך אַליין מודה-זיין אין אַלץ אויף צו-מאָרגענס. די ערפֿאַהרונג מיט די אָנגעקלאָגטע אין אינקוויזיציאָנס-געריכט האָט תמיד דערוויזען, אַז די שרעק פֿאַר דער פּייניגונג האָט שטענדיג געווירקט נאָך זיכערער, ווי די פּייניגונג גופֿא. קוים אָבער האָט אַן'אָנגעקלאָגטער זיך מודה-געווען אין אַלץ, וואָס מען האָט פֿון איהם געפֿאָדערט, האָט די אינקוויזיציע שוין געהאַט איהר קרבן.

ווען מען האָט דאָן מאַנועל'ן געבראַכט צוריק אין זיין קעלער-תּפֿיסה, האָט ער זיך גענומען זוכען טרייסט און שטאַרקונג אין געבעט צו גאָט.

„אַלמעכטיגער גאָט!—האָט דאָן מאַנועל געזאָגט.—דו ביסט גערעכט אין אַלץ, וואָס דו האָסט אויף מיר געשיקט, און איך, איך האָב געזינדיגט. פֿאַרוואָס האָב איך נישט נאָכגעגעבען די ביטעס פֿון מיין ווייב? פֿאַרוואָס האָב איך שוין לאַנג נישט פֿערלאָזען דאָס שרעקליכע שפּאַניען? פֿאַרוואָס בין איך אין פֿאָריגען יאָהר מיט מיינע קרובים נישט אַרויסגעפֿאָהרען קיין האָלאַנד? פֿאַרוואָס בין איך דאָ געבליבען, כּדי צו זאָגען ליגען און פֿאַלשקייט, ווערהענד איך האָב געהאַט די פֿרייהייט אָפֿען אָנצוערקענען זיך אַלס יוד? אָה, די ליעבע צום דאָזיגען שענעם לאַנד שפּאַניען האָט מיך פֿערבלענדעט! אמת, דו, אַלמעכטיגער גאָט, ביסט גערעכט. זאָל דיין הייליגער רצון געשעהן. וואָס עס זאָל מיט מיר נישט פֿאָרקומען, דו ביסט ביי מיר, מיין שוץ און מיין גואל!".

דאָן מאַנועל האָט געגעסען פֿונ'ם ברויט און געטרונקען פֿונ'ם וואַסער, וואָס ער האָט געפֿונען אין זיין קעלער, ווייל ברויט און וואַסער פֿלעגט מען תמיד געבען די אונגליקליכע אין דער תּפֿיסה פֿון דער אינקוויזיציע. דאַן האָט ער זיך געלעגט אויפֿ'ן שטרוי, וואָס האָט איהם געדאַרפֿט דיענען פֿאַר אַ געלעגער, און איז איינגעשלאָפֿען. ער איז געשלאָפֿען פֿעסט און רוהיג, קיין בייזער חלום האָט

זײן שלאף נישט געשטערט. ארום האלבע נאכט האט מען איהם פּלוצלונג אויפ־געוועקט. א פערמאסקירטע געשטאלט מיט א בלענד־לאמטערן אין דער האנד איז געשטאנען פאר איהם.

— נעהמט, סעניאָר, און לייענט־אדורך און גיט עס מיר באלד אָב צו־ריק. בענדיטא, דער קצב, שיקט עס אייך.

האסטיג האט דאן מאנועל זיך אויפגעהויבען פון זיין געלעגער און האט געלייענט:

„ראפאעלא בעגלייטעט זיכער אייער ווייב און אייער טאכטער; ווען ער וועט זיי ברענגען אין א זיכערען ארט, וועט ער געהן צו אייער פעטער אין קארדאווא. האלט־אויס געדולדיג און זייט זיך אין קיין זאך נישט מודה״.

ווי נור דאן מאנועל האט דאס צעטעלע אדורכגעלעזען פאר'ן שיין פון לאמטערן, האט דער פערמאסקירטער צוגענומען ביי איהם דאס צעטעלע און איז פערשוואונדען געווארען הינטער דער טהיר, וועלכע ער האט הינטער זיך פערשלאסען.

7.

יף צו־מארגענס האט דאן מאנועל ווידער געמוזט ערשיינען פאר'ן אינקוויזיטאר.

— זענט איהר שוין איצט גרייט מיט אנ'אפענעם הארצען און מיט חרטה אלץ מודה־צו־זיין, כדי מען זאל זיך מיט אייך בעגעהן מילד און גנעדיג?

— איך האב נישט וואס מודה־צו־זיין, — האט דער ריטער געענטפערט, — דען איך ווייס נישט, אז איך זאל האבען געטהון אדער געזאגט עטוואס שלעכטס. זאגט מיר, ווער איז מיין אנקלאגער, און ערקלערט מיר, אין וואס מען בעשול־דיגט מיך, כדי איך זאל זיך קאנען פערטיידיגען.

— זאגט דאס „קרעדא״ („אני מאמין״ ביי די קריסטען).

דאן מאנועל האט אויף געשווינד אבגעזאגט דעם קאטוילישען „קרעדא״. ווען ער וואלט עס נישט געזאגט אזוי געשווינד, וואלט דאס געוועזן א סימן, אז ער איז א שלעכטער קריסט. נאכ'ן „קרעדא״ האט מען איהם געהייסען זאגען דאס „פאטערנאסטער״ (אונזער פאטער—א קריסטליכע תפילה). געוועהנליך פלעגט מען אנ'ארעסטירטען אין אינקוויזיציע הייסען זאגען אויך די עשרת הדברות (דעקאלאג), נאר ביי אנ'ארעסטירטען, וועלכען מען האט חושד געוועזן אין יודענטום, האט מען דאס געהאלטען פאר איבריג, ווייל א יוד, פערשטעהט־זיך, איז עס קלאר אויף אויסווענדיג.

ווייל ביז איצט האט מען דאן מאנועל'ן נישט געקאנט כאפען אין וועלכער־

עס-איז זינד, האָט מען זיך גענומען צו דער איינגענטליכער אויספאָרשונג. דער לעזער וועט זיך אודאי דערמאָהנען, אז דער אַרעסט איז פאָרגעקומען אויפ'ן גרונד פון זאלצען פלייש; אָבער לויט דער קונצינקייט פון דער אינקוויזיציע האָט מען נישט געדאַרפט אָנהויבען דוקא מיט'ן פונקט, אויף וועלכען די אָנקלאַגע האָט זיך געשטיצט. מען האָט די דאָזיגע אָנקלאַגע איינגעפלאָכטען אין הונדערטער אנדערע פראַגען, כדי די זאך זאל ערשיינען דעם אָנגעקלאָגטען, אלס אַנ'אונבע-דייטענדע זאך. דער אינקוויזיטאָר האָט אָבגעזוכט די אינסטרוקציע, וועלכע פריי באַלטאַזאר האָט דערמאָהנט, לויט וועלכער מען דאַרף אויספאָרשען די אַרע-סטירטע, וואָס מען איז חושד אין יודענטום. אין דער אינסטרוקציע זענען געווען 37 פונקטען. אויב דער אָנגעקלאָגטער האָט מודה-געווען אויף איינעם פון אָט די פונקטען, אָדער עדות האָבען בעשטעטיגט, אז ער איז דערין שולדיג, איז דער אָנגעקלאָגטער געווען פערלאָרען.

— דאָן מאַנועל י. אַגילאַר,—האָט געזאָגט דער אינקוויזיטאָר,—זאָגט מיר די פאָלקאָמע און גאַנצע וואהרהייט וועגען אַלץ, וואָס איך וועל אייך פרעגען, קיין זאך זאָלט איהר נישט פערדעקען. ציז האָט איהר נאָך איין ביי-נאָמען?

— איך הייס פעדראָ הענריקעץ געראָנימאָ זשואַן מאַנועל דע וואַלענסיאַ י. אַגילאַר.

— ציז הייסט איהר נישט אויך משה, מרדכי אָדער מאיר?

— ניין, עהרווירדיגער פּאַטער.

— ווי הייסט אייער זוהן?

— איגנאַציאָ פראַנציעסקאָ דיעגאָ.

— ציז רופט איהר איהם נישט אמאָל דוד אָדער דניאל?

— קיינמאָל נישט, עהרווירדיגער פּאַטער.

פון די דאָזיגע פראַגען איז שוין קלאָר געוואָרען פאַר דאָן מאַנועל'ן, אז מען האָט איהם אָנגעקלאָגט אין געהערען בשתיקה צום יודענטום. ער האָט בעשלאָסען אויסצומיידען פאָרזיכטיג אַלץ, וואָס וואָלט נעקאָנט פערערגערן זיין לאַגע.

ווען דער אינקוויזיטאָר האָט איינגעזעהן, אז דאָן מאַנועל האָט זיך בעשלאָ-סען פעסט אַלץ אָבצולייקענען, האָט ער געענדערט זיין סיסטעם. ער האָט ערקלערט שאַרף:

— דעם 13-טען מערץ האָט איהר זיך אָבגעהאַלטען פון אַלע שפייזען, איהר האָט געפאַסט, כאָטש אין יענעם טאָג איז נישט געווען קיין קירכליכער יום-טוב. דאָס איז דערוויזען געוואָרען.

דאָן מאַנועל האָט באַלד איינגעזעהן דעם זין פון דער דאָזיגער וואונדער-ליכער ערקלערונג. אין דער אינסטרוקציע פון דער אינקוויזיציע איז געווען א פונקט, אז די יודען פאַסטען דעם 13-טען אדר, און זייל דער מאָנאַט אדר קומט-פאָר געוועהנליך אין מערץ, איז אין דער אינסטרוקציע צום וואָרט מערץ

געווען צוגעגעבן דער יודישער חודש אין קלאמערן (אדר). אז אָבער אין׳ם יאָהר, ווען די געשיכטע איז פֿאָרגעקומען, איז דער יודישער חודש אדר גאָר נישט חל געווען אין מערץ, דאָס האָט דער אינקוויזיטאָר נישט געוואוסט.

— דעם 13-טען מערץ?—האָט דאָן מאַנועל געפֿרעגט.—איהר האָט אַ טעות, כעניאָר. קיינמאָל האַלט איך זיך נישט-אָב פֿון אַלע שפּייזען, איך היט נור אָב די תעניתים, וועלכע די קירכע בעפֿעהלט. דעם 13-טען מערץ? אָה, דאַן איז דאָך דער נאָמענס-טאָג פֿון דאָנאַ אויפראָזיאַ, דער פֿרוי פֿון מיין פֿריינד דעם אַלקאַדע דאָן אַנטאָניאָ דע פּאַאולאַ. אין׳ם דאָזיגען טאָג בין איך מיט מיין פֿרוי געווען ביי איהם צו-גאַסט, כדי צו ווינשען גליק דער סעניאָראַ. מען האָט אונז מכבד געווען מיט זיסע זאַכען און מיר האָבען געגעסען. איהר קאָנט פֿרעגען ביים אַלקאַדע.

דער אינקוויזיטאָר איז געוואָרען מבולבל. ער איז געווען פֿעסט איבערצייגט, אַז דעם 13-טען מערץ איז אַ יודישער תענית. ער האָט אויך אַמאָל געלייענט, אַז די יודען היטען-אָב זייערע תעניתים זעהר שטרענג מיט פֿיעל פּייניגונגען. געלייענט האָט ער עס וועגען יום-כפּור, אָבער ער האָט לגמרי נישט געוואוסט, וואָס איז דער אונטערשיעד פֿון יום-כפּור ביז תענית-אסתּר. ווען אַלזאָ דאָן מאַנועל האָט ביים אַלקאַדע געגעסען אין „תענית פֿון 13-טען מערץ” זיסע זאַכען — איז ער, מעגליך, גאָר נישט קיין געהיימער יוד. דער אינקוויזיטאָר האָט דעריבער בעשלאָסען תיכף איבערצוגעהן צום הויפּט-פּונקט פֿון דער אָנקלאַגע, צום ענין פֿון זאַלצען פֿלייש. די אָנקלאַגע וועגען דעם האָט-זיך געשטיצט אויף צוויי עדות, פֿריי באַלטאַזאַר און זשואַנאַ, וועלכע האָבען זייער עדות-זאָגען בעשטעטיגט אונטער אַ שבועה. אויב דאָן מאַנועל וועט אויך דאָס אָבלייקענען, וועט מען זיך קאָנען נעהמען צו דער פּייניגונג.

— ווי-אַזוי פֿלעגט מען צוגרייטען פֿלייש אין אייער הויז, דאָן מאַנועל?— האָט דער אינקוויזיטאָר געפֿרעגט.

— אַמאָל פֿלעגט מען עס קאָכען, אַמאָל בראָטען, ווי ס׳פֿלעגט איינפֿאַלען דער אַלטער קעכין.

— צי האָט מען עס נישט געזאַלצען?

— געוויס. ווער קאָן דען עסען נישט-געזאַלצטען פֿלייש?

— איהר האָט מיך נישט פֿערשטאַנען. איך מיין: צי האָט מען עס געזאַלצען פֿאַר׳ן קאָכען אָדער בראָטען, כדי אַרויסצוציהען דערפֿון דאָס בלוט?

— איך בין נישט געניט שטאַרק אין קיך-ענינים. איך האָב זיך קיינמאָל נישט געקימערט וועגען דעם, ווי-אַזוי מען גרייט-צו דאָס עסען.

— און אייער פֿרוי?

— אויך זי איז קיינמאָל אין קיך נישט אַריינגעגאַנגען. זי האָט פֿאָלקאָם

צוטריי געהאט צו דער אלטער סאנטשא, וועלכע איז שוין געווען קעלין ביי איהר מוטער אין שטוב.

דער אינקוויזיטאר איז בעפריעדיגט געווארען מיט'ן דאזיגען ענטפער. כ'איז מאקי גאנץ מעגליך געווען, אז די קעלין האט געזאלצען פלייש אהן דער ידיעה פון איהרע בעלי-בתים, בפרט ווען זי איז שוין פריהער געווען א דיענסט אין א הויז פון אנוסים, וועלכע זענען אויך בעשטראפט געווארען פאר זייער געהיימעם יודישקייט. דאן מאנועל האט אזוי-ארום געהאט די בעסטע אויסזיכט פריי צו ווערען פון געריכט. נאר דער אומשטאנד, אז זיין פרוי און הויזגעזינד זענען אנטלאפען געווארען, האט נאך פעסטגעהאלטען דעם חשד.

מען האט דאן מאנועל'ן צוריק אבגעפיהרט אין זיין קעלער-שטוב. מען האט געוואלט פריהער מאכען נייע אויספארשונגען, בעזאנדערס ביים אלקאדע, וועגען דעם 13-טען מערץ, און ערשט דאן נעהמען-זיך צו דער פייניגונג. אויב דאן מאנועל זאל אויסשטעהן די יסורים און נישט מודה-זיין-זיך, וועט ער געראטעוועט ווערען. צי וועט ער אבער קאנען אויסהאלטען די גרויסע יסורים, וואס מען האט זיך געקליבען אנצוטהון איהם—דאס איז געווען א גרויסער ספק.

אין דער צייט, וואס דאן מאנועל האט געליטען אין געפענגניש פון דער אינקוויזיציע, האט מען אריינגעבראכט זיין זוהן, דעם קראנקען דיעגא, אין דאמיניקאנער-קלויסטער, וואו ער האט אנגעהויבען ביסלעכווייז בעסער ווערען. פון דער סעניארא און די איבריגע הויזגעזינד פונ'ם ריטער האט מען קיין שום שפור נישט געפונען, כאטש מען האט זיי געזוכט, ווי מיט ליכט. בעזונדערס שטארק האט מען געוואלט אריינכאפען די אלטע סאנטשא, ווייל אויף איהר האט מען געהאט איבערהויפט א שטארקען חשד, אז זי געהערט צום יודענטום. די אינקוויזיציע וואלט מיט'ן זעלביגען פערגעניגען פערברענט אן'אלטע קעלין, ווי אן'אנגעזעהענעם ריטער.

וואס-זשע איז אבער פארט געווארען מיט די אנטלאפענע יודען?

זיי אלע זענען גליקליך ארורכגעגאנגען דעם קארידאר אונטער דער ערד, ווייל די סאלדאטען פון דער אינקוויזיציע האבען לגמרי נישט געוואוסט וועגען דער געהיימער שוהל און דעם ארויסגאנג אין וואלד אריין. די אנטלאפענע זענען זיך דעריבער רוהיג ארויסגעקומען פון וואלד. דארט האבען זיי אבגעהאלטען א בעראטונג. די יודישע איינוואוינער פון וואלענסיא האבען בעשלאסען צוריק-צוגעהן אהיים, יעדער בעזונדער אין זיין וואוינונג, און זעהן זיך אין געשטימטע צייטען, ווייל זיי אלע זענען דאך געשטאנען אין געפאהר, אין פאל, אז דאן מאנועל זאל נישט קאנען אויסהאלטען די יסורים און ער וועט זיי ארויסגעבען. אין דער ווירקליכקייט אבער זענען זיי מכח דעם געווען גאר רוהיג, ווייל זיי האבען געוואוסט, אז קיינע יסורים אין דער וועלט וועלען איהם נישט בעוועגען צו פערראטען זיי.

אנדערש אבער איז עס געווען מיט די אנגעשטעלטע אין דאן מאנועל'ס

הויז: זיי האָבען געמוזט אַנטלויפען, ווייל ראַפאַעלאָ האָט געהערט, דאָס דער אַלקאַדע האָט געהאַט אַ בעפעהל זיי אַלעמען צו אַרעסטירען; זיי האָבען דעריבער בעשלאָסען צו שיידען זיך איינער פונ׳ם אַנדערען. נאָכדעם ווי יעדער פון זיי האָט בעקומען אַ טייל פונ׳ם געלד, וואָס מען האָט מיטגענומען פונ׳ם קאַסטען, וואָס איז בכיוון דערויף געשטאַנען אָנגעגרייט אין קאָרידאָר אונטער דער ערד, זענען זיי זיך פונאַנדערגעגאַנגען, און ראַפאַעלאָ האָט בעשלאָסען אָבצופיהרען דאָנאַ אַנונציאַטאַ מיט איהר טאָכטערל אינעץ קיין מאַדריד. דאָרט האָט געלעבט אין פאָרשטאָדט לאַז אינפאַנטאָס אַ מוהמע פון דאָנאַ אַנונציאַטאַ, אַנ׳אַלמנה, דאָנאַ קאַטאַרינאַ דע מאָנטאַלטאָ, וועלכע איז געוועזען אַ רייכע פרוי, און ראַפאַעלאָ האָט געהאָפט, אַז זיין סעניאָראַ מיט איהר מיידעלע וועלען דאָרט אויפגענומען ווערען ווי ליעבע געסט. דאַן האָט ער גערעכענט צו פאָהרען קיין קאָרדאָוואַ, כדי צו בעוועגען דעם קאַרדינאַל דאָן אַלפאָנזאָ פערנאַנדעץ צו ראַטעווען זיין פלימעניק. זיין דאָזיגען פּלאַן האָט ראַפאַעלאָ איבערגעגעבען די חברים, די יודען אין וואַלענסיאַ, פאַר׳ן נעהמען אָבשיעד פון זיי. ער האָט זיי געבעטען און בעשוואָרען צו מהון דערווייל אַלץ, וואָס נור מעגליך, פאַר זיין אונגליקליכען בעל-הבית. קודם-כל האָט ער פערלאַנגט, אַז זיי זאָלען איהם מודיע זיין וועגען דעם שיקזאַל פון זיין פרוי און קינד און טרייסטען איהם, צוגעבענדיג מוט, אויסצוהאַלטען און נישט מודה-זיין-זיך. ווי מיר האָבען שוין געזעהן, האָט די דאָזיגע שליחות אויסגעפיהרט בענעדיטאַ דער קצב, וועלכער האָט אונטערגעקויפט אַ וועכטער פון דער תפיסה און איבערגעגעבען דורך איהם די ידיעה.

דאָנאַ קאַטאַרינאַ דע מאָנטאַלטאָ האָט אויפגענומען איהר פלימעניצע, דאָנאַ אַנונציאַטאַ, מיט איהר טאָכטערל זעהר פריינדליך. זי האָט די אונגליקליכע פרוי געטרייסט און בעהאַלטען זי ביי זיך אין שטוב, כאָטש דאָס איז געווען פערבונדען מיט גרויס געפאַהר, וואָרום אויב מען וואָלט ענטדעקט, אַז דאָנאַ קאַטאַרינאַ האָט אויפגענומען ביי זיך אין שטוב אַנ׳אַנטלאָפענע פון דער אינקוויזיציע אפילו אויף איין נאַכט, וואָלט מען זי אַליין תיכף געשטעלט פאַר׳ן שרעקליכען געריכט און בעשטראָפט מיט׳ן טויט. אָבער די אַנוסים אין שפאַניען האָבען דערויף גאָר נישט געקוקט: זיי האָבען בעשיצט און געשטיצט איינע די אַנדערע מיט אַלץ, וואָס נור מעגליך, און האָבען זיך נישט געשראָקען נישט פאַר׳ן טויט, נישט פאַר דער אינקוויזיציאָנס-תפיסה מיט איהרע ענוים און דעם ענדליכען פייער-טויט. ווען מען האָט נור געדאַרפט נעהמען אין שוץ אַ יודען אין דער נויט. עס פערשטעהט-זיך, אַז ס׳האָט שוין דאָ גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זיין, ווען ס׳האָט זיך געהאַנדעלט פאַר דאָנאַ קאַטאַרינאַ וועגען אַריינגעהמען אין שטוב און ראַטעווען פון דער אינקוויזיציע אַ ברודערס אַנ׳אייניקעל. דאָנאַ אַנונציאַטאַ האָט נור פערטוישט איהר נאָמען און האָט געהייסען דאָנאַ גראַציאַ דע לימאַ, אַרוים-

געבענדיג זיך פאר אנ'אלמנה פון לאאן. אזוי-ארום האט מען געגלויבט צו זיין זיכער פון אלע אויספארשונגען.

נאכדעם ווי ראפאעלא האט זיכער בעזארגט זיין סעניארא, האט ער זיך געלאזען אויף דער רייזע קיין קארדאווא. נאך א לאנגער און שווערער נסיעה איז ער ענדליך אהין אנגעקומען.

קארדאווא, די אלטע שטאדט פון די קאליפען, וועלכע איז אמאל געווען איינע פון די שענסטע שטעדט אויף דער וועלט, איז אונטער דער הערשאפט פון די שפאנישע קאטוילען גאר ארונטערגעפאלען פון איהר גרויסקייט. קארדאווא איז שוין אין דער צייט פון דער רוימישער הערשאפט געווען א בליהענדע שטאדט. מיט 152 יאהר פאר דער געוועהנליכער צייט-רעכנונג האט דארט דער רוימישער קאנסול מארצעלוס געגרינדעט א קאלאניע — די ערשטע רוימישע קאלאניע אין שפאניען. אבער קארדאווא'ס גלענצענדע פעריאדע האט-זיך אנגעהויבען ערשט דאן, ווען עבד-אור-ראהמאן דער ערשטער, פון די אמאיאדען, האט געגרינדעט דאס קאליפאט פון קארדאווא און אויסגעקליבען די שטאדט פאר זיין רעזידענץ. אונטער איהם, ווי אויך אונטער די אראבישע מלכים, וואס זענען געווען נאך איהם, האט קארדאווא דערגרייכט צו איהר העכסטער אויפבליהונג און געווארען איינע פון די שענסטע און גרעסטע שטעדט אין דער דאמאליגער וועלט. זי האט געהאט העכער א מיליאן איינוואוינער, 22 טויזענד הייזער, 600 מאשעען (מאחמעדאנישע געבעט-הייזער), אנ'אוניווערזיטעט, 80 עפענטליכע שולען, 900 עפענטליכע בעדער, א ביבליאטעק מיט 600 טויזענד בענדער און זעהר פיעל גרויסע, פרעכטיגע פאלאצען. די גרויסע מאשעע, וועלכע עבד-אור-ראהמאן האט אנגעהויבען בויען און זי איז פערענדיגט געווארען ערשט מיט הונדערט יאהר שפעטער, איז געווען אנ'עכט וואונדער-ווערק פון דער אראבישער ארכיטעקטור. לאנג איז זי געווען 620 פוס און ברייט 440; געהאלטען האט זי זיך אויף 850 סלופעס פון זשאספיס, מארמאר, סיעניט און פארפיר, צווישען וועלכע עס זענען נאך געווען 79 אלעען, דער אלקאזאר, דאס פארצייטיגע רעזידענץ-שלאס פון די קאליפען, איז נאך עד-היום די גרעסטע און שענסטע געביידע אין שפאניען. אויך די גרויסע בריק איבער'ן גוואדאלקוויויר, וועלכע איז געווען 800 פוס לאנג און האט-זיך געהאלטען אויף 16 געוועלב-בויגענס, איז געווען א מייסטערווערק פון דער אראבישער בוי-קונסט.

אין יאהר 1236 איז קארדאווא איינגענומען געווארען דורך פערדינאנד III פון קאסטיליען, נאכדעם ווי די שטאדט האט געהערט צו די אראבער אין א משך פון 525 יאהר. פון דעם מאמענט אן האט די שטאדט אנגעהויבען פאלען. מסחר, אינדוסטריע און קונסט האבען זיך אבגעשטעלט; די צאהל פון די איינוואוינער האט זיך פערקלענערט פון יאהר צו יאהר. די שענסטע הייזער זענען געבליבען באלד אהן איינוואוינער און מיט-דער-צייט זענען זיי געבליבען שטעהן ווי

חורבות אין מיטען שטאָדט. אונטער דער הערשאַפט פון די מויערן איז קאָרדאָווא געוועזן איינע פון די בעדייטענדסטע האנדעלס-שטעדט אויף דער וועלט; אויף איהרע באַזאַרען פלעגט מען פאָרלעגען אַלערליי סחורות פון אייראָפּאַ, אַזיען און אַפריקאַ; אונטער די קריסטען האָט קאָרדאָווא שוין כמעט גאָר נישט געהאַט קיין ווערטה פאַר׳ן מסחר. אויך די פרעכטיגע מאָשעען און, להבדיל, די גרויסע שוהל, וועלכע מען האָט איבערגעמאַכט אויף קירכען, זענען, געגען זייער פריהערדיגער לאַגע, געוועזן אמת׳ע חורבות.

טרויעריג איז ראַפאַעלאָ געגאַנגען אין די שמוציגע און מענשען-לעדיגע גאַסען פון קאָרדאָווא, וועלכע האָט אין דער צייט שוין געהאַט קיים 30 טויזענד איינוואוינער אין איהרע האַלב-איינגעפאַלענע הייזער. טרויעריג האָט ער זיך דערמאָהנט וועגען די יודישע גדולים, וועלכע האָבען דאָ געוואוינט אין דער צייט פון די קאַליפען און געהאַלטען גרויסע ישיבות, וואו ס׳האָבען געלערנט טויזענדער תלמידים. ער האָט זיך דערמאָהנט וועגען דעם גרויסען יודישען גאון רבי שמואל הנגיד, וועלכער איז בעריהמט געוועזן מיט זיין גאונות און אַלס דיכטער און גרויס-וויזיר ביים קעניג פון גראַנאַדאַ, ווי-אויך בעגרינדער פון דער שפּאַניש-יודישער גלאַנץ-פעריאָדע; און דערמאָהנט האָט זיך ראַפאַעלאָ וועגען נאָך איין פיעל-גרעסערען הויפט-סלופּ פון אַלע יודישע וויסענשאַפטען, וועלכער איז אַרויסגעקומען פון קאָרדאָווא—רבינו משה בן-מימון (רמב״ם).

מיט אַ שווער געמיט איז ראַפאַעלאָ געגאַנגען צום פּאַלאַץ אַלקאַזאַר, וואו ס׳האָט געוואוינט דער קאַרדינאַל ערצבישאָף. צי וועט דער קאַרדינאַל זיך אָננעהמען פאַר זיין פּלימעניק אין דער שרעקליכער נויט? צי וועט ער איהם קאָנען העלפען?...

8.

ווען ראַפאַעלאָ איז אַריינגעקומען אין פּאַלאַץ פון קאַרדינאַל, האָט מען איהם אַריינגעפיהרט אין אַ גרויסען זאַל, וואו דער קאַרדינאַל האָט איהם געדאַרפט אויפנעהמען. דער קאַרדינאַל ערצבישאָף דאָן אַלפאָנזאָ פערנאַנדעץ י. אַגילאַר איז געוועזן אין-דערהיים און גרייט אויפצונעהמען דעם פרעמדען, וועלכען מען האָט איהם געמעלדעט.

אַ פּאָר מינוטען זענען אַריבער. ראַפאַעלאָ איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און געקוקט אַרויס אויף דער שטאָדט, וועלכע האָט זיך געזעהן פון פענסטער אַרויס ווי אַ לענגליכער פיער-קאַנטיגער פּלאַן, מיט איהרע גרויסאַרטיגע, אָבער האַלב-איינגעפאַלענע געביידעס, אויף די כוואַליעס פון טייך גוואַדאַלקוויויר, אויף די סעדער און ווייגערטנער, אויף די וועלדער פון איילבירטען און פּאָמעראַנצען,

וועלכע האבען זיך געצויגען ביז די שפּוּעים פֿון די בערג סיערא מארענא.

— ווי גרויסארטיג זענען די פֿעלדער פֿון אנדאלוזיען! — האט ראפֿאעלא גערעדט פֿאר זיך. — ווי שען ביסטו, מיין פֿאטערלאנד, און ווי זעהר ווערסטו ערנידריגט דורך די מעשים פֿון דיינע איינוואוינער! דא האבען מיינע אבות גליקליך און רוהיג געלעבט, זיי האבען מיטגעווירקט דעם וואוילשטאנד פֿון לאנד, ענטוויקעלט די קונסט און די וויסענשאפֿט, ביז ס'איז ענטשטאנען די רעליגיעזע שנאה און זיי זענען פֿון לאנד פֿערטריבען געווארען אדער מען האט זיי פֿערברענט אין די פֿלאמען פֿייער. און נאך עד־היום בערוהיגט־זיך נישט די דאזיגע שרעקליכע שנאה, נאר זי בייסט און נאגט נאך אלץ אינ'ם מארך פֿון די בעסטע זיהן און טעכטער פֿון שפּאניען!

א זייטיגע טהיר האט זיך געעפֿענט; ראפֿאעלא האט זיך אבגעקעהרט און דערזעהן דעם אריינקומענדען קארדינאל.

— עמינענץ! — האט ער געזאגט.

— וואס פֿאר א שטימע! — האט אויסגערופֿען איבערראשט דער קירכען־פֿירשט. — מיין ראפֿאעלא, ביסטו עס, דער פֿריינד און חבר פֿון מיין גליקליכער יוגענד?

דער קארדינאל האט אויסגעשפּרייט זיינע ארעמס און מיט א הויך געוויין האט ראפֿאעלא זיך געווארפֿען איהם אויפ'ן האלז.

דער קארדינאל און ראפֿאעלא זענען אין דער יוגענד געוועזען חברים; זיי זענען געוועזען כמעט פֿון איין עלטער. ראפֿאעלא'ס פֿאטער האט פֿערנומען אין הויז פֿון אגילאר דיזעלבע שטעלע, וואס ראפֿאעלא האט שפּעטער איבערגענומען בירושה. ער איז געוועזען הויפּמייסטער אין שטוב און אין דערזעלביגער צייט האט ער אין דער קעלער־שוהל געלערנט מיט די יונגע קינדער פֿון די אנוסים די העברעאישע שפּראך און תורה. דער יונגער ראפֿאעלא האט צוזאמען געשפּיעלט מיט אלפֿאנזא פֿערנאנדעז, ווייל דאן מאנועל'ס זיידע און פֿערנאנדעז'עס עלטערער ברודער זענען געוועזען שוין דאמאלס דערוואקסענע בחורים. דער יעצטיגער קארדינאל האט דאמאלס געלערנט צוזאמען מיט ראפֿאעלא תורה און תלמוד. אך, ווי פֿלייסיג זיי האבען געלערנט, ווי פֿרעהליך זיי פֿלעגען דערנאך שפּיעלען און שטיפֿען! זעהר אונגליקליך האט זיך געשפּירט דער יונגער אלפֿאנזא, ווען מען האט איהם געמעלדעט, אז ס'איז בעשלאסען געווארען, דאס ער זאל ווערען א גלח, כדי צו קאנען בעשיצען שפּעטער וואס מעהר אנוסים פֿון דער בלוטיגער אינקוויזיציע! טאג און נאכט האט ער דאמאלס געוויינט, ווייל ער האט ליעב געהאט די יודישע תורה און דאס יודענטום. אומזיסט האט ראפֿאעלא זיך בעמיהט איהם צו טרייסטען, „אך! — האט דאמאלס גערעדט דער יונגער אלפֿאנזא פֿערנאנדעז, — ווען איך וואלט געקאנט מיט דיר טוישען זיך, ראפֿאעלא! ווי גערן וואלט איך בעסער געוואלט זיין א משרת אין א הויז, איידער מוזען ווערען א גלח!" אבער זיינע טענות האבען נישט געהאלפֿען. איינער פֿון דער משפּחה אגילאר האט געמוזט ווערען א גלח.

אַזוי האָט זיך געפֿירט תּמיד, זינט דער צײַט, וואָס די משפּחה איז געצוואונגען געוואָרען אָנצונעהמען דאָס קריסטענטום; מען האָט עס בעשלאָסען, אַלס אַ זאַך, וואָס איז נויטיג פֿאַר דער זיכערקײַט פֿון דער גאַנצער משפּחה. דער יונגער אַלפֿאָנזאָ פֿערנאַנדעץ האָט געמוזט נאָכגעבען: די נויטווענדיגקײַט האָט עס געפֿאָדערט. ער איז אַלזאָ אָבגעפֿאָהרען קײַן שאַלאַמאַנקאָ צו שטודירען דאָרט טעאָלאָגיע. זײַנע גוטע פֿעהיגקײַטען און דער גרויסער יחוס מיט דער הויכער פּראָטעקציע האָבען איהם געשווינד אַרויסגעפֿיהרט אויפֿ'ן גרויסען וועג. ער איז געוואָרען פּראָפֿעסאָר אין דער אוניווערזיטעט, אין וועלכער ער האָט שטודירט; אַ פּאָר יאָהר שפּעטער איז ער בעשטימט געוואָרען אַלס בישאָף פֿון אַלמעדאַ און יעצט איז ער שוין פֿיעל יאָהרען געווען ערצבישאָף פֿון קאָרדאָוואַ און קאַרדינאַל.

ראַפֿאַעלאָ'ס לעבען איז דורכגעגאַנגען פֿיעל אײַנפֿאַכער. נאָך זײַן פֿאָטערס טויט האָט ער איבערגענומען זײַן שטעלע און האָט חתונה געהאַט; אָבער מיט זײַן פֿרוי האָט ער קײַן קינדער נישט געהאַט און נאָך אַ לאַנגען, רוהיגען און גליקליכען לעבען צוזאַמען, איז זי געשטאָרבען מיט אַ יאָהר צוויי איידער די געגענווערטיגע געשיכטע איז פֿאָרגעקומען. דאָס גאַנצע לעבען און דענקען פֿון ראַפֿאַעלאָ איז געווען פֿעסט פֿערבונדען מיט'ן הויז י. אַגילאַר און דער משפּחה. אַלע עלטערע זיהן פֿון דער משפּחה זענען געווען זײַנע תּלמידים אין דער יודישער תּורה. שפּעטער איז ער געווען דער מלמד פֿון דאָן מאַנועל און יעצט פֿון זײַן קלײנעם זוהן דיעגאָ. אין אַ משך פֿון צוויי הונדערט יאָהר, זינט די שווערד פֿון דער אינקוויזיציע איז געהאַנגען איבער'ן הויז אַגילאַר, איז יעצט צום ערשטען מאָל אַ מיטגליעד פֿון דער משפּחה געשטעלט געוואָרען פֿאַר'ן אינקוויזיציאָנס-געריכט.

די יוגענד-פֿרײַנד, דער קאַרדינאַל און דער מלמד-משרת, האָבען פֿיעל יאָהרען זיך נישט געזעהען. וועהרענד דאָן מאַנועל איז געווען אַן'אָפֿטער גאַסט בײַ זײַן פֿעטער אין שטוב, האָט ראַפֿאַעלאָ כּמעט נישט פֿערלאָזען דאָס הויז פֿון זײַן העררן, דען ער האָט געמוזט דאָפּעלט היטען דאָס הויז: דאָס עפֿענטליכע, אויסערליכע און דאָס אינערליכע, געהיימע. יעצט איז שוין זײַן שמירה געווען איבריג: דאָס שענע הויז איז געבליבען לעדיג און דער בעל-הבית איז אַוועקגעשלעפּט געוואָרען אין די פֿינסטערע תּפֿיסה אַרײַן.

אויך דאָן אַלפֿאָנזאָ פֿערנאַנדעץ איז פֿיעל יאָהרען נישט געווען אין וואַלענסיאַ, ווײַל דער וועג אַהין פֿון קאָרדאָוואַ איז געווען ווײַט, דאָס רײַזען איז אין יענע יאָהרען געווען פֿערבונדען מיט גרויסע שוועריגקײַטען און דער קאַרדינאַל איז שוין געווען אַן'אַלטער מאַן.

— ברוך בואך, געבענשט זאָל זײַן דײַן קומען, מײַן פֿרײַנד, מײַן ברודער! — האָט דער קאַרדינאַל אויסגערופֿען אויף העבּרעאיש און שפּאַניש צו ראַפֿאַעלאָ'ן. — זאָג, וואָס האָט דיך געבראַכט אַהער אַזש קײַן קאָרדאָוואַ? וואָס האָט געקאָנט דיך, אַלטער ברודער, בעוועגען צו שיידען זיך פֿון דײַן אַלט-געזעסענעם נעסט? וואָס

מאכט דאן מאנועל, מיין פלימעניק? און זיין ליעבליכע פרוי, דאנא אנונציאטא מיט איהרע זיסע קינדערלעך, די האפנונג פון דער משפחה אגילאר?

ראפאעלא האט געשוויגען, נאר א טייך טרעהרען האט זיך א גאס געטהון פון זיינע אויגען.

— דו ווייגסט, אלטער ״ער?—האט דער קארדינאל אויסגערופען, — זאג, וואס איז געשעהן? ציי האט אין וואלענסיא זיך פערשפרייט די מגפה און אלגע־מיינע פריינד זענען געשטארבען? ציי האט דער בליץ אריינגעשלאגען אין אגילאר'ס הויז און זיי זענען אלע דארט פערברענט געווארען? פריינד, ברודער, רעד דאך!

— עמינעניץ!...

— לאז־אב מיט די טיטלען און רוף מיך אלפאנזא, ווי אין די אלטע גוטע יאהרען.

— אה, אלפאנזא, א גרויס אונגליק איז געקומען אויף דאס הויז י. אגילאר! דאן מאנועל איז אוועקגעשלעפט געווארען אין תפיסה פון דער אינקוויזיציע.

— אלזא האט דאך דער בליץ פארט אריינגעשלאגען, אבער נאך שרעקלי־כער, גרויזאמער, ווי פון די וואלקענס ארויס... און זיין פרוי?

— מיר אלע האבען געדארפט ארעסטירט ווערען, אבער מיר האבען בע־וויזען צו אנטלויפען; נור דער יונגער דיעגא איז געבליבען ליעגען אין שטוב קראנק אויף פאקען. דאננא אנונציאטא און אינעץ זענען איצט אין א זיכערען ארט. מיין גוטער הערר האט אונז אלעמען געגעבען אין דער ריכטיגער צייט א וואונק, דאס מיר זאלען געשווינדער אנטלויפען.

— קאנסטו מיר געבען עפיס גענויערע ידיעות?

— איך בין מיר נור משער, אז א דאמיניקאנער גלח, וועלכער האט געלעבט א לענגערע צייט ביי אונז אין שטוב און איז ארויסגעטריעבען געווארען דערפאר, וואס ער האט אנגעהויבען נאכצולויפען נאך דער סעניארא, האט אונז אלעמען גע'מסר'ט.

— וואס איז געוועזען דער גרונד פון זיין מסירה?

— דאס ווייס איך נישט.

— שלעכט, זעהר שלעכט.

— איך האף, אז דאן מאנועל וועט פעסט אבלייקענען אלע פונקטען פון דער מסירה; איך האב נור מורא, אז ער וועט נישט קאנען אויסהאלטען די שווערע יסורים פון דער פייניגונג אין דער אינקוויזיציע.

— דיך האט מען אויך געוואלט ארעסטירען?

— יא, מיך און דאס גאנצע הויזגעזינד.

— דאן האט דער דאמיניקאנער גלח בעמערקט אין שטוב עטוואס, וואס דערמאהנט אן א יודישען מנהג? ציי זענט איהר נישט געווען גענוג פארזיכטיג?

מיט'ן פֿײַערן שבת און יום־טובים אין דער געגענוואַרט פֿון גלח? אָדער אפֿשר האָט דער קלײנער דיעגאָ עטוואָס געפּלוידערט?

— מיר זענען געװען פֿאָרזיכטיג און דער קלײנער דיעגאָ האָט אונז נישט פֿערראַטען.

— אָבער עטוואָס איז דאָך פֿאָרט מסתמא פֿאָרגעקומען. ווען מײַן ברו־דערס אײניקעל וואָלט אַרעסטירט געוואָרען פֿאַר אַ וואָרט, פֿאַר אַ מײנונג, פֿאַר אַנ'ענין פֿון אמונה, וואָלט מען אַרעסטירט נור איהם אַלײן.—דו, מײַן ראַפֿאַעלאָ, האָסט מיר געבראַכט אַ זעהר, זעהר טרויעריגע ידיעה. אָה, ווען איך וואָלט גע־קאָנט העלפֿען! אין דער לעצטער צײַט האָט מען די אַלטע אינקוויזיציאָנס־כּללים זעהר פֿערשאַרפֿט און איך האָב נישט קײן מאַכט געגען דער אינקוויזיציע.

— אַלפֿאָנזאָ, מײַן ברודער, די צײַט איז יעצט געקומען, צוליעב וועלכער דײַן פֿאָטער האָט דיך בעשטימט פֿאַר אַ גלח. ראַטעווע דעם אײניקעל פֿון דײַן ברודער און זײַנע לײַט!

— מײַן גוטער ראַפֿאַעלאָ, דו פֿערשפּאָרסט מיר צו דערמאָהנען: איך וואָלט גערן אָבגעגעבען דאָס בלוט פֿון מײַן האַרצען, כּדי צו ראַטעווען איהם! אָבער דורכ'ן בלוט פֿון מײַן האַרצען וועט ער נישט בעפֿרײַט ווערען פֿון די צײַהן פֿון דער ווילדער חיה, וואָס מען רופֿט אינקוויזיציע.

— ווען מען וואָלט איהם נור געקאָנט בעשיצען פֿון דער פּײַניגונג!

— וואָס מען וועט נור קאָנען, וועל איך טהון, ראַפֿאַעלאָ, איך וועל אַלץ פּרובירען, כּדי צו בעפֿרײַען און ראַטעווען מײַן פּלימעניק. מעגליך, אַז דאָס וועט געלינגען. ריקאָבערטי, דער גרויס־אינקוויזיטאָר, איז מײַן פֿרײַנד. מעגליך, אַז איך וועל פּועל'ן, אַז די אַקטען זאָלען אָבגעשיקט ווערען אין דער אויבער־אינ־קוויזיציע אין מאַדריד. נאָך אײדער מען וועט אָנווענדען די פּײַניגונג. איך וועל נאָך הײַנט שיקען אײנעם פֿון מײַנע אונטערגעגעבענע געטרײַע לײַט, אַ גלח, קײן וואַלענסיאַ, כּד צו שטימען גינסטיג דעם אינקוויזיטאָר לטובת דאָן מאַנועל; אַ צווײטען גלח, וואָס איז מיר אויך העכסט ערגעבען, וועל איך שיקען צו רי־קאָבערטי קײן מאַדריד. דו אָבער, מײַן ליעבער פֿרײַנד, רוה־זיך־אויס פֿון דער שווערער רײַזע! אפֿשר ווײסטו אויך, אַז דער פּאַלאַץ אַלקאַזאַר איז נישט בלויז אַלײן אַ וואוינונג פֿאַר'ן ערצבישאָף, נאָר אַז דאָ געפֿינט־זיך אויך דאָס געריכט פֿון דער קאָרדאָווער אינקוויזיציע? דו, וועלכער ביסט אַנטלאָפֿען געוואָרען פֿון דער אינקוויזיציע, זוכסט בעשיצונג און הילף אין פּאַלאַץ פֿון דער אינקוויזיציע! ווי וואונדערליך דאָס איז! דאָך פֿאָרזיכטיגקײַט וועט נישט שאַדען, דו וועסט מוזען אָננעהמען אַנ'אַנדער נאָמען! דו טאָרסט קײנעם נישט דערצעהלען, דאָס דו קומסט פֿון וואַלענסיאַ און אַז דו ביסט מײַן יוגענד־פֿרײַנד. פֿון איצט אָן רופֿט מען דיך סטעפֿאַנאָ און דו שטאַמסט פֿון סאַראַגאָסאַ. געקומען ביסטו אַהער, צוליעב אַ נדר מתפּלל צו זײַן אין דער גרויסער קאָרדאָווער קירכע מאָסקיטאַ און מיך האָסטו

בעזוכט, ווײַל דו האָסט צו מיר אַ שליחות פֿון בישאָף פֿון סאַראַגאָסאַ. דאָס אַלץ זאָג איך דיר פֿאַר יעדען פֿאַל, אויב מען וועט בײַ דיר פֿרעגען, ווער דו ביסט און ווי־אַזוי דו קומסט אַהער. ס'וועט אָבער בײַ דיר קיינער נישט פֿרעגען. צי האָט איהר מיך פֿערשטאַנען, מעסער (הערר) סטעפֿאַנאָ?

— פֿאָלקאָם, עמינענץ!

דער קאַרדינאַל האָט אָנגעקלונגען. אַ דינער איז אַרײַנגעקומען.

— ווײַז־אָן מעסער סטעפֿאַנאָ פֿון סאַראַגאָסאַ אַ צימער! — האָט בעפֿוילען דער קאַרדינאַל דעם דינער.—ער וועט זײַן אַ געוויסע צײַט אין קאָרדאָוואַ און וואוינען אין אַלקאַזאַר. זאָלסט אויך בעזאָרגען, אַז ער זאָל האָבען צו עסען און טרינקען אין דער צײַט.

ראַפֿאַעלאָ האָט געקוקט אויפֿ'ן קאַרדינאַל מיט אַ בקשה. דער קאַרדינאַל האָט זײַן בליק פֿערשטאַנען.

— אָה, איך האָב שיער פֿערגעסען דיר צו זאָגען, בערנאַרדאָ, אַז מעסער סטעפֿאַנאָ האָט זיך געגעבען אַ נדר, דאָס ער זאָל וועהרענד זײַן פֿערבלײַבען אין קאָרדאָוואַ נישט עסען קיין פֿלייש. גיב איהם אַלזאָ נור פֿרוכטען, אָדער אַנדערע שפּײַזען, וועלכע ער וועט פֿערלאַנגען.

דער דינער האָט־זיך פֿערנייגט. ראַפֿאַעלאָ האָט געקושט דעם קאַרדינאַל די האַנד מיט ערהפֿורכט און האָט זיך געלאָזט געהן נאָכ'ן דינער. דער קאַרדינאַל איז אָבער אַרײַנגעגאַנגען אין זײַן קאַבינעט, כדי צו בעטראַכטען, וואָס אָנהויבען צו טהון און ווי־אַזוי אַרויסצוראַטעווען זײַן קרוב פֿון פֿערדערבען.

בלײַבענדיג איינער אַליין אין קאַבינעט, האָט דער קאַרדינאַל די ערשטע זאַך זיך גענומען היים מתפּלל זײַן צו גאָט. פֿריהער אָבער האָט ער זײַנע גלח'ישע קליידער מיט די צלמים אַראָבגעוואָרפֿען פֿון זיך און פֿערהאַנגען אויך דאָס בילד, וואָס איז געשטאַנען אויפֿ'ן טיש, נעבען וועלכען ער האָט מתפּלל געווען. דאַן האָט ער די האַנד אויפֿגעהויבען און אַ שטילע תּפֿלה האָט־זיך אַרויסגעגאָסען בײַ איהם פֿון האַרצען:

„דו איין־אייציגער, אַלמעכטיגער גאָט, אין וועלכען איך האָב לײדער גע־מוזט אַזוי אָפֿט אָבלייקענען! די צײַט איז געקומען, צוליעב וועלכער מײַן לעבען האָט געמוזט געבראַכט ווערען פֿאַר אַ קרבן. אָה, טהו מיט מיר איצט דעם חסד, אַז עס זאָל מיר מצליח זײַן צו ראַטעווען דאָס לעבען פֿון מײַנע קרובים. עפֿען מיר די אויגען, דו באַרמהערציגער גאָט, אַז איך זאָל זעהן דעם ריכטיגען וועג און קאָנען אַרויסרײַסען פֿון די צייהן פֿון טיגער דײַנע און מײַנע אָרימענקע שעפֿעלעך!"

אַ שטראָם טרעהרען דאָט זיך אַ גאָס געטהון בײַם אַלטען קאַרדינאַל פֿון די אויגען און ער האָט נישט געקאָנט ענדיגען זײַן תּפֿלה. אַ לאַנגע צײַט נאָך איז ער געשטאַנען אײַנגעבויגען פֿאַר גאָט און זײַנע ליפּען האָבען זיך שטיל בעוועגט. אָבער זײַן שטימע האָט זיך נישט געהערט.

9.

לויט זיין הבטחה, האט דער קארדינאל תיכף געשיקט א גלח, וועלכער איז איהם געווען ערגעבען, קיין וואלענסיא. די שליחות פונ'ם גלח האט געהאט א געוויסען ערפאלג, דען דורך דער פערמיטלונג פון ערצבישאף פון וואלענסיא איז עס געלונגען לפחות לעת-עתה צו פועל'ן, אז מען זאל נאך נישט פייניגען דאן מאנועל'ן, ווענינגסטענס ביז א צייט. אבער ארויסצולאזען איהם פריי האט מען נישט געקאנט פועל'ן, ווייל די אינקוויזיציע איז געווען צו-פיעל אונאבהענגיג, אז זי זאל לאזען עמיצען א זייטיגען האבען אויף איהר אנ'איינפלוס. די אינקוויזיטארען האבען נישט געפאלגט נישט דעם קעניג, נישט דעם פויפסט; געגען די מלכים פלעגען זיי תמיד ארויסשטעלען א טענה, אז די קירכע האט זיך איהרע פריוויליגיעס, וועלכע די קעניגע טארען נישט אנריהרען; געגען די פויפסטען פלעגען זיי ארויסשטעלען א טענה פונקט קאפויר: זייער לאנד האט איהר איינענע אינסטיטוציע, בכן טאר דער פויפסט נישט מישען זיך. שוין דאס אליין איז געווען א גרויסער חסד, וואס מען האט דעם ארימען דאן מאנועל אבגעגעבען א לופטיגע צימער, אנשטאט דעם פינסטערען און דומפיגען קעלער, און וואס מען האט איהם ערלויבט צו בעשעפטיגען זיך מיט לעזען און שרייבען, ווי-אויך צו צעשטרייען זיך. מען האט אפילו אויך געוואלט ארויסלאזען איהם פריי, אבער מיט איין בעדינג: פריהער האבען געדארפט געבראכט ווערען אויף דער אויספארשונג אין דער אינקוויזיציע די אלטע קעכין סאנטשא און די איבריגע הויזגעזינד. אויב עס זאל זיך דאן ארויסווייזען, אז דער חשד אין יודענטום איז געווען אנ'אומזיסטער, האט דאן מאנועל געדארפט פאלקאם בעפרייט ווערען און זיינע גיטער האבען געדארפט איהם אבגעגעבען ווערען צוריק. דער קארדינאל האט אבער בעהאט א גרונד נישט אנצונעהמען דעם דאזיגען בעדינג, ווייל דאס אויספארשען די פרויען און אלערליי אנגעשטעלטע האט געקאנט לייכט פיהרען צו דער ענטדעקונג פון דער וואהרהייט און זיי וואלטען אלע פערלארען-געגאנגען.

— ראפאעלא, — האט דאן אלפאנזא פערנאנדעץ געזאגט איינמאל צו זיין אלטען פריינד, ווען זיי זענען געווען אליין אין זיין קאבינעט, — ראפאעלא, איך וועה, אז פיהרענדיג אונזער זאך אויף אזא אופן, וועלען מיר אונזער ציעל נישט דערגרייכען, מיר מוזען זיך נעהמען פאר דער זאך אנדערש. דאס בלוטיגע אינקוויזיציאנס-געריכט, וואס רואינירט שוין שפאניען העכער צוויי הונדערט יאהר, איז ענדליך שוין פערטיג צום אונטערגאנג. אויב איך קאן נישט ארויסרייסען מיין פלימעניק פון די צייהן פון דער דאזיגער ווילדער חיה, וועל איך זי גופא ברענגען צום אונטערגאנג. איך וויל נישט, אז מיין לעבען זאל אריבערגעהן גאר אהן נוצען.

ערשטוינט האט ראפאעלא אנגעקוקט זיין אלטען פריינד. ברענגען אנ'אונטערגאנג דער אינקוויזיציע? פאר ראפאעלא איז עס געווען אלץ איינס, ווי עמיצער וואלט זיך אונטערגענומען איינצווארפען דעם היכעל.

דער קאַרדינאַל האָט געשמייכעלט:

— דו האַלטסט מיך פאַר אַ פאַנטאַזיאָר, ראַפאַעלאָ? — האָט ער געזאָגט, — איך בין שוין ניט קיין יונגערמאַן מער, אַז איך זאָל זיך אָבגעבן מיט פאַנטאַזיעס, וועלכע האָבן ניט קיין באָדען. איך האָב דאָ אַרויסגעזאָגט פאַר דיר נישט אַ מאָמענט־געדאַנק; לאַנג, זייער לאַנג טראָג איך זיך שוין אַרום מיט׳ן דאָזיגן פלאַן: די אינקוויזיציע, דאָס דאָזיגע אומה׳דיגע געריכט, מוז בטל ווערן. די צייט איז איצט גינסטיג דערצו. איך האָב גוטע פערבינדונגען אין מאַדריד און שוין אַ לאַנגע צייט זאַמעל איך מאַטעריאַל, וואָס דערווייזט קלאָר ווי דער טאָג, ווי שעדליך די אינקוויזיציע איז. אין גאַנץ שפּאַניען איז מען שוין ענדליך געקומען צו דער דאָזיגער איבערצייגונג. די אינקוויזיציע רייסט־זיך־אַריין אין אַלע בעציהונגען פון לעבן, זי מישט־זיך אין אַזעלכע ענינים, וואָס האָבן צו איהר קיין שום שייכות ניט, אין דער וועלטליכער גערעכטיגקייט איז כמעט אָבגעשניטען געוואָרען יעדער וועג צו אַ נאָרמאַלער טעטיגקייט אין לעבן. די העכסטע שרים פון דער מלוכה, די גרעסטע גלחים בעהאַנדעלט די אינקוויזיציע ווי איהרע אונטערטאַנען, די גרינגסטע בעליידיגונג, וואָס עמיצער האָט געמאַכט אַ משרת פון אַ אינקוויזיטאָר, רייצט־אויף די נקמה פון די־דאָזיגע בלוטיגע מענשען; דער אָפט גאַנץ אונשולדיגער בעליידיגער ווערט געשלעפּט אין תּפיסה און בעשטראָפט, אַ שטייגער ווי ער וואָלט בעגאַנגען דאָס גרעסטע פערברעכען געגען דער רעליגיע. אַזוי, למשל, איז מיט אַ געוויסער צייט צוריק אַרעסטירט געוואָרען אַ פרוי אין גראַנאַדאַ, ווייל זי האָט־זיך געקריגט מיט דער פרוי פונ׳ם סעקרעטאַר פון דער דאָרטיגער אינקוויזיציע. די אונגליקליכע האָט געוואוסט, וואָס איהר שטעהט־פאָר, און האָט זיך בעסער אַרויסגעוואָרפען פון פענסטער: זי האָט בעסער געוואָלט געהן אין טויט אַריין, איידער אַריינצופאַלען אין די הענד פון דער אינקוויזיציע. ווען דער קרעמער גיט נישט פון דאָס בעסטע דעם משרת אָדער דער דיענסט פון אַ אינקוויזיטאָר, אָדער ווען ער לאָזט זיי וואַרטען, אָדער אפילו ווען ער בעהאַנדעלט אַנדערע קונים מיט מעהר פריינדליכקייט, ווערט ער אַרעסטירט און ער איז פערלאָרען. אין מורציאַ איז פאָרגעקומען אַ עהנליכע געשעהעניש, וואָס האָט אויפגערעגט גאַנץ שפּאַניען. דער קעניגליכער געריכטס־הויף האָט זיך דאַן געוואָלט אָננעהמען פאַר׳ן אונגליקליכען, דאַן האָט מען אַרעסטירט דעם גובערנאַטאָר, עטליכע גלחים און אפילו דעם בישאָף אַליין אויך, און ערשט דורך דער פערמיטלונג פונ׳ם פויפּסט האָט מען זיי בעפרייט. — איך וואָלט דיר געקאָנט טעג און נעכט דערצעהלען וועגען די שרעקליכע מעשים פון דער אינקוויזיציע, וועגען די אונווירדיגע זאַכען, וואָס דאָס־דאָזיגע שענדליכע געריכט האָט אָבגעטהון און טהוט אָב טעגליך. אַלע דאָזיגע פאַקטען האָב איך אויפמערקזאַם געזאַמעלט און צוגעלעגט צום מעמאָראַנדום, וועלכען איך וועל איבערגעבען דעם קעניגליכען שטאַטס־ראַט, גראַף פאַן פּרילינגיאַנאַ. דער פּאַקעט ליעגט שוין פערטיג און וועט היינט אָבגע־

שיקט חערן קיין מאַדריד. איך האָף, אַז דאָס וועט האָבען דעם בעסטען ערפאָלג. אמת, דער גרויס-אינקוויזיטאָר ריקאָבערטי וועט-זיך שטעלען געגען דעם, אָבער דער מיר ערגעבענער גלח, פריי מאַטיאַס, וועלכען איך האָב געשיקט קיין מאַדריד, שרייבט מיר, אַז דער גרויס-אינקוויזיטאָר איז קראַנק און ליעגט אין בעט; ער וועט דעריבער נישט זיין אימשטאַנד מיר צו שטערען אין מיין אונטערנעהמונג.

דער קאַרדינאַל איז פערשוויגען געוואָרען. ראַפאַעלאָ האָט געקוקט אויף איהם מיט בעוואונדערונג.

— אַלפאָנזאָ, — האָט ער געזאָגט, — אויב עס זאָל דיר געלינגען צו פערטיליגען פון דער וועלט די ווילדע חיה, וועלכע רופט-זיך אינקוויזיציע, וועלען די שפעטערדיגע דורות הייליגען דיך פאַר'ן גרעסטען וואוילטעטער פון שפאַניען.

דער שווייצער איז אַריינגעקומען און געמעלדעט, אַז אַ שליח מיוחד וואַרט אין פאָדער-צימער. דער קאַרדינאַל האָט אַ וואונק געגעבען אַריינצופיהרען איהם.

— עמינענץ, — האָט דער אַריינגעקומענער שליח געזאָגט, — פריי מאַטיאַס שיקט מיך מיט'ן בעפעהל אַניעדערצולעגען צו אייערע פיס די-דאָזיגע בריעף.

דערביי האָט דער שליח אַרויפגעלעגט אויפ'ן טיש אַ פאַקעט בריעף.

— גוט, — האָט דער קאַרדינאַל געזאָגט. — ווען ביסטו פון מאַדריד אַרויסגעפאָהרען?

— מיט אַכט טעג צוריק, עמינענץ.

— האַלט-זיך גרייט צו פאָהרען באַלד צוריק.

דער שליח האָט געקושט דעם ברעג מלבוש פון קאַרדינאַל און איז פערשוואונדען געוואָרען.

דער קאַרדינאַל אַלפאָנזאָ פערנאַנדעץ האָט געעפענט די בריעף און געלייענט געשפאַנט.

— פריי מאַטיאַס — האָט ער ענדליך געזאָגט, ווען ער האָט געענדיגט לעזען — מעלדעט מיר, אַז אַלץ געהט גוט. ריקאָבערטי'ס קראַנקהייט פערערגערט זיך און די דאָקטוירים זאָגען, אַז ער וועט לעבען העכסטענס נאָך אַ פאָר וואָכען. מיין שליח האָט געזעהן צו דערגעהן אויף אַ זייטיגען אופן ביי די איינפלוס-רייכסטע לייט אין קעניגליכען הויף, צי עס איז פאַרהאַן אַ גוטע אויסזיכט פאַר מיר צו בעקומען ריקאָבערטי'ס שטעלע. דאָס רוב פון זיי זענען נוטה מיך צו בעשטימען פאַר אַ גרויס-אינקוויזיטאָר. נור אייניגע האָבען-זיך אַרויסגעזאָגט, אַז מיר פעהלט דערצו דאָס ריין-בלוט פון אַ שפאַניער, ווייל איך שטאַם פון יודען. דו ווייסט דאָך מסתם, ראַפאַעלאָ, אַז לויט אַנ'אַלטען עדיקט, קאָנען נור מענשען פון ריין שפאַניש בלוט, ס'הייסט אַזעלכע, וואָס שטאַמען נישט פון יודען אָדער פון מויערן, ווערען אינקוויזיטאָרען. אָבער לויט די יעצטיגע פערהעלטנישען אין שפאַניען, קאָן מען אין מאַדריד פאַר געלד אַלץ פועל זיין. דעריבער שרייבט פריי מאַטיאַס, אַז אויב איך וועל נור געבען שווערע דוקאַטען, וועט מען אָן מיין בלוט פערגע-

3|-173433

מען, דעריבער בעט פֿריי מאַטיאַס, אַז איך זאָל איהם שיקען דורך אַ זיכערען מענשען אַ גרעסערע סומע געלד. ווען איך וועל שוין זיין אַליין גרויס-אינקוויזיטאָר, וועל איך מיט אַ נאָך גרעסערער ענערגיע קאָנען פֿאָדערן, אַז מען זאָל די אינקוויזיציע מבטל מאַכען. ווילסטו, ראַפֿאַעלאָ, זיין דער שליח אָבצופֿיהרען דאָס געלד קיין מאַדריד און געפֿינען-זיך אין דיענסט פֿון פֿריי מאַטיאַס?

— איך בין גרייט.

— פֿאַר דיין זיכערקייט האָסטו נישט וואָס מורא צו האָבען; איך וועל דיך בעזאָרגען מיט אַזעלכע דאָקומענטען, וועלכע וועלען דיך בעשיצען אַפֿילו אויך דאַן, ווען עמיצער וועט דיך דערקענען. קיינער טאָר זיך נישט ערלויבען צו זאָגען, אַז דו ביסט ראַפֿאַעלאָ פֿון וואַלענסיאַ. ווען דו האָסט ביי-זיך אַ פּאַספּאָרט פֿון מיין ערצבישאָפֿליכער קאַנצעלאַריע, אַז דו ביסט סטעפֿאַנאָ פֿון סאַראַגאָסאַ.

— איך האָב נישט קיין מורא.

— גוט. איך שרייב אַלזאָ די נויטיגע בריעף און גיב דיר מאָרגען 20 טויזענד דוקאַטען. דאָס מעמאָראַנדום געגען דער אינקוויזיציע, וועגען וועלכען איך האָב דאָ ערשט מיט דיר גערעדט, קאָן דערווייל בלייבען ליגען, ביז איך וועל ווערען גרויס-אינקוויזיטאָר. דאַן וועל איך פֿאָדערן צום געריכט אַלע אינקוויזיטאָרען, וועלכע האָבען מיסברויכט זייער מאַכט, און איך וועל אָנפֿילען די תּפֿיסות פֿון דער אינקוויזיציע מיט די בעאַמטע פֿון דער אינקוויזיציע, וועלכע האָבען מיסברויכט זייער מאַכט. און דאַן וועט קומען די צייט, ווען איך וועל אויפֿהויבען די האַק אויפֿ'ן פֿערפֿוילטען בוים, און ער וועט פֿאַלען, כּדי מעהר זיך שוין נישט אויפֿצוהויבען.

— הלואי, רבונו של עולם!

— דאַן וועלען זיך עפֿענען די תּפֿיסות פֿון דער אינקוויזיציע און די לעבעדיג בעגראָבענע וועלען אויפֿשטעהן און צווישען זיי וועט אויך זיין מיין פּלימעניק דאָן מאַנועל י. אַגילאַר.

אויף צומאָרגענס האָט ראַפֿאַעלאָ זיך געלאָזען אויף דער רייזע אין דער בעגלייטונג פֿון פֿיעל בעוואָפֿענטע דיענער פֿון קאַרדינאַל. קיין מאַדריד איז ער געקומען בשלום; דאָרט האָט ער אויפֿגעזוכט פֿריי מאַטיאַס און איבערגעגעבען איהם דאָס געלד מיט'ן בריעף. בינו לבינו איז דער גרויס-אינקוויזיטאָר ריקאָבערטי געשטאָרבען; די מאַדרידער הויף-לייט, וועלכע זענען אין יענע צייטען תּמיד געווען גרויסע בעלנים אויף שוחד, האָבען אָנגענומען זעהר גערן די בעדייטענדע סומע געלד, וואָס דעם קאַרדינאַל'ס אַגענט האָט זיי געבראַכט, און צוגעזאָגט צו אַרבייטען פֿלייסיג, אַז דער קאַרדינאַל דאָן אַלפֿאָנזאָ פֿערנאַנדעץ זאָל בעשטימט ווערען פֿאַר אַ גרויס-אינקוויזיטאָר.

נאָכדעם ווי ראַפֿאַעלאָ האָט אַזוי-אַרום אויסגעפֿיהרט זיין שליחות, איז ער אוועקגעגאַנגען אין דער מאַדרידער פֿאָרשטאָדט לאַס אינפֿאַנטאַס, וואו ס'האָט

געוואוינט, ווי די לעזער וועלען זיך דערמאָהנען, די דאָנאַ קאַטאַרינאַ דע מאָניטאַלטאָ, דאָנאַ אַנונציאַטאַ'ס מוהמע. ראַפאַעלאָ האָט דאָרט געפונען זײַן בעל-הבית'טע, דאָנאַ אַנונציאַטאַ, פערטרויערט און פעריאָמערט: אַ לאַנגע צײַט האָט זי נישט געהאַט קײן ידיעה פון איהר מאַן און האָט נישט געוואוסט, וואָס מיט איהם איז געוואָרען. די גוטע ידיעה, וואָס ראַפאַעלאָ האָט איהר געבראַכט, איז געווען פאַר איהר אַנ'אמת'ע טרייסט אין דער ביטערער צײַט.

מאַדריד האָט אײַנגעאָרדענט אַ גרויסאַרטיגע לויה דעם פערשטאָרבענעם גרויס-אינקוויזיטאָר. שפּאַניען איז שוין דעמאָלט געווען זעהר אָרים, נישט קוקענדיג אויף די גרויסע אוצרות גאָלד, וואָס וועסט-אינדיען פלעגט איהר צושיקען יעהרליך. די אַרמעע איז געווען שלעכט בעוואָפענט, שלעכט בעקלײדעט און אפילו די קעניגליכע לײב-גוואַרדיע האָט געמאַכט אַנ'אײַנדרוק פון אָרימע-לײַט און דחקות-לײַדענדע מענשען. נאָר די אינקוויזיציע איז געווען שטענדיג רײַך, ווײַל די קאָנפיסקירונג פון די פערראורטײַלטע פערזאָנען איז געווען אַנ'אמת'ער קוואַל פון גרויסע הכנסות. די אינקוויזיציע האָט דעריבער געקאָנט אײַנאָרדנען אַ לויה פאַר'ן גרויס-אינקוויזיטאָר מיט אַזאַ עשירות און פראַכט, ווי מאַדריד האָט עס שוין לאַנג נישט געזעהן.

נאָך דער לויה האָט מען אָבגעהאַלטען אַ בעראַטונג אין שטאַאַטס-ראַט וועגען דעם, וועמען מען זאָל פאָרלעגען דעם קעניג צו בעשטימען פאַר אַ גרויס-אינקוויזיטאָר אַנשטאָט ריקאַבערטי. דער ראַט האָט אײַנשטימיג בעשלאָסען צו רעקאָמענדירען דעם קעניג אַלס קאַנדידאַט אויף דער דאָזיגער הויכער שטעלע דעם קאַרדינאַל ערצבישאָף פון קאָרדאָוואַ, דאָן אַלפאָנזאָ פערנאַנדעץ י. אַגילאַר. דער קעניג האָט די דאָזיגע וואַהל בעשטעטיגט, ווי ער פלעגט בכלל שטענדיג ערפילען אַלץ, וואָס זײַנע הויפלײַט פלעגען איהם פאָרלעגען. ראַפאַעלאָ האָט אויף געשווינדע מויל-אײזלען געמאַכט באַלד די רײַזע קײן קאָרדאָוואַ, כדי איבערצוברענגען דער ערשטער די גוטע בשורה זײַן יוגענד-פרײַנד, דעם קאַרדינאַל.

10.

מיט אַ טײַוועלשער שמחה האָט דער גלח באַלטאַזאַר געזעהן, ווי זײַן מסירה אויף דאָן מאַנועל'ן האָט געווירקט. אָבער צו זײַן גרויסען פערדרוס איז דאָנאַ אַנונציאַטאַ פערשוואונדען געוואָרען, וועהרענד ער האָט געהאָפט, אַז מיט דער הילף פון דער אינקוויזיציע וועט ער זי בעקומען אין זײַן מאַכט. איצט איז איהם נור איבערגעבליבען די טרייסט, וואָס ער קאָן לפחות נעהמען נקמה פון דאָן מאַנועל'ן, וועלכער ליעגט אין דער שרעקליכסטער תפיסה פון דער וועלט.

צו באַלטאַזאַר'ס פערדרוס האָט דאָן מאַנועל'ס פראָצעס זיך נישט גערירט פון אָרט. דאָן מאַנועל האָט אין קײן זאַך זיך נישט מודה-געווען און אויף אַ וואוג

דערבאַרען אופֿן האָט דאָס אינקוויזיציאָנס-געריכט אָבגעהאַלטען זיך פֿון אָנצוווענדען געגען איהם די פּייניגונג. כאָטש די אינקוויזיציע האָט תמיד געהאַלטען בסוד-סודות איהרע בעשלוסען און משפּטים, פֿונדעסטוועגען האָט דער גלח באַלטאַזאַר דאָס אַלץ געוואוסט, ווייל ער איז געווען שטאַרק מקורב מיט אַלע אינקוויזיטאָרען פֿון וואַלענסיאַ. אַזוי-אַרום האָט ער זיך אויך דערוואוסט, אַז דער ערצבישאָף פֿון וואַלענסיאַ האָט, לויט דער בּיטע פֿון קאַרדאָווער קאַרדינאַל, זיך משתּדל געווען פֿאַר דאָן מאַנועל'ן.

פֿריי באַלטאַזאַר האָט זיך אָבער נישט אָבגעהאַלטען פֿון זיינע נקמה-פּלענער. טאָג און נאַכט האָט ער געהאַלטען אין איין טראַכטען, ווי-אַזוי צו פֿערניכטען דאָן מאַנועל'ן. אָבער אָט האָט זיך פּלוצלונג פֿערשפּרייט די ידיעה, אַז דער גרויס-אינקוויזיטאָר ריקאָבערטי איז געשטאָרבען און אויף זיין אָרט איז בעשטימט געוואָרען דער קאָרדאָווער קאַרדינאַל. פֿריי באַלטאַזאַר האָט זיך דערשראָקען, ס'האָט אויסגעוויזען, אַז ס'איז אַ סוף מיט זיין נקמה.

דער נייער גרויס-אינקוויזיטאָר דאָן אַלפֿאָנזאָ פֿערנאַנדעץ האָט-זיך צוגעאיילט תּיכּף אָבצופֿאָהרען קיין מאַדריד איבערצונעהמען זיין שטעלע. פֿאַר מאַדריד איז עס געווען אַנ'אמת'ער יום-טוב, ווען דאָן אַלפֿאָנזאָ האָט-זיך דאָרט אַריינגעצויגען מיט זיין גרויסער סוויטע אין אַנ'אמת קעניגליכער פּראַכט.

ראַפֿאַעלאַ האָט תּיכּף אָנגעהויבען פֿאָדערן פֿון איהם, אַז ער זאָל בעפֿרייען דאָן מאַנועל'ן, אָבער דער נייער גרויס-אינקוויזיטאָר איז נישט בּלינד געווען איינצוזעהן, ווי אַזאַ זאַך וואָלט געקאָנט ווערען פֿאַר איהם געפֿעהרליך.

— דאָס געהט נישט, מיין ראַפֿאַעלאַ,—האָט דאָן אַלפֿאָנזאָ געזאָגט. — אין שפּאַניען זענען שוין פֿאָרגעקומען פֿאַלען, ווען מען האָט אַ גרויס-אינקוויזיטאָר אַליין אויך בעזייטיגט פֿון זיין שטעלע און געשטעלט איהם פֿאַר'ן געריכט פֿון דער אינקוויזיציע. קודם מוז מען דער שלאַנג דעם קאָפּ צעטרעטען, דאַן וועלען איהרע גליעדער מיר שוין אויך נישט זיין שעדליך. איך וועל אַרויספֿאָדערן פֿון וואַלענסיאַ די אַקטען, וואָס בעציהען-זיך אויף מאַנועל'ס פּראָצעס, און דאַן וועט זיך שוין מסתּם געפֿינען אַ מיטעל, ווי-אַזוי איהם צו בעפֿרייען.

בינו לבינו האָט דער נייער גרויס-אינקוויזיטאָר צוגעגרייט זיין מעמאָראַנדום וועגען דער שעדליכקייט פֿון דער אינקוויזיציע. אין'ם דאָזיגען מעמאָראַנדום האָט ער אויסגערעכענט אַלע פֿאַלען, ווען די ריכטער פֿון דער אינקוויזיציע האָבען מיסברויכט זייער מאַכט. זיין מעמאָראַנדום האָט דאָן אַלפֿאָנזאָ אָנגעגעבען דעם שפּאַנישען מלוכה-ראַט און האָט אויך געהאַט ערפֿאָלג, דען דער מלוכה-ראַט האָט בעשטימט אַ „יונטאַ”, ס'הייסט אַ קאָמיסיע, צו פֿיהרען אַנ'אויספֿאָרשונג וועגען די מעשׂים פֿון דער אינקוויזיציע. די אויספֿאָרשונג האָט טאַקי ענטדעקט פֿיעל שענדליכע מעשׂים און די תּפֿיסות פֿון דער אינקוויזיציע זענען פֿול געוואָרען מיט אַריינגעזעצטע ריכטער. די טיגערן האָבען זיך דערשראָקען אין זייערע הייהלען:

דער דאָמיניקאַנער אָרדען האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט פֿערליערען זיין איינפֿלוס און מאַכט. ס'איז געווען אַ צייט, ווען דער דאָזיגער אָרדען האָט בעהערשט נישט בלויז שפּאַניען, נאָר אויך די גאַנצע קאַטוילישע וועלט, און דער פֿראַנציסקאַנער אָרדען, וועלכער איז געווען זיין געגנער, האָט גאָרנישט געקאָנט טהון געגען איהם. זינט אָבער איגנאַץ פֿאָן לאָילאַ האָט געגרינדעט זיין ווייט-פֿערשפּרייטען יעזואיטען-אָרדען, האָבען די דאָמיניקאַנער פֿערלאָרען זייער מאַכט איבער פֿעלקער און לענדער; נור אין שפּאַניען איז זייער מאַכט נאָך געווען שטאַרק, ווייל די אינקוויזיציע איז געווען אין זייער רשות. שפּירענדיג די געפֿאַהר, וואָס שטעהט זיי פֿאָר מצד דער גרויסער מאַכט פֿון די יעזואיטען, האָבען זיי זיך בעמיהט דורך דער אינקוויזיציע צו מאַכען פֿאַר זיך אוגשעדליך דעם גרינדער פֿון יעזואיטען-אָרדען, איגנאַץ פֿאָן לאָילאַ, וועלכען די קאַטוילישע קירכע האָט שפּעטער געמאַכט פֿאַר אַ קדוש. די אינקוויזיציע האָט שוין געהאַט אַרויס-געגעבען אַ בעפֿעהל צו אַרעסטירען איהם, אָבער ער האָט בעוויזען אויסצומיידען די דאָזיגע געפֿאַהר דורכ'ן אַנטלויפֿען.

ווי מען זעהט אַלזאָ, האָט דער דאָמיניקאַנער אָרדען זיך נישט אָבגעהאַלטען פֿאַר קיין שום געוואַלט-מיטלען, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דער פֿראַגע צו פֿערטיידיגען זיין מאַכט און איינפֿלוס. איצט אָבער איז איהם פֿאָרגע-שטאַנען נאָך אַ גרעסערע געפֿאַהר, ווען דער גרויס-אינקוויזיטאָר אַליין האָט גע-שטעלט די פֿראַגע, אויב מען טאָר בכלל איבערלאָזען אויף ווייטער די אינקווי-זיציע אין שפּאַניען. די דאָמיניקאַנער האָבען אָבגעהאַלטען אַ געהיימע זיצונג און בעשלאָסען צו בעזייטיגען דעם גרויס-אינקוויזיטאָר. פֿריי באַלטאַזאַר האָט זיך אונטערגענומען דורכצופֿיהרען די זאַך און דער דאָמיניקאַנער-אָרדען האָט איהם געגעבען די רייכסטע מיטלען דערצו. בכלל איז עס אָבער נישט געווען קיין לייכטע זאַך בייצוקומען אַ גרויס-אינקוויזיטאָר. טאָרקוועמאַדאָ, וועלכער איז געווען דער ערשטער גרויס-אינקוויזיטאָר אין שפּאַניען, האָט זיך שטענדיג געשראָקען, אַז מען וועט איהם אָבּרוימען פֿון זיין שטעלע צי אָפּען צי געהיים; דערפֿאַר האָט ער זיך אַרומגערינגעלט מיט 50 רייטער און 200 פּיעכאָטע-סאָלדאַטען, וועלכע פֿלעגען איהם תמיד בעגלייטען, ווען ער פֿלעגט זיך בעוויזען עפֿענטליך. אין-דערהיים האָט ער אָנגעווענדעט זעהר בריטע מיטלען, כדי צו פֿערהיטען, אַז מען זאָל איהם נישט פֿער'סמ'ען. די דאָזיגע מיטלען, זענען געבליבען איינגע-פֿיהרט אויך אין די שפּעטערדיגע צייט ביי אַלע גרויס-אינקוויזיטאָרען. פֿונדעסט-וועגען זענען נאָך געווען גענוג מיטלען אָבצורוימען אַנ'אינקוויזיטאָר פֿון וועג, ווייל טאָרקוועמאַדאָ'ס מיטלען האָבען נור געשיצט פֿאַר אויסערליכע געפֿאַהרען, אָבער נישט פֿאַר דער פֿאַלשקייט פֿון די גלחים, וועלכע זענען געווען אָפֿטע איינגעהער אין פּאַלאַץ פֿון גרויס-אינקוויזיטאָר.

מען פֿריי באַלטאַזאַר איז געקומען קיין מאדריד, האָט ער די ערשטע זאַך

זיך אָנגעהויבען בעמיהען צו ווערען אַנ'איינגעהער אין פּאַלאַץ פון גרויס-אינקוויזיטאָר, אָבער דאָס איז איהם נישט געלונגען. ער האָט מיט זיינע חברים אַרומגערינגעלט דעם פּאַלאַץ און געשפּיאָנירט אַלע זיינע פּערזענליכקייטען, דערגאַנגען אַלע געוואוינהייטען און נטיות פון'ם גרויס-אינקוויזיטאָר; אַזוי-אַרום איז ער געקומען צו דער איבערציינונג, אַז עס איז אונמעגליך צו דערשטעכען אָדער דערשיסען דאָן אַלפאָנזאָ פערנאַנדעץ, ווי עס איז אויך נישט מעגליך צו פער'סמ'ען איהם אין אכילה ושתיה.

בינו-לבינו איז אונטערגעקומען דער נאָמענס-טאָג פון'ם קדוש דאָמיניקוס. אין דעם דאָזיגען טאָג פלעגען די דאָמיניקאַנער איינאָרדנען אַ גרויסען פייער-טאָג. אין זייערע פיעל קלויסטערס פלעגט מען טיילען אומזיסט פאַר'ן המון שפּייז און משקאות; אין די דאָמיניקאַנער-קלויסטערס פלעגט הערשען אַ גרויסע שמחה; אַרום זיי פלעגען-זיך עפּענען פיעל קראָמען; מען פלעגט איינאָרדנען מוזיק, טענץ, הוסטאַוועס, פּאַנאָראַמעס און דערגלייכען, כדי משמח-צו-זיין דאָס פאָלק; ס'פלעגען אויך קומען פון נאָהענט און ווייט פיעל מענשען, כדי טיילצונעהמען אין די פייערליכקייט און בעקומען דערפאַר אַ מחילה פאַר זייערע עבירות. ס'פערשטעהט-זיך, אַז דערביי פלעגען-זיך אויך צוזאַמענשלעפּען פיעל בעטלער פון דער גאַנצער סביבה און אויסזעצען זיך ביי אַלע טהירען, אויף אַלע וועגען און אין אַלע הויפען פון די קלויסטערס. זיצען פלעגען זיי מיט צעשויבערטע האָר און שמוציגע שמאַטעס, מיט נאַטירליכע און געמאַכטע וואונדען און מכות אויפ'ן לייב.

איינער פון אַזעלכע בעטלער האָט פלוצלונג אָבגעשטעלט פריי באַלטאַזאַר'ן, ווען ער האָט-זיך געקליבען צו געהן אין דאָמיניקאַנער-קלויסטער; באַלטאַזאַר האָט זיך אָבגעשטעלט, איינגעקוקט, ווער עס האָט-זיך דערוואַגט איהם אַזוי אָבצוהאַלטען, אָבער צו זיין גרויסער פערוואונדערונג האָט ער אינ'ם בעטלער דערקענט זיינעם אַ בעקאַנטען.

— צי איז עס מעגליך, — האָט באַלטאַזאַר אויסגערופען, — זענט איהר עס ווירקליך, יאַנואַריאָ? איהר זענט דאָך געהילפס-אַפּטייקער אין בורגאָס, ווי-אַזוי זענט איהר אויף אַזאַ אופן אַהערגעקומען?

— אָה, סעניאָר, — האָט דער בעטלער געענטפערט, — ס'איז אַ לאַנגע און אַ טרויעריגע געשיכטע!

— קומט-אַריין מיט מיר אין קלויסטער, איך האָב מיט אייך צו רעדען!

דער בעטלער איז נאָכגעגאַנגען און האָט דערצעהלט דעם גלח זיין געשיכטע. יאַנואַריאָ איז געווען אַ געשיקטער בעמיקער און צוליעב זיין אונגליקליכער ליעבע צו שכרות איז ער שוין פיעל יאָהר געוואָרען אַ בעטלער. פריי באַלטאַזאַר האָט איינגעזעהן, אַז ער קאָן פון'ם בעטלער האָבען נוצען. באַלטאַזאַר האָט נעמליך זיך דערוואוסט, אַז דער גרויס-אינקוויזיטאָר האָט די געוואוינהייט צו שלאָפען ביינאַכט פאַר צוויי וועקסענע ליכט. באַלטאַזאַר האָט דעריבער בעפוילען דעם

בּעמיקער יאַנואַריאָ צו מאַכען צוויי וועקסענע ליכט, װאָס זאָלען זיין שטאַרק פּער׳סמ׳ט, און האָט די ליכט פּערקויפט שפּאָט-ביליג דעם הענדלער, וועלכער פּלעגט צושטעלען ליכט פאַר׳ן פּאַלאַץ פון גרויס-אינקוויזיטאָר.

דאָן אַלפאָנזאָ פּערנאַנדעץ האָט-זיך דערווייל געאַרבייט אונבּעזאָרגט צוזאַמען מיט דער יונטאַ, כדי מבטל-צו-מאַכען די אינקוויזיציע. ווייל אָבער די דאָזיגע אַר־ביים האָט זיך זעהר פּערצויגען, האָט ראַפאַעלאָ אָנגעהויבען פּאָדערן ביי זיין פריינד, אַז ער זאָל וואָס גיכער בּעפּרייען זיין פּלימיעניק דאָן מאַנועל. דער קאַרדינאַל האָט-זיך אָבער נישט געלאָזט איבּערעדען אונטערצונעהמען עטוואָס, איידער ער האָט דערהאַלטען און דורכגעקוקט די אַקטען פון וואַלענסיאַ וועגען מאַנועל׳ס פּראָצעס. דאַגעגען האָט ער-זיך בּעשלאָסען צו מאַכען בּשתיקה אַ וויזיט דער דאָנאַ אַנונציאַטאַ. אויסגעקליבען האָט ער דערצו אַ שענעם וואַרימען זומער־אָווענד, ווען ער האָט געדאַרפט פּערקליידעטערהייד געהן מיט ראַפאַעלאָ צו זיין פּלימיעניצע. דער קאַרדינאַל האָט אונגעדולדיג געוואַרט אויף ראַפאַעלאָ׳ן; ענדליך איז יענער געקומען און אויסגערופען פרעהליך:

— אַלפאָנזאָ! די אַקטען פון מאַנועל׳ס פּראָצעס זענען נור-וואָס דערהאַלטען געוואָרען!

— זעהר גוט! — האָט אַלפאָנזאָ געענטפערט.—מאָרגען וועל איך זיי דורכקוּ־קען און פאַר מיר איז גאָר קיין ספק נישט, אַז איך וועל דערין געפינען אַ גע־נוגענדען מאָטיוו צו בּעפּרייען מיין פּלימיעניק.

— איך בּעט דיך, אַלפאָנזאָ, — האָט ראַפאַעלאָ אויסגערופען, — לעג-נישט-אָב אַזאַ וויכטיגען ענין אויף מאָרגען. לאָ׳מיר בּעסער נעהמען-זיך היינט בּיינאַכט אַדורכקוקען די אַקטען. איך קאָן זיך קוים-קוים דערוואַרטען די מינוט, ווען מיין העֶרר וועט שוין זיין פריי.

— און אונזער וויזיט ביי דאָנאַ אַנונציאַטאַ?

— דערמיט האָבען מיר נישט וואָס צו איילען זיך; ס׳מאַכט נישט אויס, אַז מיר וועלען קומען אַהין שפּעטער אויך, אָדער אפשר גאָר מאָרגען.

— ניין, מאָרגען איז מיר דאָס אונמעגליך. מאָרגען וועט די יונטאַ האַל־טען איהר זיצונג.

— אַלזאָ איבּערמאָרגען.

— איבּערמאָרגען האָב איך געסט. ניין, ראַפאַעלאָ, מיר געהען תיכף. מיט די אַקטען האָט עס נאָך צייט אויך בּיז מאָרגען. מיט אַ נאַכט פריהער אָדער שפּעטער איז קיין אונטערשיעד נישט. מיט די אַקטען איז נישטאָ וואָס צו איילען זיך.

ראַפאַעלאָ האָט אַ זיפץ געטהון און זיך געלאָזען בּעגלייטען זיין אַלטען פריינד. שטיל איז געווען אין די פינסטערע גאַסען פון מאַדריד, וועלכע זיי זע־נען אַדורכגעגאַנגען, כדי אַרויסצוקומען אין פאָרשטאָדט. אָבגעשטעלט האָבען זיי זיך פאַר אַ שיינעם הויז, וואו ראַפאַעלאָ האָט אָנגעקלאַפּט. דאָרט האָט מען זיי, משמעות, ערוואַרטעט, ווייל אַ דינסט האָט זיי תיכף געעפענט און אַריינגעפיהרט

אין אויבערשטען שטאָק, אין סאַלאָן פון דאָנאַ קאַטאַרינאַ דע מאָנטאַלטאָ. דאָ זענען ביידע דאַמען זיי אַרויסגעקומען אַנטקעגען. דאָנאַ אַנונציאַטאַ האָט אַ קוש געטהון דעם עלטער-פעטער די האַנד און זיך צעוויינט.

— בערוהיג זיך, מיין טייבעלע,—האָט דער קאַרדינאַל געזאָגט:—אין אַ פּאָר טעג אַרום וועסטו ווידער זיך פערייניגען מיט דיין מאַן און אַריינציהען זיך אין דיין פאַמיליען-הויז אין וואַלענסיאַ. דאָרט וועסטו ווידער קאָנען לעבען גליק-ליך און רוהיג מיט דיין מאַן און קינדערלעך; נאָכמעהר: איהר וועט שוין גאָר מעהר נישט ברויכען מורא צו האָבען פאַר דער צוקונפט, ווייל דאָס אינקוויזיציאָנס-הויז וועט בטל ווערען.

דאַן האָט דער קאַרדינאַל זיך געווענדעט צו דאָנאַ קאַטאַרינאַ:

— דאַנק אייך, פערעהרטע פרוי, פאַר אייער אַריינגעהמען צו זיך אין שטוב פאַר אַ גאַסט מיין פלימיעניצע!

— עמינענץ,—האָט דאָנאַ קאַטערינאַ געענטפערט,—עס איז...

— שטיל!—האָט איהר דער קאַרדינאַל איבערגעריסען.—דערמאָהנט נישט קיין טיטלען, די ווענד האָבען אויערן. קיין מענש טאָר נישט וויסען, אַז איך בין אַהערגעקומען. ווייזט-זשע מיר, כ'בעט אייך, די קליינינקע איניעץ, דאָס אור-אייניקעל פון מיין ברודער דאָן פאַסקוואַלאַ.

דאָנאַ אַנונציאַטאַ האָט איינגעלאַדען איהר עלטער-פעטער צו געהן מיט איהר אין קינדער-צימער, וואו דאָס-רייצענד שענע קינד האָט זיך רוהיג געשלאָ-פען. דער קאַרדינאַל האָט דאָס קינד געקושט און געבענשט.

— זאָל נור אָקאָרשט די אינקוויזיציע בטל ווערען, דאַן וועל איך אייך מאַכען אַ וויזיט אין וואַלענסיאַ און איך וועל ווידער-אַמאָל תפלה טהון אין דער שוהל אין קעלער, ווייל איידער מען וועט נאָך ערלויבען אין שפּאַניען אָבצוהאַלטען עפענטליך אַ יודישע תפלה בצבור, וועט נאָך די זון נישט איינמאָל אַרומשפּאַצירען אויפ'ן הימעל. אָבער איך וועל באַלד קומען צו אייך און דאַן וועל איך זיך אויך בעקענען מיט'ן יונגעל דיעגאָ.

אַ לאַנגע צייט האָט נאָך פערבראַכט דער הויכער העדר מיט ביידע דאַמען. ערשט שפּעט אין אָוועגד איז ער מיט ראַפאַעלאָ'ן געקומען צוריק אין זיין פּאַלאַץ. די וועקסענע ליכט האָבען געברענט זעהר טריב און פערשפּרייט אַ שאַרפען ריח.

— ווי שלעכט די ליכט ברענען!—האָט דער גרויס-אינקוויזיטאָר געזאָגט.— איך בעט דיך, ראַפאַעלאָ, זאָלסט זאָגען מיין הויז-הויף-מייסטער, אַז ער זאָל אויפזוכען אַן'אַנדער ליכט-ליפעראַנט. און איצט, גוט נאַכט! שיק צו מיר מיין קאַמערדינער. מאָרגען וועלען מיר צוזאַמען דורכקוקען די אַקטען.

יאָ, מאָרגען! אויף צומאָרגענס האָט מען געפונען דעם קאַרדינאַל ערצבישאָף דאָן אַלפאָנזאָ פערנאַנדעץ דע קאַרדאָנאַ י. אַגילאַר טויט אין זיין בעט!

ענדע ערשטע טייל.

צווייטער טייל.

I.

א קורצע צײַט נאָכדעם, ווי מען האָט מקבר געווען מיט גרויס כבוד און פּאַראַד דעם ערצבישאָף פֿון קאָרדאָווא, וועלכער איז געווען גרויס-אינקוויזיטאָר נור איינינע טעג, איז אויף זײַן אָרט בעשטימט געוואָרען דאָן באַלטאַזאַר דע מענדאָזאַ סאַנדאָראַל, בישאָף פֿון סעגעוויע. דאָס איז געווען א הייסער אָנהענגער, פֿערעהרער און בעוואונדערער פֿון דער אינקוויזיציע. ער איז אַזוי שטאַרק געווען דורכגעדרונגען מיט דער וויכטיגקײַט פֿון זײַן נײַער שטעלע און האָט זיך געהאַלטען אַזוי העכער און גרעסער פֿאַר א געוועהנליכען בשר-ודם, אַז ער האָט אַפֿילו דעם ודוי-פֿאָטער פֿונ'ם קעניג זיך ערלויבט אַרויסצופֿאָדערן פֿאַר זיך צום געריכט, כאָטש יענער איז געווען בישאָף פֿון אַלווידאַ. נאָכמעהר: ער האָט אַפֿילו איהם אויך פֿערורטיילט. דער בישאָף איז אָבער אַנטלאָפֿען קיין רוים און געזוכט פֿאַר זיך א בעשיצונג בײַם פּויפּסט.

די ערשטע אַרבײַט פֿון נײַעם גרויס-אינקוויזיטאָר איז געווען פֿונאַנדערצולאָזען די קעניגליכע יונטאַ און אַרויסצולאָזען פֿרײַ די אַרעסטירטע אינקוויזיטאָרען, אַזוי-אַרום איז אַלץ געבליבען ווי פֿריהער. די אינקוויזיציע האָט זיך נאָך פֿערשטאַרקט, זי האָט פֿערגרעסערט איהר אײַנפֿלוס און דערוועגענהײַט, כדי אָנצוהויבען אויסזויגען אויפֿסנײַ דאָס בלוט פֿון דער שפּאַנישער בעפֿעלקערונג. אמת, סוף-כל-סוף האָט דער נײַער אינקוויזיטאָר געהאַט א מפּלה, און די שווערד, וועלכע ער האָט אויסגעשלײַפֿט פֿאַר שפּאַניען, האָט זיך געווענדעט געגען איהם. ווארום ווען קעניג קאַרל II איז געשטאָרבען און די פֿראַנצויזישע פּאַרטײַ האָט געזיעגט בײַם קעניגליכען הויף, איז דער אַנטלאָפֿענער בישאָף פֿון אַלווידאַ געקומען צוריק פֿון רוים קיין מאַדריד, און דער נײַער גרויס-אינקוויזיטאָר, וועלכער האָט געהערט צו דער עסטרײַכישער פּאַרטײַ, איז בעזײַטיגט געוואָרען פֿון זײַן שטעלע, געשטעלט געוואָרען פֿאַר א געריכט און האָט געמוזט אַנטלויפֿען. זײַן לעבען האָט ער געענדיגט אין דער פֿערשיקונג.

לעת־עתה אָבער האָט דעם נייעם גרויס־אינקוויזיטאָר זיך גאָר נישט געחלום׳ט, אַז עס וועט קומען אַ טאָג, ווען ער וועט אַליין זיך מוזען שטעלען פאַר׳ן געריכט פון דער אינקוויזיציע. ער האָט זיך געשפּירט אַלמעכטיג און בעגאַנגען זיך געגען אַלעמען שטאָלץ און שטרענג. די אַקטען פון דאָן מאַנועל׳ס פּראָצעס, וועלכע ער האָט געפונען ביי זיך אין קאַנצעלאַריע, האָט ער אָבגעשיקט צוריק קיין וואַלענסיאַ און נאָך געמאַכט אַ פאָרוואורף דער דאָרטיגער אינקוויזיציע, פאַרוואָס זי האָט ביז איצט אַזוי שטאַרק פערצויגען דעם פּראָצעס.

זינט דאָן מאַנועל איז אַרעסטירט געוואָרען איז שוין אַריבער אַ האַלב יאָהר. דאָס טרויעריגע לעבען אין דער תּפיסה, די שטענדיגע אימות און דאגות, דאָס שטענדיגע לעבען צווישען שרעק און האָפנונג, דער מאַנגעל אין פרייער בעוועגונג און פרישער לופט,—דאָס אַלץ האָט אַלט־געמאַכט דעם אונגליקליכען פאַר דער צייט און געבויגען זיין געשטאַלט. זיינע באַקען זענען ביי איהם איינגעפאַלען, די אויגען—האַלב אויסגעלאָשען און פונ׳ם פריהערדיגען שענעם יונגענמאַן איז געוואָרען אַן אמת׳ע חורבה. נאָך פיעל חדשים פון זיצען אין תּפיסה האָט מען איהם איצט ווידער געשטעלט פאַר די אינקוויזיציאָנס־ריכטער.

— דאָן מאַנועל י. אַגילאַר,—האָט געזאָגט צו איהם דער אינקוויזיטאָר,—איך פאָדער פון אייך נאָך איין מאָל, איהר זאָלט אָפען און פרייוויליג אַלץ מודה־זיין.

— פאַרוואָס—האָט דאָן מאַנועל געפרעגט—לאָזט מען מיך אַזוי לאַנג פערשמאַכטען אין תּפיסה? פאַרוואָס איז מיין פּראָצעס נאָך אַלץ נישט ענטשיעדען געוואָרען?

דער אינקוויזיטאָר האָט אויף דער דאָזיגער פראַגע געענטפערט מיט אַ טרויעריגער אָנצוהערעניש:

— אייער עלטער־פעטער, אויף וועלכען איהר האָט אַזוי שטאַרק געהאָפט, איז געשטאָרבען.

דאָן מאַנועל האָט זיך דערשראָקען, אָבער פונדעסטוועגען האָט ער זיך געשטאַרקט און געענטפערט:

— איך האָב אויף קיין שום מענשען נישט געהאַט קיין האָפנונג, נור אויפ׳ן אויבערשטען, דעם אַלמעכטיגען אַליין.

— איהר ווילט זיך אַלזאָ נישט מודה־זיין?

— איך האָב נישט אין וואָס מודה־צו־זיין זיך.

אויף אַ וואונק פון גרויס־אינקוויזיטאָר זענען ערשיענען די תּליונים־קנעכט מיט די פּייניגונגס־אינסטרומענטען; צוזאַמען מיט זיי איז אַריינגעקומען אַ דאָקטאָר, ווייל מען האָט נור געדאַרפט פּייניגען מיט די גרעסטע יסורים, אָבער נישט דערלאָזען, אַז דער געפּייניגטער זאָל שטאַרבען אונטער די הענד פון די תּליונים.

די תּליונים־קנעכט האָבען אַ נעהם־געטהון דאָן מאַנועל׳ן, אַראָבגעריסען פון איהם זיינע מלבושים און אַרויפגעלעגט איהם אויף דער פּייניגונגס־באַנק, וועהרענד

איינער האָט איהם געצויגען פאַר'ן קאָפּ, דער אַנדערער פאַר די פיס, האָט אַ דריטער איהם מערדעריש געשמיסען מיט אַ שווערער בייטש. נישט קוקענדיג אויף די שרעקליכע יסורים, האָט דער אונגליקליכער קיין זיפץ נישט אַרויסגעלאָזען.

— צי וועט איהר זיך מודה-זיין?—האָט דער גרויס-אינקוויזיטאָר געפרעגט.

דאָן מאַנועל האָט געשוויגען.

די תליונים האָבען אויפסניי אַ נעהם-געטהון דעם געפייניגטען און געזעצט איהם אויף אַ שטוהל. מען האָט געבראַכט שרויפען און איינגעשרויפט די גראָבע פינגער פון די הענד אַזוי שטאַרק, אַז די ביינער זענען צעריבען געוואָרען. פון שרעקליכען וועהטאָג האָט זיך צעקראַמפט דאָס געזיכט ביי דאָן מאַנועל'ן, אָבער קיין איינציגען קרעכץ האָט ער נישט געטהון.

— צי וועט איהר זיך מודה-זיין?—האָט דער אינקוויזיטאָר געפרעגט.

דאָן מאַנועל האָט געשוויגען.

איצט האָט מען געדאַרפט אָנווענדען דעם צווייטען גראַד פון פייניגונג. די תליונים האָבען געבראַכט די שפּאַנישע שטיוועל און געוואָלט אָנטהון זיי דעם געפייניגטען.

— וואַרט! — האָט דאָן מאַנועל פּלוצלונג אויסגערופען. — דער'הרג'עט מיך בעסער. איך וועל אייך געבען אַ רעכט מיך צו טויטען. הערט נור, איך בין אַ יוד! איך האָס און פעראַכט אייער גלויבען, וועלכער בעוועגט אייך צו בעגעהן זיך אויף אַזאַ אופן מיט אונשולדיגע מענשען, ווי איהר טהוט. פערברענט מיך! איך שטאַרב גערן און שטאַרבענדיג וועל איך מקדש-השם זיין, איך וועל הייליגען דעם נאָמען פון איין-איינציגען אויבערשטען, וואָס איך האָב געגען איהם געזינדיגט.

די אינקוויזיטאָרען, די תליונים און דער דאָקטאָר זענען געשטאַנען ווי פערשטיינערט ביי די דאָזיגע ווערטער. דער גרויס-אינקוויזיטאָר האָט זיך אָנגע-כאַפּט אָן די לעצטע ווערטער:

— איהר זענט אַלזאָ מודה, אַז איהר האָט געזינדיגט? איהר ווילט חרטה האָבען און תשובה טהון?

— איהר פערשטעהט מיך נישט, איהר אַכזריות'דיגע אינסטרומענטען פון שענדליכער רעליגיעזער שנאה! יאָ, איך האָב געזינדיגט געגען דעם איין-איינציגען דערמיט, וואָס איך האָב געדיענט צו איהם נור בשתיקה און עפענטליך האָב איך אין איהם געלייקענט. איך האָב געזינדיגט דערמיט, וואָס איך האָב שוין לאַנג נישט פערלאָזען דאָס דאָזיגע לאַנד פון שענדליכער טיראַניי און נישט געזוכט קיין בעשיצונגס-אָרט ערגעץ-וואו אַנדערש. פאַר דער דאָזיגער זינד וויל איך איצט בעצאָהלען מיט מיין לעבען. יאָ, פערברענט מיך, און שטאַרבענדיג, וועל איך הייליגען דעם נאָמען פונ'ם אַלמעכטיגען.

דאָן מאַנועל'ס מודה-זיין-זיך האָט מען פערשריבען אין פּראָטאָקאָל, און דער אינקוויזיטאָר האָט געפרעגט ווייטער:

— איז אײַער פֿרוי אויך ערגעבען דעם יודענטום?
דאן מאַנועל האָט געשוויגען.
— ענטפֿערט, אַנגעקלאַגטער!
— צי ווייסט איהר דען נאָך וועניג, איהר בלוטיגע הינד? — האָט דאָן מאַנועל אויסגערופֿען.—צי איז אײַך דען וועניג מיך אַליין לעבעדיג צו פֿער־ברענען? מעהר ענטפֿער איך נישט!
— מיר וועלען אײַך צווינגען צו ענטפֿערן! — האָט דער גרויס־אינקוויזיטאָר געזאָגט.
מען האָט געבראַכט די שפּאַנישע שטיוועל...
די שפּאַנישע שטיוועל זענען געווען פֿון אויסענוועניג פֿערזעהן מיט אַ שרויף און פֿון אינעווענינג מיט מעסערס. מען האָט זיי אָנגעטהון דעם אונגליקליכען. דאָס פֿלייש אויף די פֿיס איז בײַ איהם צעשניטען געוואָרען, די ביינער צע־קוועטשט, אָבער ער האָט קיין זיפֿץ און קיין קרעכץ נישט געלאָזט הערען.
— צי איז אײַער פֿרוי אויך געווען ערגעבען דעם יודענטום? — האָט דער אינקוויזיטאָר געפֿרעגט.
קיין ענטפֿער.
מען האָט די שפּאַנישע שטיוועל אראָבגענומען פֿון די צעקאַליעטשעטע פֿיס; דאן האָט מען דעם גראָבען פֿינגער פֿון דער רעכטער האנד מיט׳ן גרויסען פֿינגער פֿון לינקען פֿוס, און דעם גראָבען פֿינגער פֿון דער לינקער האנד מיט׳ן גרויסען פֿינגער פֿון רעכטען פֿוס אַרײַנגעבראַכט אונטער אַ שרויף און צעקוועטשט זיי... דאָן מאַנועל האָט אַ ציטער געטהון איןן גאַנצען לייב און ס׳האָט אויסגע־וויזען, אַז די כּוחות גיעהען איהם אויס, אָבער קיין איינציג וואָרט איז פֿון זיינע ליפּען נישט אַראָב.
איצט האָט זיך אָנגעהויבען די דריטע מדרגה פֿון פּייניגונג: מען האָט דעם אונגליקליכען אויסגעצויגען אויף אַ לייטער און דאן האָט מען גליהענד אָנגעברענט אַ וואַלגער־אײַזען מיט שטעכעדיגע שפּיצען און אָנגעהויבען דערמיט וואַלגערן אויף מאַנועל׳ס רוקען... דער געפּייניגטער האָט געקרעכצט פֿון טיעפֿען הארצען. דער אינקוויזיטאָר האָט איהם ווידער געשטעלט די פֿריהערדיגע פֿראַגע. דער אַנגעקלאַגטער האָט געעפֿענט דאָס מויל, ווי צום רעדען, אָבער באַלד האָט ער עס צוריק פֿערמאַכט: דער פֿעסטער רצון האָט גובר געווען אויפֿ׳ן אונ־מענשליכען וועהטאָג. ענדליך אָבער זענען זיינע אויגען ארויסגעטראָטען פֿון קאָפּ און דער מויל האָט זיך בעדעקט מיט שוים.
— גענוג! — האָט דער דאָקטאָר אויסגערופֿען צו די תּליונים. — שוין הערט אויף! דער אַנגעקלאַגטער וועט שטאַרבען פֿון יסורים.
די פּייניגונג האָט אויפֿגעהערט. מען האָט דאָן מאַנועל׳ן געבראַכט האַלב טויט צוריק אין זיין תּפיסה אַרײַן. דאָן האָט מען אָבגעוואַשען זיינע וואונדען,

בעשמירט זיי מיט אַ זאַלב און פערבונדען. דער אונגליקליכער האָט געדאַרפט פריהער געזונד ווערען, איידער מען וועט איהם פערברענען לעבעדיגערהייד; ס'האָבען זיך אָנגעהויבען ציהען לאַנגע וואָכען פאַר'ן צעקאַליעטשעטען...

ווען דער דאָקטאָר האָט ערקלערט, אַז ער איז שוין געזונד, האָט מען איהם ווידער געשטעלט פאַר די ריכטער. פון זיין פריהערדיגען מודה-זיין-זיך, אַז ער איז אַ יוד, האָט ער זיך נישט אָבגעוואָרפען, אָבער עטוואָס אַנדערש מודה-צו-זיין האָט ער זיך אָבגעזאָגט. מען האָט אויך נישט געקאָנט בעוועגען איהם, אַז ער זאָל האָבען חרטה אויף זיין געהערען צום יודענטום. מען האָט דעם אונגליקליכען ווידער געסטראַשעט, דאָס מען וועט איהם פייניגען; עס זענען ווידער געקומען די תליונים מיט זייער גאַנצען פייניגונגס-געצייג; דאָן מאַנועל האָט אַ ציטער-געטהון ביים געדאַנק, אַז מען וועט איהם ווידער נעהמען פייניגען; דאָס אַליין האָט איהם אָבער נישט געקאָנט בעוועגען צו ערקלערען, אַז ער האָט חרטה אויף זיין יודענטום, אָדער מודה-צו-זיין, אַז זיין פרוי געהערט צום יודענטום.

— אָנגעקלאָגטער, — האָט געזאָגט דער אינקוויזיטאָר, — מיר וועלען היינט אָנהויבען די פייניגונג מיט דער דריטער מדרגה, מיט וועלכער איהר האָט זיך בעקענט נאָך פון דער התחלה. מען וועט אייך אויפהענגען אויף די אָרעמס און אָנהענגען שטיינער אָן די פיס, דאַן וועט מען אייך אַרויפלייגען אַ היטעלע אויפ'ן קאָפּ, וועלכע וועט אייך דעם קאָפּ אַזוי צוזאַמענשרויפען, ווי דער שטיוועל האָט אייך פריהער צוזאַמענגעשרויפט דעם פוס, דאַן וועט מען אייך גיסען ברענענדיגע טריף-וואַקס אונטער די נעגעל...

— און ווען איהר וועט מיר אַפילו רייסען דאָס פלייש מיט ברענענדיגע צוואַנגען שטיקערווייז פון לייב — וועל איך אויך דאַן אייך מעהר נישט זאָגען, ווי איך האָב געזאָגט.

— טהוט-זשע אייער פליכט, תליונים!

די תליונים-קנעכט האָבען ווידער אַ נעהם-געטהון דעם אונגליקליכען און איהם אויסגעטהון נאַקעט. נאָכאַמאָל האָט דער אינקוויזיטאָר איהם געפּרובירט דערוועגען, אַז ער זאָל-זיך מודה-זיין, און איהם געבעטען, אַז ער זאָל זיך בעסער פערשפּאָרען די שרעקליכע יסורים. דאָן מאַנועל איז געבליבען פעסט ביי זיין ערקלערונג. דאַן האָט דער גרויס-אינקוויזיטאָר בעפוילען ווידער איהם אָנצוטהון זיינע קליידער. ס'איז בעשלאָסען געוואָרען איינצואָרדנען אַ גרויס אויטאָ-דאַ-פע און פערברענען דאָן מאַנועל'ן. מען האָט נישט געוואָלט מעהר שעדיגען זיין געזונדהייט, כדי צו קאָנען פערברענען איהם לעבעדיגערהייד, ווען ער וועט נאָך זיין פאָלקאָם געזונד. מען האָט דאָן מאַנועל'ן אָבגעפיהרט צוריק אין זיין תפיסה. ווען ער איז איבערגעבליבען אַליין אין זיין צימער, האָט ער זיך אַ וואָרף-געטהון צו דער ערד, כדי צו דאַנקען ג' דערפאַר, וואָס ער איז דאָסמאָל ניצול געוואָרען פון די

שרעקליכע יסורים ביים פּײניגען. דער טויט איז שוין געווען פֿאַר איהם אַ קלײניגקײט אין פֿערגלייך מיט די דאָזיגע יסורים.

אין אָווענד האָט מען איהם מודיע געווען זיין אורטייל, וועלכער האָט איהם אָבער קײן נײעס נישט געבראַכט, ווייל ער האָט עס ערוואַרט פֿריהער: מען וועט איהם פֿערברענען לעבעדיגערהייד.

— דיין ווילען זאָל געשעהן, רבונו של עולם! — האָט אַגילאַר אויסגערופֿען, ווען ער האָט דעם אורטייל אויסגעהערט. מעהר האָט ער קײן וואָרט נישט גערעדט.

ווען די אינקוויזיטאָרען זענען פֿערשוואונדען געוואָרען און איבערגעלאָזען איהם אַליין, איז ער צוגעגאַנגען צו זיין געלעגער, זיך אַנידערגעלעגט און איינגעשלאָפֿען, ווי אַן׳אונשולדיג קינד, רוהיג און שטיל. שטילע חלומות האָבען זיך אָנגעהויבען וועבען אַרום איהם און געהאָלפֿען איהם פֿערגעסען אָן דער שרעקליכער געגענוואַרט. דער חלום האָט איהם געבראַכט צוריק אין זיין הויז אַריין, צווישען זיין ווייב און קינדערלעך. דאָרט האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער שליסט איין אין זיינע אָרעמס זיין יונגע פֿרוי און זיינע ליעבע צוויי קינדערלעך. אַ געפֿיהל פֿון בענקשאַפֿט האָט איהם אַרומגענומען. ער האָט דערזעהן, ווי די סאָלדאַטען פֿון דער אינקוויזיציע קומען צו געהן און פֿיהרען איהם צום טויט. אָבער אַ שטימע פֿון הימעל האָט צו איהם גערופֿען: „אַל תירא ואַל תחת, כי אַתך אני וקרובה ישועתי לבואו!“ (שרעק זיך נישט און האָב נישט קײן מורא, דען איך בין מיט דיר און מיין הילף איז נאָהענט צו קומען).

אָט אַזאַ חלום האָט געזעהן דאָן מאַנועל און אַ ליעבליך, גליקליך שמייכעל האָט זיך צעשפּיעלט אויף זיין געזיכט. געשלאָפֿען האָט ער ביז׳ן העלען טאָג.

אין־דערפֿריה האָט די דומפּע קלינגעריי פֿון די גלאָקען געמעלדעט די איינוואוינער פֿון וואַלענסיאַ, אַז עס וועט פֿאָרקומען אַן׳אויטאָ־דאַ־פֿע, וועלכעס אַלע שפּאַניער האָבען אַזוי שטאַרק ליעב געהאַט. דאָס פֿאָלק האָט אָנגעהויבען צוזאַמענצוקומען זיך פֿון אַלע זייטען, כדי צו זעהן, ווי מען וועט אַ מענשען פֿערברענען. פֿאַר די העכסטע שרים פֿון דער מלוכה, פֿאַר׳ן ערצבישאָף, פֿאַר די גראַנדען און זייערע משפּחות, פֿאַר די שטאָדט־אינסטיטוציעס און זייערע אָנגעשטעלטע האָט מען אויסגעבויט בעזונדערע טריבונעס; דאָס פֿאָלק האָט אָנגעפֿילט די גאַסען אָהן צאָהל, ווי דער זאַמד אויפ׳ן ברעג ים; דער גרויסער פּלאַץ, וואו עס האָט געדאַרפֿט דאָס אויטאָ־דאַ־פֿע פֿאָרקומען, איז געווען בעשאָטען מיט מענשען. געדאַרפֿט האָט מען פֿערברענען נישט מאַנועל׳ן אַליין, נאָר הונדערט מיט זיעבציעהן מענשען מיט איהם. צווישען די דאָזיגע מענשען זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבען געהאַט אויף זיך אַ לייכטען חשד און זיי זענען גרייט געווען אָבצוזאָגען זיך פֿון דער אַפּיקורסות; צוויי פֿון די פֿער׳משפּט׳ע האָבען אונטער׳ן מאַנטעל פֿון גלח׳ישע צביעות אָבגעטהון שענדליכע פֿערברעכענס; צוויי אַנדערע

האָט מען געהאַט אָנגעקלאָגט אין כשוף-מאַכעריי און זיי האָבען זיך מודה-געווען דערין, ווען מען האָט זיי שרעקליך געפּייניגט; פֿיער פֿערארורטיילטע האָט מען גע'משפּט פֿאַר'ן האָבען צו צוויי פֿרויען; איין גלח איז דאָרט געווען פֿער'משפּט דערפֿאַר, וואָס ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ פֿרוי; אַ צווייטער האָט זיך פֿערזינדיגט דערמיט, וואָס ער האָט אָבגעריכט אַ גאָטעס-דיענסט, נישט זייענדיג קיין גלח; איינעם פֿון די פֿער'משפּט'ע האָט מען בעשולדיגט, אַז ער איז בשתיקה אַנ'אָנהענגער פֿון מחמד'אַנישען גלויבען; איינער איז געווען אַ לוטעראַנער, אַ צווייטער האָט געהערט צו אַ פֿערבאָטענער סעקטע; די לעצטע צוויי זענען געשטאָרבען פֿון גרויסע יסורים אין תּפֿיסה, האָט מען געדאַרפֿט זיי איצט פֿערברענען שוין נאָכ'ן טויט.

צווישען די פֿערארורטיילטע זענען ענדליך געווען אויך 22 יודען, און צווישען זיי אַלע הויז-לייט פֿון דאָן מאַנועל'ן; נישט מעהר, ווייל זיי זענען אַלע אַנטלאָפֿען, האָט מען געדאַרפֿט פֿערברענען זייערע בילדער. צוויי אָנגעקלאָגטע, וועלכע האָבען זיך מודה געווען אין זייערע זינד און זענען געשטאָרבען אין תּפֿיסה, האָט מען איצט געדאַרפֿט פֿערברענען זייערע בילדער; איין אַפּיקורוס, וועלכער האָט געהאַט אויף זיך אַ שווערען חשד, האָט געדאַרפֿט עפֿענטליך תשובה טהון פֿאַר'ן פֿייער. פֿון די איבריגע פֿערארורטיילטע זענען 52 געווען יודען, וועלכע האָבען אויסגעוואַנדערט פֿון פּאָרטוגאַל קיין שפּאַניען, און 18 זענען געווען שפּאַנישע יודען. זיי אַלע האָבען געדאַרפֿט פֿערברענט ווערען, 36 פֿון זיי האָבען פֿריהער געדאַרפֿט דערשטיקט ווערען און דערנאָך אַריינגעוואָרפֿען ווערען אין די פֿלאַמען; אַזאַ חסד האָט מען געטהון מיט זיי דערפֿאַר, וואָס דורכ'ן פּייניגען האָבען זיי געלאָזען זיך בעוועגען חרטה צו האָבען. די איבריגע 34, צווישען זיי אויך דאָן מאַנועל, האָבען געדאַרפֿט אַריינגעוואָרפֿען ווערען אין פֿייער לעבעדיגערהייד.

די שרעקליכע פּראָצעסיע מיט די פֿערארורטיילטע האָט זיך געלאָזען געהן פֿון דער אינקוויזיציע צום גרויסען פּלאַץ, וואו דאָס אויטאָ-דאַ-פֿע האָט געזאָלט פֿאָרקומען. פֿאָרויס זענען געגאַנגען די דאָמיניקאַנער, וועלכע האָבען געטראָגען די פֿאָהן פֿון דער אינקוויזיציע; דאַן זענען געגאַנגען די, וואָס האָבען געהאַט אויף זיך אַ לייכטע חשד, געקליידעט אין איינפֿאַכען סאַן בעניטאָ, וואָס איז אַ בלוזע פֿון געלע שטאָף-גראָבע וואָל אָהן אַרבעל, בעמאָלט מיט רויטע צלמים. דאַן איז געגאַנגען דער, וואָס האָט געהאַט אויף זיך אַ שווערען חשד און איז געווען פֿערארורטיילט צו טהון תשובה; אויסער דעם סאַן בעניטאָ האָט ער נאָך געטראָגען אַ קאָראָזאַ—אַ שפּיציגען פּיראַמיד-ענליכען הוט; דאַן זענען געגאַנגען די, וואָס זענען געווען פֿערארורטיילט צו תּפֿיסה, די צבוע'קישע קדושים, דער פֿערהייראַטעטער און דער פֿאַלשער גלח, וואָס זייערע קליידער, דער סאַן בעניטאָ מיט'ן קאָראָזאַ, זענען געווען בעמאָלט מיט פֿלאַמען; דאַן האָט מען געטראָגען די ביל-

דער, וועלכע מען האָט געדאַרפֿט פֿערברענען; דאָס זענען געווען אַזעלכע מיני מאַנעקינעס בעקלײדעט מיט אַ סאַן בעניטאָ און אַ קאָראָזאַ; און דאַן האָט מען געטראָגען אין שוידערליך בעמאָלטע טרומנעס די מתים, וועלכע זענען אין דער תּפיסה געשטאָרבען פֿון די גרויסע יסורים, וואָס מען האָט זיי דאָרט אָנגעטהון, און זיי האָבען נישט געהאַט קיין חרטה און נישט מודה געווען קיין זאַך. הינטער די טרומנעס האָבען סאָלדאַטען געפֿיהרט די פֿערורטײלטע, וועלכע מען האָט פֿריהער געדאַרפֿט צוערשט דערשטיקען און דערנאָך פֿערברענען. אין איין עק פֿון דער דאָזיגער שרעקליכער פּראָצעסיע איז געגאַנגען אַ גאַנצע מחנה גלחים.

די פּראָצעסיע איז געגאַנגען דורך די הויפּט-גאַסען פֿון וואַלענסיאַ ביז צו דער גרויסער קירכע. דאָרט איז אַ דאָמיניקאַנער גלח אַרויפֿגעשטיגען אויף אַ טריבונע און געהאַלטען אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט גערופֿען די פֿערורטײלטע מתודה-צו-זיין זיך און גערימט די אינקוויזיציע, וועלכע רוימט-אָב די דערנער פֿון ווײַן-גאָרטען, וואָס די רעליגיע פֿון ליעבע האָט אויפֿגעפֿלאַנצט.—בשעת דער רעדע האָט יעדער פֿערורטײלטער געמוזט האַלטען אין דער האַנד אַן אויסגעלאָשענע פֿאַקעל. דאַן האָבען די לײַכט-פֿערדעכטיגע געמוזט נעהמען אין דער האַנד אַ ליכט פֿון גרינעם וואַקס און אָבזאָגען זיך פֿון זײערע עבירות פֿײערליך, ערקלערענדיג, אַז זיי נעהמען אויף זיך די גרעסטע שטראָף, אויב זיי וועלען ווידער זינדיגען און מען וועט זיי אָנקלאָגען. די דאָזיגע פֿערורטײלטע האָט מען נאָכ'ן אויטאָ-דאַ-פֿע אַרײַנגעבראַכט צוריק אין פּאַלאַץ פֿון דער אינקוויזיציע, וואו זיי האָבען געקאָנט ווידער אָנטהון זײערע קלײדער. סיפֿערשטעהט-זיך, אַז דאַדורך האָבען זיי פֿערלאָרען זײער גוטען נאָמען; נישט בלויז זיי אַליין זענען געשטעמפּעלט געוואָרען מיט אַ שאַנדע אויפֿ'ן גאַנצען לעבען, אַפֿילו זײערע קינדער האָבען געטראָגען אויף זיך אַן'אײביגען פֿלעק. אויך האָבען זיי שטענדיג געבראַכט מורא צו האָבען, אַז ביי דער קלענסטער קלײניגקײט וועט מען זיי צוריק אַרײַנזעצען אין תּפיסה.—נאָכדעם האָט געמוזט שטעלען זיך אויף די קניע דער, וואָס האָט געהאַט אויף זיך אַ שווערען חשד, און געמוזט עפֿענטליך מתודה זיין זיך; דאַן האָט מען איהם אָבגעפֿיהרט צוריק אין תּפיסה, כּדי ער זאָל אויף צומאָרגענס עפֿענטליך תּשובה טהון אין דער קירכע. אַזוי האָט מען זיך בעגאַנגען אויך מיט די, וואָס זענען געווען פֿערורטײלט צו תּפיסה. דאַן האָבען זיך געמוזט שטעלען אויף די קניע די, וואָס האָבען חרטה געהאַט אויף זײערע זינד און זענען פֿער'משפּט געוואָרען צום דערשטיקען און פֿערברענען. זיי האָבען געמוזט עפֿענטליך מודה-זיין זיך אויף זײערע חטאים, אָבזאָגען זיך פֿון זיי און פֿערשילטען זיי. דאַן האָט אַ דאָמיניקאַנער גלח זיך געווענדעט מיט אַ פֿרומער רעדע צו די, וואָס זענען פֿערורטײלט געוואָרען צום פֿערברענען לעבעדיגערהײד, און בעוואוינען זיי, אַז זיי זאָלען נאָכטהון דעם גוטען בײַשפּיעל פֿון זײערע ברידער און שוועסטער, כּדי ווערט צו זיין דעם חסד, אַז מען זאָל זיי צוערשט דערשטי-

קען און דערנאך פערברענען. די אונגליקליכע קרבנות האבען דערויף נישט גענטפערט. דאן איז ארויסגעטרעטען דער גרויס-אינקוויזיטאר און א קלאפ געגעבען יעדען פון די פעראורטיילטע אין הארצען. דאס האט געדיענט פאר א צייכען, אז די אינקוויזיציע זאגט זיך שוין אב פון זיי און גיט זיי איבער אין די הענד פון דער וועלטליכער מאכט,—וויל דאס אינקוויזיציאנס-געריכט געהערט דאך צו דער קירכע און זי פיהרט נישט אוים קיין טויט-אורטיילען; דאס געהערט שוין דער וועלטליכער מאכט און איהר גערעכטיגקייט.

דאס אויטא-דא-פע האט געדארפט פארקומען אויפ׳ן גרויסען פלאץ פאר דער אוניווערזיטעט. די טריבונעס זענען שוין געווען פול געפאקט מיט צושויער, וועלכע האבען געווארט אויף דאס שרעקליכע שוישפיעל, וואס האט געהאט א גרויסען חן ביי די שפאניער אין די אויגען. דעם ערשטען ארט האט פערנומען דער גענעראל-קאפיטאן פון וואלענסיא, הערצאג פון מיראפלארעס מיט זיין פרוי און זיינע טעכטער. קיין איינציגער מענש פון די, וועלכע האבען בילעטען בעקומען, האט נישט פערפעהלט צו קומען אויפ׳ן גרויסען שוישפיעל; עס זענען אויך געקומען זעהר פיעל מענשען פון דער וויטער סביבה, וויל אין דער צייט, וואס דאן אלפאנזא פערנאנדעץ י. אגילאר איז געווען גרויס-אינקוויזיטאר, איז קיין אויטא-דא-פע נישט פארגעקומען, איז עס אלזא געווען א זעלטענער יום-טוב. דער גרויסער המון איז געשטאנען א קאפ אויף א קאפ און די פענסטער מיט די באלקאנעס פון די ארומיגע הייזער זענען געווען געדיכט נעפאקט.

די פלאמען פון „אויטא" האבען אויפגעפלאקערט, די בילדער פון דאנא אנונציאטא און די איבעריגע הויז-לייט דאן מאנועל׳ס האט מען אריינגעווארפען אין פייער אונטער אלערליי צערעמאניעס, הערנאך האט מען אריינגעווארפען אין פייער די טרומנעס מיט די מתים, וואס זענען געשטארבען אין תפיסה אהן חרטה און תשובה. ענדליך האבען די תליונים אנגעהויבען דערשטיקען די לעבעדיגע אונגליקליכע, מיט וועלכע די אינקוויזיציע האט געטהון א חסד צו דער׳הרג׳ענען זיי פריהער און דערנאך פערברענען. מיט די ערשטע ביידע פעראורטיילטע האט דער תליון זיך בעגאנגען זעהר אונגעשיקט און אנגעטהון פיעל יסורים די אונגליקליכע. דער דריטער האט געהייסען באלטאזאר לאפעץ, ער איז געווען געבירטיג אין וואלאבאליד פון יודישע עלטערן, וועלכע האבען איינגעוואנדערט פון פארטוגאל; אין דער יוגענד האט ער אויסגעוואנדערט קיין באיאן, וואו ער איז עפענטליך געווארען א יוד; שפעטער איז ער געקומען צוריק קיין שפאניען און איז געווארען קעניגליכער זאטעל-מאכער. ווען ער איז איינמאל געווען אויף דער רייזע קיין וואלענסיא, האט מען איהם ארעסטירט און גע׳מסר׳ט. דורך דער פייניגונג האט מען איהם געצוואונגען מודה צו זיין זיך, אבער דערביי האט ער ערקלערט, אז ער האט חרטה אויף זיין זינד, דעריבער האט מען מיט איהם געטהון דעם חסד, צו פער׳משפט׳ן איהם צום דערשטיקען און דערנאך צו פערברענען שוין א טויטען. ווען

אָבער ער האָט דערזעהן, וואָס פאַר יסורים דער תליון האָט אָנגעטהון די ערשטע צוויי אונגליקליכע, האָט ער אויסגערופען צום תליון:

— פעדראָ! זעה, ווי אונגעשיקט דו ביסט! אויב דו ווילסט מיך אַזוי פּייניגען, זאָג איך זיך אָב בעסער פון׳ם חסד און וועל זיך לאָזען פערברענען לעבעדיגערהייד.

אַ גלח איז צוגעגאַנגען צו איהם, כדי פאָרצובערייטען איהם צום טויט.

— דאַנק דעם אויבערשטען — האָט דער גלח געזאָגט — דערפאַר, וואָס דו געהסט אַריין יעצט אין גן-עדן.

— צי מיינסטו דען — האָט לאָפּעץ באַלטאַזאַר געזאָגט,— אַז איך דאַרף נאָך געבען אַ דאַנק? מיין אַריינגאַנגס-קאַרטע קאָסט 200 טויזענד דוקאַטען, ווייל אַזוי פיעל בעטרעפט מיין פערמעגען, וואָס די אינקוויזיציע האָט ביי מיר קאָנפיסקירט, און — צווישען אונז גערעדט — איך בין אַ גרויסער מסופק, אויב מען אָנערקענט דאָרט, אויבען, אייער אַריינגאַנגס-קאַרטע.

בשעת דער תליון האָט איהם אָנגעהויבען דערשטיקען און ס׳האָט דעם אונגליקליכען כמעט פערנומען דער אָטעם, איז צו איהם צוגעגאַנגען דער גלח און געפרעגט, אויב ער האָט באמת חרטה אויף זיינע זינד.

— מיין פאָטער, — האָט באַלטאַזאַר לאָפּעץ אַרויסגערעדט מיט די לעצטע כוחות — מיינט איהר דען, אַז דער מאָמענט איז אַ גוטע געלעגענהייט אַ שפּאַס צו מאַכען?

אַ מינוט נאָכדעם איז דער אונגליקליכער געשטאָרבען.

ס׳איז אונמעגליך צו שילדערן די שרעקליכע יסורים און די געשרייען פון די געפּייניגטע. דאָן מאַנועל איז געווען איינער פון די גרעסטע זינדיגע, ווייל ער האָט נישט געוואָלט אויסזאָגען און האָט קיין חרטה נישט געהאַט, ער האָט דעריבער געדאַרפט שטאַרבען דער לעצטער, כדי צו זעהן פריהער די יסורים פון אַלע געפּייניגטע.

צווישען די צושויער זענען געווען אויך פיעל געהיימע יודען פון וואַלענסיא, וועלכע האָבען געמוזט קומען צום שוידערהאַפטען שוישפּיעל, כדי נישט צו וואַרפען אויף זיך קיין חשד. בענעדיטאָ דער קצב האָט צו זיין שרעק בעמערקט אויך ראַפאַעלאָ׳ן אין גרויסען המון. ראַפאַעלאָ האָט אַפילו געטראָגען אַ גרויסע באָרד און זיינע האָר און ברעמען זענען געווען אַזוי געפאַרבט, אַז מען האָט איהם נישט געקאָנט דערקענען, אָבער דער קצב האָט מיט זיין שאַרפען בליק איהם דערקענט.

— וואָס פאַר אַ פערוועגענהייט! — האָט דער קצב זיך געטראַכט. — געקומען זעהן, ווי מען פערברענט זיין אייגען בילד! ווען מען זאָל איהם דערקענען! גאַנץ וואַלענסיא האָט דאָך איהם פריהער געקענט.

ואָס איז געווען אַ שטורמישער טאָג. אַ שאַרפער מורח-ווינד האָט געבלאָזען

פון ים, און דער הימעל איז געווען בעדעקט מיט פינסטערע וואָלקענס. דאָס אויטאָ-דאַ-פע האָט זיך שוין כמעט געענדיגט, מען האָט נור געדאַרפט פערברענען דאָן מאַנועל׳ן. פאַר די איינוואוינער פון וואַלענסיאַ האָט זיין פערברענען געהאַט אַ בעזונדערען אינטערעס און דערפאַר האָט מען עס איבערגעלאָזען צום סוף. ווארום אויב די אידעלע און פיין-פיהלענדע שפּאַניער און שפּאַניערינס האָבען אַפילו זיך נישט געקאָנט זאַט אָנקוקען אויפ׳ן פערברענען פיעל צעהנדליגער מענשען, יודען, מאַנסביל און פרויען, לוטעראַנען און מחמד׳אַנער, אַפיקורסים און מכשפים; אויב אַפילו דאָס געשריי פון די געפּייניגטע איז געווען פאַר זיי אמת׳ע מוזיק, — פונדעסטוועגען האָט מען געמוזט מורא האָבען, אַז סוף-כל-סוף וועט עס זיי דערעסען, ווייל 118 פערברענטע און דער׳הרג׳עטע פערהאָנען איז דאָך פאַרט אַ צו-גרויסע צאָהל און אַפילו אַזאַ פערגעניגען מוז זיך אויך צועסען, און טאַקי דעריבער האָט מען איבערגעלאָזען דאָן מאַנועל׳ס פערברענען אויפ׳ן סוף, כדי צו האַלטען געשפּאַנט די ערוואַרטונג פון המון.

ענדליך איז דער תליון צוגעגאַנגען צום פערטאַורטיילטען און געוואָלט איהם בינדען די פיס פאַר׳ן אַריינוואַרפען איהם אין פייער.

— ריהר מיך נישט אָן! — האָט דאָן מאַנועל אויסגערופען.

דער תליון האָט אָבגעטראָטען צוריק אין צום פערטאַורטיילטען איז צוגעגאַנגען אַ גלח מיט אַ צלם אין דער האַנד, און דערלאַנגענדיג איהם דעם צלם, האָט ער איהם בעשוואָרען צו קושען איהם און אויסניצען די לעצטע מינוטען פון זיין לעבען, כדי חרטה צו האָבען אויף זיין זינד. דאָן מאַנועל האָט גענומען דעם צלם און אַ שלייַדער געטהון אויף דער ערד. אַנ׳אימה האָט אָנגענומען די צושויער און ס׳האָט זיך דערהערט אַ טויזענד-שטימיג געשריי:

— צערייסט איהם לעבעדיגערהייד!

דערביי האָט דער המון זיך געוואָלט וואַרפען איבער די טריבונעס אויפ׳ן אונגליקליכען, אָבער דאָ איז פלוצלונג פאָרגעקומען זעטוואָס שרעקליכעס...

די ערד האָט אַ ציטער געטהון, די הייזער האָבען זיך אָנגעהויבען וואַקלען, ווי די שכור׳ע, די באַלקאָנעס, וואָס זענען געווען פול געפּאַקט מיט מענשען, זענען איינגעפאַלען; די טריבונעס זענען זיך צוזאַמענגעפאַלען. דער שטורם האָט צעשליידערט די שטיקער האָלצעשקעס פון די פלאַמען אַרוים, די איינגעפאַלענע טריבונעס האָבען זיך אָנגעצונדען. אַ שרעקליכע אימה איז געפאַלען אויף אַלעמען; ס׳האָט זיך אָנגעהויבען אַ געשריי, אַ יאָמער; פרויען און קינדער זענען אויף דער ערד געפאַלען און צעטרעטען געוואָרען. דער צוזאַמענגעפרעסטער מענשען-קנויל האָט זיך נישט געקאָנט פונאַנדערוויקלען... און ווידער האָט די ערד אַ ציטער געטהון און מיט אַ שרעקליכען קראַך איז איינגעפאַלען דער אַלטער טורם פון דער אינקוויזיציע. די קלעפּ אונטער דער ערד האָבען זיך אָנגעהויבען איבער׳חזר׳ן

און אַט איז אין דער שרעקליכער מהומה צוגעגאַנגען צום פֿערואורטײלטען אַ מענש
אין אַ שוואַרצען מאַנטעל און געזאָגט:

— געשווינד, סעניאָר, קומט מיט מיר; איך ראַטעװע אײַך.

— ראַפֿאַעלאָ! — האָט דאָן מאַנועל אויסגערופֿען.

— האַלט! — האָט אויסגערופֿען פֿרײַ באַלטאַזאַר, דער דאָמיניקאַנער גלח.

אָבער דאָ האָט ראַפֿאַעלאָ געכאַפּט אַ ברענענדיג שטיק האָלץ פֿון די פֿלאַ-
מען אַרויס און אַ זעץ געטהון דעם גלח אין קאָפּ מיט אַזאַ קראַפֿט, אַז יענער איז
געפֿאַלען צו דער ערד אין חלשות.

ראַפֿאַעלאָ האָט אַרויפֿגעװאָרפֿען זײַן מאַנטעל אויף דאָן מאַנועל׳ן, כּדי מען
זאָל איהם נישט דערקענען אין די גאַסען. אַזאַ פֿאָרזיכטיגקײַט איז אָבער געװען
גאָר איבריג, װײַל אַלע האָבען פֿאַר זיי בײדען געלאָזען פֿרײַ דעם װעג, אָבטרע-
טענדיג דערשראָקען צוריק.

— דאָס איז דער שטן אַלײן, — האָט אײנער געדעדט צום אַנדערען אין
המון, — דער שטן נעהמט־צו דעם יודען לעבעדיג אין גיהינם אַרײַן דערפֿאַר,
װאָס ער האָט דעם צלם געשלײדערט צו דער ערד. ער האָט אַ גלח געשלאָגען
מיט זײַנע פֿײַערדיגע ריטער, אַזש פֿונקען זענען געפֿלויגען...

ראַפֿאַעלאָ און דאָן מאַנועל זענען געשװינד געקומען צולויפֿען קײן גראַאַ,
װאו ס׳איז געשטאַנען פֿעראַנקערט אַ נידערלאַנדיש שיף, װאָס האָט געדאַרפֿט אָב-
געהן קײן אינדיען. ראַפֿאַעלאָ האָט גערעכענט אַרויסצופֿאָהרען פֿון שפּאַניען מיט׳ן
דאָזיגען שיף, נאָכ׳ן פֿערברענען זײַן הערר. ער האָט שוין גאָר געהאַט פֿערלאָרען
די האָפֿנונג איהם צו ראַטעװען; יעצט האָט ער געדאַרפֿט פֿאָהרען מיט איהם צוזאַמען
אויפ׳ן שיף אין אַ פֿרײַ לאַנד אַרײַן.

3.

לאָ׳מיר זיך איצט אַרומקוקען, װאָס טהוט זיך מיט׳ן קלײנעם דיעגאָ, װעל-
כער איז קראַנק געװען אויף קינדער־פּאָקען, װען ס׳האָט אויסגעבראָכען די קאַ-
טאַסטראָפֿע אין דער משפּחה י. אַגילאַר. מען האָט איהם אַרײַנגעבראַכט אין
די מיניקאַנער קלויסטער און דאָרט געזאָרגט װעגען איהם זעהר גוט. אָבער די
ענדערונג פֿון װאוינונגס־אָרט, װי־אויך דאָס אומזיסטע פֿערלאַנגען פֿונ׳ם קינד צו
ברענגען צו איהם פֿאָטער און מוטער און זײַן אַלטען פֿרײַנד ראַפֿאַעלאָ, האָט
זעהר שלעכט געװירקט אויף זײַן געזונדהײט און ער איז שיער נישט געשטאָרבען,
װי דאָס איז פֿאָרגעקומען אין יענער צײַט מיט׳ן שפּאַנישען קרוין־פּרינץ, פֿער-
דינאַנד פֿאָן בײַערן, װעלכער איז אין פֿעברואַר 1699 געשטאָרבען אויף פּאָקען
דיעגאָ׳ס געזונדע נאַטור האָט אָבער געזיגט איבער דער קראַנקהײט און ער
האָט אָנגעהויבען װערען בעסער. אומזיסט האָט ער טאָג־טעגליך נאָכגעפֿרעגט װי

וועגען פֿאָטער און מוטער, נאָך זײַן שוועסטערל, נאָך ראַפֿאַעלאָ׳ן, סאַנטשאָ׳ן און די איבּריגע הויז-געזינד; אומזיסט האָט ער פֿערלאַנגט, אַז מען זאָל איהם בּרענגען צוריק צום פֿאָטער אין שטוב,—מען האָט איהם געזאָגט, אַז אַלע זײַנע פֿרײַנד און אויך די עלטערן זענען אַנטלאָפֿען. וועגען דעם שרעקליכען שיקזאַל, וואָס האָט ערוואַרטעט זײַן פֿאָטער, האָט מען איהם אָבער נישט דערצעהלט, און דער קלוגער דיעגאָ, וועלכער האָט שוין פֿריהער געהערט, ווי זײַן פֿאָטער און מוטער האָבּען אָפֿט גערעדט וועגען אַ געהײַמער אויסוואַנדערונג קײַן האָלאַנד, האָט גערעכנט, אַז מסתּם איז זײַנע עלטערן פֿאָרגעשטאַנען אַ פּלוצלונגע סכּנה און זיי האָבּען זיך געמוזט ראַטעווען, איבּערלאָזענדיג איהם אַלײן.

און ווען דיעגאָ איז געזונד געוואָרען און מען האָט אָנגעהויבּען איהם געגנוי אויסצופֿאָרשען, כּדי דאַדורך צו האָבּען בּעווײַזען געגען זײַן פֿאָטער, האָט דאָס קלוגע קינד זיך געהיט צו רעדען אַן איבּריג וואָרט וועגען אַלץ, וואָס עס האָט געוואוסט מכּח יודען און דעם יודענטום, און האָט אָבּגעהיט לפֿנים זעהר געטרײַ אַלע קירכליכע פֿעראָרדנונגען, כּדי אַזוי-אַרום צו דערווײַטערן פֿון זיך יעדען חשד. נאָר אין אָווענד, ווען ער פֿלעגט בּלײַבּען ליעגען בּיי זיך אַלײן אין בּעט, פֿלעגט ער איבּער׳חזר׳ן די יודישע תּפֿלות, וואָס ראַפֿאַעלאָ האָט מיט איהם געלערנט, און מתודה זײַן זיך אויף אַלץ, וואָס ער האָט וועהרענד דעם פֿערגאַנגענעם טאָג אָבּגעטהון געגען דעם יודענטום. פֿאַר׳ן שלאָף פֿלעגט ער לײענען „קריאַת שמע“ און זאָגען מיט האַרץ דעם יודישען „שמע ישׂראל“. ער האָט פֿריהער גאָר נישט געקאָנט אײַנשלאָפֿען, אײדער ער האָט זײַן דאָזיגע יודישע פֿליכט אָבּגעטהון, און ווען מען פֿלעגט איהם דערין שטערען, פֿלעגט ער לאַנג וואַרטען, בּיז ער פֿלעגט בּלײַבּען אַלײן, כּדי צו זאָגען די יודישע תּפֿלות.

ווען עס איז געוואָרען זומער, האָט מען אַריבּערגעפֿיהרט דיעגאָ׳ן אין אַ קלויסטער אויפֿ׳ן לאַנד, טײלווײַז כּדי צו שטאַרקען איהם נאָך זײַן שווערער קראַנק, טײלווײַז כּדי צו האַלטען איהם פֿון דערווײַטען, בּשעת מען וועט דאַרפֿען פֿערבּרענען זײַן פֿאָטער. אַזוי-אַרום האָט דיעגאָ גאָרנישט געוואוסט וועגען דער געפֿאַהר, אין וועלכער זײַן פֿאָטער האָט געשוועבּט, ווי אויך נישט וועגען זײַן וואונדערליכער רעטונג. דאָס אָרימע קינד פֿלעגט אָפֿט טראַכטען וועגען זײַנע עלטערן מיט הײסער בּענקעניש און האָט זיך בּעשלאָסען צו פֿאָהרען קײַן האָלאַנד, ווען ער וועט אויסוואַקסען, און אויפֿזוכען זיי דאָרט.

צום פֿײַער-טאָג פֿונ׳ם שטאָדט-הײליגען פֿון וואַלענסיאַ האָט מען אָבּגעפֿיהרט דיעגאָ׳ן צוריק אין זײַן געבּורטס-שטאָדט, כּדי אַז די פּראַכט פֿון דער פֿײַערונג און די אונצעהליגע מופֿתים, וואָס מען וועט דאָרט בּעווײַזען, זאָלען ווירקען אויף זײַן פֿאַנטאַזיע און אויף זײַן האַרץ און אויסמעקען פֿון דאָרט יעדע שפּור פֿון זײַן יודישקײַט. די גאַנצע שטאָדט איז געווען געדעקט מיט זײַדענס, די גאַסען אויסגעשאָטען מיט בּלומען, אויף אַלע עקען פֿון די גאַסען האָט מען אויסגע-

שטעלט אַלטאַרען און טעאַטערן, כדי צו דערציילען דאָרט עפּענטליך די מעשהלעך און די מופתים, וואָס די קאַטוילישע קירכע דערציילט וועגען דעם קדוש ווינצענטי פערער.

דיעגאָ איז אַריינגעקומען קיין וואַלענסיאַ אונטער דער הנהגה פון גלח פריי באַלטאַזאַר. פאַר'ן טויער פון דער שטאָדט האָט ער דערזעהן אַ טעאַטער, וואָס מען האָט געשווינד אויסגעבויט לכבוד דער פייערונג, און האָט דערהערט אַ פּויקערײַ פון פויקען, אַ קלינגערײַ פון גלאָקען. דאָס טעאַטער האָט אָנגעהויבען געבען די פאָרשטעלונג. די בּיהנע האָט פאָרגעשטעלט אַ קירכע; אין אַן'אומגעהויער גרויסען קיך־טאָפּ, וואָס איז געשטאַנען אויף דער בּיהנע, איז געזעסען אַ קינד און מתפלל געווען. פּלוצלונג איז געקומען דער קוכער און דער'הרג'עט דאָס קינד.

— פאַרוואָס—האָט דיעגאָ געפרעגט בּיי זיין בּעגלייטער—האָט דער קוכער דער'הרג'עט דאָס אונשולדיגע קינד?

— שטיל!—האָט פריי באַלטאַזאַר געענטפערט.—דער קוכער איז אַן'אַפּיקורוס און די אַפּיקורסים פערהאַסען די פרומע מתפּללים.

אין טעאַטער געהט די פאָרשטעלונג ווייטער: דער קוכער וואַרפט־אַריין דאָס צעהאַקטע קינד אין אַ קעסעל, כדי אויסצוקאָכען עס. אָבער אָט קומט דער קדוש ווינצענטי פערער. ער האָט געזעהן דאָס פערברעכען. ער שטרעקט־אויס זיין האַנד איבער'ן קעסעל און ס'קומט־פאָר אַ נס: דאָס צעהאַקטע קינד ווערט ווידער לעבעדיג, פריש און געזונד און שטייגט־אַרויס פון טאָפּ. און דער קוכער בּעקומט חרטה, ווערט אַ גלח און הויבּט־אָן אַליין בּעווייזען מופתים.

דער המון צושויער קוועלט און קלייבּט נחת פון גרויס התפּעלות. די איינוואוינער פון וואַלענסיאַ זענען איבּערגליקליך, וואָס זיי האָבען אַזאַ געשיקטען קדוש.

אָבער אָט הויבּט־זיך־אָן אַ צווייטער אַקט: אַ קינד דאַרף בּרענגען זיין באָבען אַ טעלער ליגזען. די באָבע וואַרט אויף די ליגזען אונגעדולדיג. דאָס קינד איילט זיך, פאַלט אויפ'ן וועג, צעבּרעכט דעם טעלער און די ליגזען גיסען־זיך־אויס. אָרימע באָבע! וואָס וועט זי נעבעך עסען! אָרים קינד, וואָס פאַר אַ קלעפּ וועט עס בעקומען אין דערהיים! אָבער אָט קומט דער קדוש ווינצענטי. ער שטרעקט־אויס זיין האַנד איבּער'ן צעבּראָכענעם טעלער מיט די ליגזען: די שאַרבּענס פונ'ם טעלער קלעבּען־זיך־צוזאַמען, די ליגזען לויפען־זיך־צונויף אין טעלער אַריין, אפילו די זופּ גיסט־זיך־אַריין אין טעלער!

צווישען די צושויער בּרעכט־אויס אַ גוואַלטיגע שמחה; מען אַפּלאָדירט, מען טאַנצט, מען שרייט בּראַוואָ—דער צווייטער מופת איז אין אַלעמענס אויגען נאָך גרעסער פאַר'ן ערשטען: אַ קאַטאָוועס! די ליגזען האָבען אַליין מאַרשירט, ווי לעבעדיגע, אין טעלער אַריין! די קאָמעדיע מוז געשפּיעלט ווערען אויפסניי, דער עולם קוקט און קוועלט־אָן און די זאַך נעהמט נישט קיין סוף.

פריי באַלטאַזאַר פיהרט דיעגאָ'ן ווייטער: דער דאָמיניקאַנער גלח איילט

זיך, דען ער ברויך זיך צו פעראייניגען מיט דער פּראָצעסיע. אויך דער קדוש ווינצענטי איז געווען אַ דאָמיניקאַנער גלח און דעריבער איז די פּראָצעסיע פון די דאָמיניקאַנער גלחים די גלענצענדסטע. פאָרויס געהען 8 „גיגאַנטאָנעס" אָדער ריזען געפּוצט מיט פערשידענע אַנצוגען פון גאָלד-פּאַפּיער און בלומען. זיי שטעלען-פאָר פיער וועלט-טיילען (אויסטראַליען ווערט אין שפּאַניען נאָך עד-היום נישט גערעכענט פאַר אַ בעזונדערען וועלט-טייל), וועלכע זענען ספּעציעל געקומען פון אַלע עקען וועלט, כדי טיילצונעהמען אין דער פייערונג פון וואַלענסיאַ. נאָך זיי געהען געשטאַלטען מיט לאַנגע בערד, וועלכע דאַרפען פערקערפּערן די פאַרצייטיגע מורישע מלכים, וואָס האָבען געהאַט אַ ספק אין ווינצענטי'ס מופתים. זיי טראָגען דעריבער קרוינען אויף די קעפּ. די דאָזיגע מלכים האָבען אַפילו, לויט ווי די לעגענדע דערצעהלט, תשובה געטהון שפּעטער, אָבער פונדעסטוועגען זענען זיי פער'משפט געוואָרען צו ברענען זיך 1000 יאָהר אין גיהנום און יעדעס יאָהר מוזען זיי בעגלייטען די פּראָצעסיע. די אונגליקליכע! די גאַסען-יונגען פון וואַלענסיאַ האָבען ווייניג-וואָס דרך-ארץ פאַר זייער קעניגליכער מאַיעסטעט און רייסען און צופּען זיי פאַר די קליידער, ווען די פּראָצעסיע ענדיגט זיך.

אַלע דאָזיגע פאָרשטעלונגען און שוישפּיעלען האָבען געמאַכט אויף דיעגאָ'ן אַ קנאַפּען איינדרוק; ער האָט עס שוין געזעהן אין פאָריגען יאָהר און דער גוטער ראַפאַעלאָ האָט איהם אַלץ ערקלערט און געוויזען די אמת'ע בעדייטונג פון די אַלע אויסגעטראַכטע מעשה'לעך. דיעגאָ איז אָבער געווען גענוג קלוג צו פערבאָרגען אין זיך זיין אינערליכע איבערצייגונג און נישט לאָזען דעם גלח בעמערקען זיינע ספקות.

מיט-דער-צייט אָבער זענען די קינדערליכע זכרונות ביי דיעגאָ'ן פערבלאַסט געוואָרען. ווען ער איז אַלט געוואָרען 10 יאָהר, האָט מען איהם אַריינגעבראַכט אין קאָנוויקט—אַ שולע, וואו מען פלעגט ערציהען די קינדער צום גלח'ישען שטאַנד. דאָ האָט ער שוין מעהר נישט געשלאָפען אַליין און שוין נישט געקאָנט זאָגען די תפלות, וועלכע ראַפאַעלאָ האָט מיט איהם געלערנט. תחילת האָט ער געפּרובט איבער'חזר'ן זיי לאָטש אין געדאַנקען, אָבער באַלד האָט ער שוין דאָס אויך נישט געטהון. די טעגליכע איינדרוקען זענען געווען שטאַרקער, ווי די זכרונות פון די קינדער-יאָהרען. דיעגאָ האָט ביסלעכווייז ליעב בעקומען דעם גלח'ישען שטאַנד; ער האָט פלייסיג שטודירט און ווען ער איז אויסגעוואַקסען, איז ער צוגעשטאַנען צו די דאָמיניקאַנער. אַלס יונגער גלח איז ער אַריינגעטרעטען אין דיענסט צום ערצבישאָף פון באַרצעלאָנאַ און געוואָרען ביי איהם אַ געהיימער סעקרעטאַר.

אין שפּאַניען זענען דערווייל פאָרגעקומען גרויסע געשעהענישען. דער קעניג קאַרל II איז געשטאָרבען אָהן יורשים; דער אוראייניקעל פון קעניג פיליפּ IV, פערדינאַנד פון בייערן, וועלכער האָט געדאַרפט קיניגען אַנשטאָט איהם, איז נאָך

אַלס קינד, ווי שוין דערמאָהנט, געשטאָרבען. פון פיליפּ IV זענען געווען נאָך פיעל יורשים; די פרוי פון פראַנצויזישען קעניג לודוויג XIV, איז געווען זיין עלטסטע טאָכטער, אָבער ווען זי האָט חתונה געהאַט פאַר לודוויג׳ן, האָט זי זיך אָבגעזאָגט פון איהר רעכט אויפ׳ן שפּאַנישען טראָהן, כּדי די פּאָליטישע גלייכגעוויכט אין אייראָפּאַ זאָל נישט געשטערט ווערען דורך דער פעראייניגונג פון פראַנקרייך און שפּאַניען. די יורשים פון שפּאַנישען טראָהן זענען געווען אַלזאָ די עסטרייכישע האַבסבורגער, די יורשים פון פערדינאַנד I, וועלכער איז געווען ברודער פון קאַרל V און אַנ׳אייניקעל פון פערדינאַנד און איזאַבעלאַ, וועלכע מען האָט גערופען די קאַטוילישע, די יורשים פון די שפּאַנישע האַבסבורגער. אויסערדעם האָט אויך געהאַט אַ זכות אויפ׳ן שפּאַנישען טראָהן די פרוי פון קייזער לעאָפּאָלד, די יונגערע טאָכטער פון פיליפּ IV, וועלכע האָט זיך נישט אָבגעזאָגט פון איהר רעכט אויפ׳ן שפּאַנישען טראָהן.

נאָך קאַרל II-טענס טויט האָט דער פראַנצויזישער קעניג לודוויג XIV געפאָדערט די קרוין פון שפּאַניען פאַר זיין אייניקעל פיליפּ פון אַנזשו, וויַיל אַזוי-אַרום האָט מען דאָך שוין נישט געדאַרפט מורא האָבען, דאָס פראַנקרייך וועט פעראייניגט ווערען מיט שפּאַניען. קאַרל II האָט ביי זיין לעבען איינגעשטימט דערמיט און אין זיין צוואָה האָט ער בעשטימט פיליפּ פון אַנזשו אַלס זיין יורש אויפ׳ן טראָהן. אָבער דער דייטשער קייזער האָט געפאָדערט דעם שפּאַנישען טראָהן פאַר זיין יונגערען זוהן קאַרל, און ענגלאַנד, פּאָרטוגאַל און נידערלאַנד האָבען די דאָזיגע פאָדערונג געשטיצט, כּדי דאָס מעכטיגע פראַנקרייך און איהר רויבערישער קעניג לודוויג XIV זאָל נישט ווערען נאָך מעכטיגער דורכ׳ן שפּאַנישען טראָהן. פונ׳ם דאָזיגען סכסוך האָט זיך אָנגעהויבען די מלחמה וועגען דעם שפּאַנישען טראָהן, וועלכע האָט פערוויסטעט אייראָפּאַ 14 יאָהר לאַנג. פיליפּ פון אַנזשו איז אַרויפגעשטיגען אויפ׳ן שפּאַנישען טראָהן אונטער׳ן נאָמען פיליפּ V און געקרוינט געוואָרען אין מאַדריד. אָבער אויך קאַרל פון עסטרייך איז געקומען קיין שפּאַניען, וואו די איינוואוינער פון אַראַגאָן האָבען זיך ערקלערט פאַר איהם און אויסגערופען איהם פאַר אַ קעניג אונטער׳ן נאָמען קאַרל III. ביידע צדדים האָבען געפיהרט צווישען זיך מלחמה און דאָס גליק איז געווען טיילמאָל גינסטיג פאַר איין צד, טיילמאָל גינסטיג פאַר׳ן אַנדערען. און אָט אין דער צייט האָט ענגלאַנד אויסגעניצט די מלחמה פאַר זיך און פערכאַפּט דעם ים-דורכגאַנג גיבראַלטאַר, וועלכער שיידעט-אָב שפּאַניען פון אַפריקאַ און האָט אַ גרויסע בעדייטונג פאַר דער שיפערײַ אויפ׳ן מיטעללענדישען ים. ענגלאַנד האָט אין דער מלחמה זיך געשטעלט אויפ׳ן צד פון קאַרל III, און גיבראַלטאַר געפינט זיך אין איהר רשות נאָך עד-היום.

וואַלענסיאַ, מורסיאַ, אַראַגאָניען און קאַטאַלאָניען האָבען געהאַלטען פאַר קאַרל III, וויַיל ער האָט בעשטעטיגט זייערע רעכט; די איבריגע טיילען פון

שפאניען זענען געבליבען געטרײַ פיליפ V. דיעגא איז, אַלס בירגער פון וואַלענסיא, געשטאַנען אויפ'ן צד פון קאַרל III.

קאַרל III האָט געהאַלטען זײַן קעניגליכען הויף אין באַרצעלאָנאַ, די הויפּט-שטאָדט פון קאַטאַלאָניען, ווען דאָס גליק פון קריעג האָט זיך אָבגעווענדט פון איהם. אין יאָהר 1706 איז פיליפ V אַרויסגעטראָטען מיט אַ גוואַלטיגער אַרמעע געגען באַרצעלאָנאַ און זי בעלאַגערט. דער גאַרניזאָן פון שטאָדט איז געווען שוואַך, אָבער זעהר ענטשלאָסען. די אײַנוואוינער האָבען זיך געהאַלטען פעסט פאַר קאַרל III און ער האָט בעלעבט דעם מוט פון זײַנע לײַט דורך זײַן ריטערליכקײַט, מיט וועלכער ער איז אַרויסגעטראָטען געגען יעדער געפאַהר. דער שליסעל פון דער פעסטונג איז געווען דער מאָנזשואי, און פיליפ האָט געמײַנט, אַז ער וועט דעם דאָזיגען פאָרט קאָנען נעהמען בײַם ערשטען שטורם. אָבער די נישט פיעל ענגלענדער, וועלכע האָבען זיך דאָרט געהאַלטען, האָבען זיך העלדיש פערטײַדיגט און אונטערגעגעבען זיך ערשט נאָך אַ קאַמף פון צווײַ און צוואַנציג טעג. איצט איז שוין די שטאָדט געווען אין דער גרעסטער געפאַהר און ס'האָט אויסגעוויזען, אַז קײַן זאַך קאָן נישט אָבהאַלטען פיליפ'ס אַרמעע פון אײַננעהמען זי און נעהמען געפאַנגען קאַרל III. די נויט איז געווען גרויס; מען האָט אָבגעהאַלטען אַ קריעגס-ראַט. גראַף פעטערבאָראָ, דער ענגלישער פעלדהערר, און ציפּוענטעס, דער אויבערקאָמאַנדיר פון דער שפּאַנישער אַרמעע, וואָס איז געשטאַנען אויף קאַרל'ס צד, האָבען זיך נישט געקאָנט געבען קײַן עצה. אויך דער ערצבישאָף פון באַרצעלאָנאַ און זײַן געהײַם-סעקרעטאַר, דיעגא י. אַגילאַר, זענען געווען אויפ'ן קריעגס-ראַט.

— מיר מוזען זיך אונטערגעבען,— האָט געזאָגט ציפּוענטעס,— קײַן אַנדער מיטעל האָבען מיר נישט.

— לײַדער—האָט קאַרל געזאָגט—מיר מוזען עס טהון שוין לטובת די אײַנוואוינער פון באַרצעלאָנאַ, וועלכע איך וואָלט נישט געוואָלט מפקיר זײַן פאַר'ן שטורם און דער בערויבונג.

— צי ערלויבען אײַער מאַיעסטעט,—האָט דיעגא געזאָגט,—אַז אויך איך זאָל מײַן מײַנונג אַרויסזאָגען?

— רעדט!—האָט קאַרל געענטפערט פינסטער.

— מאַיעסטעט,—האָט דער יונגער גלח אָנגעהויבען,—לויט מײַן אונטערטעניגער מײַנונג, דאַרף מען זיך נישט פריהער אונטערגעבען, אײדער ס'איז נישט אַלץ ווירקליך פערלאָרען.

— ס'איז אַלץ פערלאָרען!—האָט געזאָגט פעטערבאָראָ.

— פערצײַהט, סעניאָר,— האָט דיעגא געענטפערט.— מען וואָלט געקאָנט אויפרײַצען דאָס פאָלק אויפ'ן לאַנד און דאַדורך אָבציהען פיליפ'ס אַרמעע פון דער בעלאַגערונג. די פײַנדליכע אַרמעע בעשטעהט נור פון פראַנצויזען און דער

נאַציאָנאַלער האַס צווישען די פראַנצויזען און שפּאַניער איז זעהר גרויס.

— וואָס איהר זאָגט, עהרוואירדיגער ברודער, — האָט געענטפערט ציפּוענטעס, — איז טאַקי זעהר ריכטיג; דער אויפשטאַנד פון לאַנד-פאָלק וואָלט געוויס בעשעפטיגט אַ לאַנגע צייט די פראַנצויזישע אַרמעע, אָבער דאָס איינגעהמען באַרצעלאָנאַ וועט דאַדורך נישט אָבגעלעגט ווערען.

— אָבער דאָס וועט אָבגעלעגט ווערען אויף אַ געוויסע צייט! — האָט דיעגאָ אויסגערופען לעבהאַפט.

— און וואָס וואָלט מען דערמיט געוואונען? — האָט קאַרל געפרעגט.

— צייט, מאַיעסטעט! — האָט דיעגאָ געענטפערט. — פיליכט וועט אונז דער אויבערשטער צושיקען הילף פון אַנ'אַנדער אָרט.

— כ'וואָלט וועלען וויסען, פון וואַנען דאָס קאָן קומען! — האָט געזאָגט גראַף פּעטערבאָראָ.

דער ערצבישאָף האָט ביז איצט געשוויגען.

— הויכוואירדיגער פאָטער, — האָט קאַרל זיך איצט געווענדעט צו איהם, — ענטשיידעט איהר; זאָגט אונז, וואָס זאָלען מיר טהון!

— פאָלגט די עצה פון מיין סעקרעטאַר, — האָט דער ערצבישאָף געזאָגט. — פריי דיעגאָ איז נאָך אַפילו יונג, אָבער קלוג איז ער. איך האָב אָפט געפאָלגט זיינע עצות און האָב קיין חרטה נישט געהאַט!

דעם ערצבישאָפ'ס צושטימונג האָט ענטשיעדען. דיעגאָ האָט זיך אויסגערופען אַרויסצוגעהן בשתיקה פון באַרצעלאָנאַ און אָנרעדען דאָס פאָלק אויפ'ן לאַנד צו מאַכען אַנ'אָנגריף געגען די פראַנצויזען. ביידע פעלד-הערן האָבען געוואָלט איהם בעגלייטען, כדי צו אָרגאַניזירען דעם המון און פיהרען איהם צום קאַמף.

ווייל קעניג פיליפּ האָט נישט געהאַט קיין פלאָט און נור אַ פראַנצויזישע עסקאַדרע האָט פערשפּאַרט די שטאָדט, איז מעגליך געווען צו פערלאָזען די שטאָדט מיט'ן שיף. און ווירקליך, אין אַ פינסטערער נאַכט האָט דיעגאָ מיט די צוויי הויפּט-לייט און פיעל בעגלייטער פערנומען מיט זיך פיעל געוועהר און מוניציע און זענען אַרויסגעפאָהרען אויף אַ שיף פון באַרצעלאָנאַ. ס'איז זיי געלונגען אָבצונאַרען די פראַנצויזען און אַזוי-אַרום זענען זיי ביי וואַלענסיאַ אַרויפגעשטיגען אויפ'ן ברעג, וואו זיי האָבען אָנגעהויבען איינאָרדנען צאָהלרייכע באַנדעס, כדי אָנצופאַלען אויף די פראַנצויזען. דיעגאָ האָט געהאַלטען פייערדיגע רעדעס פאַר די שפּאַניער און געוועקט אין זיי זייער נאַציאָנאַלען שטאָלץ געגען די פראַנצויזען. די לאַנד-לייט האָבען זיך בעוואָפענט טויזענדער-ווייז, כדי אַרויסצוטרעטען אין קאַמף געגען די פראַנצויזען, פאַר וועלכע זיי האָבען נישט דערלאָזען צופיהרען לעבענסמיטעל און פלעגען ביי זיי צונעהמען זייערע פיה-טראַנספּאָרטען. קעניג פיליפּ איז געווען געצוואונגען צו צעטיילען זיין אַרמעע, כדי צו קאָנען אַרויסטרעטען געגען די אָרטיגע פויערן-באַנדעס, וועלכע פלעגען תיכף אָבציהען צוריק,

ווי נור די פֿראַנצויזישע אַרמעע פֿלעגט צוקומען נאָהענט צו זיי. די בעלאַגערונג פֿון באַרצעלאָנאַ האָט צוליעב דעם געקאָנט געפֿיהרט ווערען נור זעהר לאַנגזאַם און פֿויל. פֿונדעסטוועגען האָט אָבער די שטאָדט זיך נישט געקאָנט לאַנג האַלטען. באַלד האָבען די בעלאַגערער געמאַכט אַ לאָך אין דער מויער אַרום שטאָדט און קעניג פֿיליפּ האָט שוין געמיינט, אַז זיין אַרמעע וועט זיך באַלד אַריינרייסען אין שטאָדט. יעדע שעה האָט מען ערוואַרטעט, אַז דער שטורם געגען דער שטאָדט וועט זיך אָנהויבען.

אָבער פּלוצלונג איז ערשינען אַ האָלענדישער פֿלאָט פֿאַר באַרצעלאָנאַ. קאַרל איז געראַטעוועט געוואָרען. די פֿראַנצויזישע עסקאַדרע האָט זיך צוריקגעצויגען אין טולאָנער האַפֿען. פֿיליפּ האָט געמוזט אַראָבנעהמען די בעלאַגערונג און אויך אָבזאָגען זיך פֿון דער האָפֿנונג צו נעהמען געפֿאַנגען זיין געגנער. ער איז אָבגעגאַנגען צוריק קיין מאַדריד; אָבער אויך דאָרט האָט ער נישט געקאָנט בלייבען, ווייל צוליעב דער ידיעה, אַז באַרצעלאָנאַ איז בעפֿרייט געוואָרען, זענען געקומען עטליכע פּאָרטוגאַלישע און ענגלישע אַרמעען, וועלכע זענען געשטאַנען ביז איצט אין פּאָרטוגאַל, און פֿיליפּ האָט זיך געמוזט צוריקציהען קיין בורגאָס.

ווען דיעגאָ י. אַגילאַר איז געקומען צוריק קיין באַרצעלאָנאַ, האָט קאַרל איהם איינגעלאַדען צו זיך.

— פֿריי דיעגאָ, — האָט ער געזאָגט צו איהם, — נור אייך אליין בין איך שולדיג מיט מיין רעטונג און מיט מיין גלענצענדען ערפֿאָלג, וועלכער וועט מיר, ווי איך האָף, פֿערזיכערן דעם שפּאַנישען טראָהן. ווען ס'וועט קומען די צייט און מיר וועלען דעם פֿראַנצויזישען פֿערלאָפֿער אַרויסטרייבען פֿון לאַנד, וועל איך אייך רייך בעלוינען. איהר קאָנט זיכער זיין אין מיין דאַנקבאַרקייט.

אָבער קאַרל'ס האָפֿנונגען האָבען קיינמאָל נישט געדאַרפֿט ערפֿילט ווערען. — מיר האָבען דאָ נישט די אויפֿגאַבע צו שרייבען די געשיכטע פֿון דער שפּאַנישער מלחמה וועגען דעם טראָהן. מיר דערצעהלען נור דאָס, וואָס איז פֿערבונדען מיט'ן שיקזאַל פֿון דער משפּחה י. אַגילאַר. דאָס איבריגע מוזען מיר דערצעהלען אין קורצען.

אַ לאַנגע צייט האָבען נאָך די קריעג-פֿיהרענדע פּאַרטייען געקעמפֿט איינע געגען די אַנדערע מיט פֿערשיעדענעם גליק אין שפּאַניען, איטאַליען, דייטשלאַנד, ניעדערלאַנד און אויף אַלע ימים. דער שטאָלצער לודוויג XIV, וועלכער איז ביז דאַמאָלס געוועזען שטענדיג זיעגער, איז דערניעדעריגט געוואָרען; זיינע אויספּראָבירטע פֿעלד-הערען זענען געפֿאַלען פֿאַר די פֿעלד-הערען פֿונ'ם געגנער, דעם פּרינץ אייזשען פֿון סאַוואָיען, דעם גראַף סטאַרהעמבערג און דעם הערצאָג פֿון מאַלבאָראָ. נישט קוקענדיג אויף דעם אַלעם, איז שפּאַניען פֿערלאָרען געוואָרען פֿאַר די האַבסבורגער, דען עס זענען געוועזען פֿיעל פֿערשיעדענע סבּות, וואָס האָבען געבראַכט דערצו, אַז קאַרל זאָל בעזייטיגט ווערען פֿון שפּאַנישען טראָהן. אין ענגלאַנד האָט געזיעגט די שלום-ליעבענדע פּאַרטיי פֿון די טאָרי'ס איבער די קריעגערישע וויגאָ'ס. דער נייער טאָרי-מיניסטער באָלינגבראָק, פֿון דער קעניגין אַננאַ פֿון ענגלאַנד, האָט אָנגעהויבען פֿיהרען שלום-אונטערהאַנדלונגען מיט פֿראַנקרייך. בעזונדערס וויכטיג איז אָבער דאָ געוועזען דער פּלוצלונגער טויט פֿון קייזער יאָזעף I, וועלכער איז אַרויפֿגעשטיגען אויפֿ'ן

טראָהן נאָכ'ן טויט פֿון זײַן פֿאָטער לעאָפּאָלד II; צוליעב דעם דאָזיגען טויט האָט קאַרל זיך געמוזט אומקעהרען צוריק אַהיים, קיין דײַטשלאַנד, וואו ער איז געוואָרען דײַטשער קייזער און בעל־הבית איבער דער גרויסער עסטרײַכישער מאָנאַרכיע. איצט האָבען שוין די אייראָפּעאישע מלוכות נישט געוואָלט לײַדען, אַז ער זאָל ווערען אויך קעניג פֿון שפּאַניען, ווײַל דאַדורך וואָלט שפּאַניען פֿעראייניגט ווערען מיט עסטרײַך, וועלכע וואָלט געוואָרען צו־שטאַרק און דאָס וואָלט געשטערט דער אייראָפּעאישער גלײַכגעוויכט. אַזוי־אַרום איז פֿיליפּ געבליבען קעניג פֿון שפּאַניען און האָט איבערגעגעבען דעם טראָהן בירושה אויך זײַנע קינדער און קינדס־קינדער, ביז אײַנע פֿון זײַנע אור־אייניקלעך, איזאַבעלאַ II, איז דערווײַטערט געוואָרען פֿון טראָהן און אַרויסגעטריבען פֿון שפּאַניען.

ווען קאַרל האָט פֿערלאָזען שפּאַניען, האָט ער געוואָלט נעהמען **דיעגאָ** י. אַגילאַר מיט־זיך, כדי צו געבען איהם אַ הויכע שטעלע אין וויען. **דיעגאָ האָט** אָבער נישט געוואָלט פֿערלאָזען זײַן פֿאָטערלאַנד שפּאַניען, וועלכע ער האָט, ווי אַלע שפּאַניער, הייס געליעבט. וועגען זײַנע עלטערן, זײַן שוועסטער און זײַן יודישער אָבשטאַמונג האָט ער שוין לאַנג איינגאַנצען פֿערגעסען.

לויט די שלום־אָבמאַכונגען אין אַלטרעכט אין יאָהר 1713 און פֿון ראַסטאַט אין יאָהר 1714, איז פֿיליפּ V בעשטעטיגט געוואָרען פֿאַר אַ קעניג פֿון שפּאַניען. דער צווייטער שלום האָט פֿערזיכערט אַמנעסטיע פֿאַר אַלע אָנהענגער פֿון קעניג קאַרל, וועלכער איז שוין איצט געווען קייזער אין דײַטשלאַנד מיט'ן נאָמען קאַרל VI.

נאָכדעם ווי קאַרל האָט פֿערלאָזען שפּאַניען, האָט דיעגאָ זיך ווידער איבערגעגעבען זײַן שטודיום אין טעאָלאָגיע. אַדאַנק זײַן גרויסער וויסענשאַפֿט און גרויסען טאַלענט צו פּרעדיגען, איז ער באַלד געוואָרען זעהר בעריהמט און כאָטש ער איז נאָך געווען גאָר יונג, איז ער בעשטימט געוואָרען פֿאַר אַ פּראָפֿעסאָר אין דער אוניווערזיטעט סאַלאַמאַנקאַ. נאָכדעם ווי ער האָט דאָרט אַ געוויסע צײַט געלעזען לעקציעס, איז ער אַרויסגעפֿאָדערט געוואָרען דורכ'ן ערצבישאָף דאָן פּעדראָ טענאַריאָ קיין טאָלעדאָ, **כדי צו זײַן דאָרט דירעק**־**טאָר** פֿונ'ם ערצבישאָפֿ'ס קאַנצעלאַריע.

טאָלעדאָ, אָדער ריכטיגער „תולדות”, ווי די יודען, וועלכע האָבען די שטאָדט פֿאַר־צײַטען געגרינדעט, האָבען איהר אַ נאָמען געגעבען, איז זעהר אַנ'אַלטע שטאָדט. די יודען האָבען געוואוינט אין טאָלעדאָ נאָך אַ לאַנגע צײַט פֿריהער, איידער די גאָטען זענען אַרײַנגעקומען אין שפּאַניען. ווי מען זאָגט, האָבען דאָרט געוואוינט יודען שוין אין צײַט פֿון ערשטען בית־המקדש. די שטאָדט איז אויסגעבויט שטאַרק, ווי אַ פֿעלזען, אויף אַ פֿעלזען, און ליגט 2500 פֿוס איבער'ן וואַסער און ים. דער טײַך טאַיאָ, וועלכער רײַסט זיך דאָרט אַדורך דורכ'ן באַרג, רינגעלט־אַרום די שטאָדט פֿון אַלע זײַטען, און דעריבער מוז מען אַרײַנקומען אין שטאָדט מיט אַ בריק. פֿון אַלע וואונדערבאַרע און מערקווירדיגע געבײַדעס פֿון דער שטאָדט טאָלעדאָ וועלען מיר דאָ דערמאָהנען נור די גרויסע שוהל על טראַנדיטאָ, וועלכע איז נאָך דעם יודישען גירוש איבערגעמאַכט געוואָרען אויף אַ קירכע. איינער פֿון די גרעסטע יודען פֿון מיטעלאַלטער **רבי שמואל הנגיד, דער בעגרינדער פֿון דער גאָלדע**־

נער צייט פון דער יודישער ליטעראטור אין שפאניען, האט די דאזיגע שוהל אויסגעבויט און נאך עד־היום געפינט מען דארט העברעאישע אויפשריפטען, אין וועלכע מען קאן לעזען זיין נאמען.

פריי דיעגא האט, קומענדיג קיין טאלעדא, קודם־כל בעזוכט די קירכע על טראנזיטא; אבער תיכף ווי ער איז אין איהר אריינגעקומען, האבען זיך אין איהם דערוועקט וואונדערליכע זכרונות. טיעף פערזונקען אין געדאנקען איז ער געשטאנען און בעטראכט די העברעאישע אויפשריפטען און דעם ארט, וואו ס'איז פריהער געשטאנען דער ארון הקודש. די אמאליגע זכרונות האבען זיך פלוצלונג א גאס־געטהון אויף איהם ווי א בעלעבענדער שטראם. ס'האבען פאר איהם אויפגעלעבט די בילדער פון דער פערגאנגענהייט און פלוצלונג האט ער זיך דערמאהנט, אז אויך ער האט אמאל אין א שוהל צום אויבערשטען מתפלל געווען און אז ער האט געהאט א פאטער און מוטער, וועלכע זענען בשתיקה געווען יודען, און אנ'אלטען לעהרער האט ער געהאט, וועלכער האט איהם בעקאנט געמאכט מיט דער יודישער תורה. א טיעפער וועהטאג האט ארומגענומען דעם יונגען גלח. וואס איז געווארען מיט זיין פאטער און מוטער? וואו זענען זיי אהינגעקומען? ווי־אזוי און פון וועמען האט ער געקאנט זיך דערוויסען עטוואס וועגען זיי?

אויף די דאזיגע שאלות האט דיעגא זיך נישט געקאנט געבען קיין ענטפער. טיעף פערזונקען אין געדאנקען האט ער פערלאזען דעם הייליגען ארט און זיך געלאזט געהן דורך די גאסען פון טאלעדא צום פאלאץ פון ערצבישאף.

מיר געפינען זיך אין מאדריד. אין אלע גאסען פון דער הויפט־שטאדט, אין פראדא, אין אלהאלא שטראמט ווי א כוואליע א מאסע מענשען, ליארמענדיג און לאכענדיג, געקליידעט זונטאג'דיג מיט א יום־טוב'דיגער מינע; אלע ציהען זיך צום פלאץ דע לאס טאראס, וואו ס'דארף פארקומען דער אקסען־קאמף. עס געהען קארעטעס, פול מיט געפוצטע פרויען און מאנסביל, מיט גלחים פון אלע ארדענס און פארבען; איבעראל זעהט מען נור גליקליכע פנים'ער, וואס ווייסען נישט פון קיין זארג; די אויגען שטראהלען ביי אלעמען מיט אנגעצונדענע תאוה, די ליפען לאכען, די הערצער טאנצען פאר שמחה, דען דער ליכטיגער חודש מאי איז עס און מען ערווארטעט דעם פרעהליכען אקסען־קאמף. קיין רייצענדערע זאך, ווי דאס איז, קענען נישט די שפאניער. די געשעפטען אלע האבען זיך געשלאסען; די ריכטער און די אדוואקאטען, דער קעניג און די מיניסטארען, די גראנדען מיט זייערע מאטראנעס, די גלחים פון אלערליי מינים, די מיליאנערען און די בעטלער, די היימישע און פרעמדע—אלע געהען צום אקסען־קאמף. ווער עס קאן נישט אריינקומען אין צירק, וואו דער קאמף וועט פארקומען, וועט זיך ארומדרעהען ארום איהם און הערען לפחות די פרייד־געשרייען פון פאלק, די אפלאדיסמענטען אדער די כעס־קלאפעריי מיט די פיס פון א פובליקום פון 40 טויזענד מאן, דעם קלאנג פון די צימבלען און דאס שמעטערן פון די טרומייטערס; קאן עמיצער נישט זעהן אליין דעם לעבעדיגען אקס מיט זיינע פערגילדעטע הערנער, ווי ער שטויסט דעם טארעאדאר, וועט ער איהם לפחות זעהן א טויטען, א צעבלוטיגטען, א צעריסענעם אויף שטיקער.

וואָס פאַר אַ וואונדערליך טעאַטער! 15 טויזענד צושויער האָבען אַ בעקוועם אָרט אויף די אונטערשטע טרעפּ פון אַמפיטעאַטער, 5 טויזענד געפינען זיך אויף דער אויבערשטער טעראַסע און די באַלקאָנעס. בעטראַכטען מיר נור אַ ביסעל די צושויער, מעגליך, אַז מיר וועלען געפינען צווישען זיי מענשען, וועלכע האָבען פאַר אונז אַ בעזונדערען אינטערעס. דעם בעסטען אָרט פערנעהמט, נאַטירליך, קעניג פיליפּ V און זיין פרוי די קעניגין, אַ פּרינצע-סין פון סאַוואָיען, ווי-אויך איהר פריינדין, די פירשטין פון אורסיני און די איבריגע מיט-גליעדער פון הויף. די שפּאַניער האָבען אַפילו געוואָלט איינאָרדנען לכבוד זיין בעשטייגען דעם טראָהן אַנ'אויטאָ-דאַ-פע; דער קעניג האָט זיך אָבער אָבגעזאָגט פון אַזאַ כבוד און לאַטש זיין יועץ טאָרוואַ האָט איהם ערקלערט: „מען מוז זיך צופּאַסען צום כאַראַקטער פון פאָלק"—האָט דער קעניג זיך פאָרט אָבגעזאָגט דערפון, געפינענדיג, אַז פאַר אַ פראַנצויזישען פּרינץ פּאַסט נישט צו קוקען און פרעהען-זיך, ווי מען פערברענט מענשען לעבעדיגערהייד.

דאַגעגען האָט אָבער דער קעניג ליעב געהאַט צו קומען אויף די אָקסען-קאַמפּען, ווייל אין פערגלייך מיט אַנ'אויטאָ-דאַ-פע איז דאָך דאָס שוין געווען אַנ'אונשולדיג שפּיעל.

דאָך נישט דער קעניגליכער הויף אינטערעסירט אונז היינט; אַנ'אַנדער גרופּע ציהט אונזער אויפמערקזאַמקייט אויף זיך: אַ יונגערמאַן מיט צוויי יונגע דאַמען האָבען פערנומען דעם ערשטען פּלאַץ פון דער „גראַדאַ קוביערטאַ", אָדער דער בעדעקטער גאַלעריע. איינע פון די ביידע יונגע דאַמען איז געווען אַ זעלטענע שענהייט.

אָבער וואָס איז עפּיס אַזוי מבולבל געוואָרען יענער דאָמיניקאַנער גלח, וועלכער לאָזט נישט אַראָב קיין אויג פון דער סעניאָריטע? אָה, דאָס איז דאָך אונזער אַלטער בעקאַנטער, פּריי באַלטאַזאַר.

— ביים הייליגען דאָמיניקוס! — רופט ער אויס מיט אַ שבועה.—ווען עס וואָלט פון יענער צייט נישט אַריבער קיין 19 יאָהר, וואָלט איך געגלויבט, אַז איך זעה דאָנאַ אַנונ-ציאַטאַ י. אַגילאַר! אָדער איז עס אפשר איהר טאָכטער אינעץ, וועלכע איז דאַמאָלס נאָך געווען אַ זויגעדיג קינד? יאָ, די צייט שטימט. די סעניאָריטע שיינט צו זיין אַ יאָהר 19. נו, מען דאַרף דערגעהן די זאַך גענוי!

אָה, איהר אָרימינקע, פרעהליכע יונגע-לייט; איהר שפּירט נישט ווי דער שלאַנגען-בליק פון גלח רוהט אויף אייך; ווען איהר וואָלט געוואוסט, וואָס דאָס בעדייט, וואָלט אייער פרעהליכקייט פערוואַנדעלט געוואָרען אין שרעק און ציטערניש.

ווי דעם לעזער איז בעוואוסט, האָט דאָנאַ אַנונציאַטאַ, וועלכע האָט אָנגענומען דעם נאָמען דאָנאַ גראַציאַ דע לימאַ, געוואוינט מיט איהר טאָכטער אינעץ ביי איהר פאָטערס שוועסטער, דאָנאַ קאַטאַרינאַ דע מאָנטאַלטאַ. מיט אַ פּאָר יאָהר נאָך אַנונציאַטאַ'ס אויפנאַהמע האָט דאָנאַ קאַטאַרינאַ אַריינגענומען צו זיך אין שטוב די טאָכטער פון איהר פערשטאָרבע-נעם זוהן, פראַנצעסקאַ, אַ קינד אין איינע יאָהרען מיט אינעץ י. אַגילאַר. פראַנצעסקאַ איז געווען אַ קיילעכדיגע יתומה אָהן פאָטער און מוטער. באַלד נאָכ'ן אַריינקומען צו איהר באָבען אין שטוב האָט זי אויך זי פערלאָרען, ווייל קאַטאַרינאַ איז קורץ נאָך דעם גע-שטאָרבען. צום גליק אָבער האָט די יתומה'לע געפונען אַ געטרייע מוטער אין דאָנאַ גראַציאַ

דע לימאַ, ס'הייסט, אין אַנונציאַטאַ י. אַגילאַר, און אין איהר טאָכטער אינעץ — אַ געטריישע שוועסטער. דאָנאַ גראַציאַ האָט געזאָרגט פאַר דער יתומה ווי פאַר אַנ'אייגען קינד און האָט זי ערצויגען זעהר געטריי. אָה, די גוטע דאָנאַ גראַציאַ איז אָבער געווען תמיד טרויעריג; זי האָט געטרויערט נאָך איהר מאַן, וואָס זי האָט געגלויבט, אַז מען האָט איהם פערברענט, און נאָך איהר זוהן, וואָס זי האָט מעהר קיינמאָל נישט געזעהן און אפילו נישט געהערט פון איהם. שטיל און איינזאַם האָט זי געלעבט אין פאָרשטאָדט לאָס אינפאַנטאָס און זיך אָבגעגעבען אינגאַנצען מיט דער ערציהונג פון איהרע קינדער. ביי זיך אין שטוב האָט זי קיינמאָל נישט אויפגענומען קיין געזעלשאַפט און די קינדער האָט זי שטענדיג געהאַלטען אונטער די אויגען. איצט אָבער האָבען זיי שוין בעקומען פליגעלעך און האָבען אָנגעהויבען פליהען אין דער וועלט אַרויס. ס'ווילט זיך זעהן דעם אָקסען-קאַמף! אויך די מוטער האָבען זיי געוואָלט איבעררעדען, אַז זי זאָל מיט זיי געהן, אָבער זי האָט ערקלערט, אַז פאַר איהר איז שוין מעהר נישטאָ קיין פרייד אויף דער ערד, זינט זי האָט איהר מאַן און איהר זוהן פערלאָרען. די קינדער אָבער האָט זי דאָס פערגעניגען פערגונען און אָנגעטרויט זיי דעם יונגען אַדעל-מאַן, יאָזע דע ריאַץ מאָנטאַלטאָ, אַ קרוב פון דעם מאַן פון איהר פערשטאָרבענער מוהמע דאָנאַ קאַטאַרינאַ.

—לאָס טאָראָס! לאָס טאָראָס!—שרייט אונגעדולדיג דער המון, מען קלאַפּט מיט די שטעקענס אויף דער פּאָדלאָגע, מען טופּעט מיט די פיס, צעהן אַ זייגער איז שוין פאַריבער און דער קאַמף האָט זיך נאָך נישט אָנגעהויבען. ענדליך וואַרפט אַרונטער דער קעניג פון באַלקאָן דעם שליסעל און 13—14 אָקסען ווערען אַרויסגעלאָזען צום קאַמף. די אָקסען זענען בעפּוצט מיט גרינע, רויטע און שוואַרצע דעווידען. איין אָקס בלייבט אויף דער אַרענע, די איבריגע ווערען אַריינגעפיהרט צוריק אין די אייגענע קלאַטקעס. און אָט הויבט זיך-אָן דער קאַמף לויט די געזעצען פון דער קונסט. ראשית קומען-אַרויס די קעמפער רייטענדיג; אייניגע פערד ווערען געשטאָכען דורכ'ן אָקס מיט זיינע שפיציגע מעכטיגע הערנער און די שפּיעזען-וואַרפער פאַלען אונטער דער משא פון זייער דער'הרג'עטען פערד. וועגען דעם געפאַלענעם פערד קימערט זיך קיינער נישט; קיינער גיט אויך נישט אַכטונג אויף די געפאַלענע קעמפער; דעם קאַמף האָט שוין אונטערגענומען אַ טאָרעאָ צופוס, דערוויל האָט דער רייט-קעמפער צייט אויפצושטעהן פון אונטער'ן פערד.

נאָכדעם ווי דער אָקס האָט זיך אַ לאַנגע צייט פערטיידיגט געגען אַלע קעמפער, ערשיינט דער מאַטאַדאָר, ס'הייסט יענער קעמפער, וועלכער איז בעשטימט דעם אָקס צו דער'הרג'ענען. דער מאַטאַדאָר רייצט-אויף דעם אָקס אַזוי לאַנג, ביז יענער ווערט שרעקליך ווילד; אָבער אָט פערטרייבט איהם דער אָקס האַרט צום צוים פון דער אַרענע. דער מאַטאַדאָר שטעהט אין געפאַהר מיט'ן לעבען און אויב ער זאָל נישט איבערשפּרינגען דעם צוים, איז ער פערפאַלען, ער איז אָבער צו-שטאָלץ צו מאַכען אַזא שריט. אינ'ם אויגענבליק, ווען דער אָקס לאָזט-אַראָב זיינע הערנער צו דער ערד, כדי איהם צו שטעכען, גיט דער העלדישער קעמפער אַ שפּרונג אויפ'ן שטערן פונ'ם אָקס, צווישען זיינע ביידע הערנער, און פון דאָרט מאַכט ער אַ צווייטען שפּרונג איבער'ן קאָפּ פונ'ם אָקס מיט אַנ-

גְרויבְּלִיבֶּער פְלִינקַייט. אִין צִירק ווערט עס אַ פּאַטשעריי „בּראַווא!"; מען בּעלוינט דעם מאַטאַדאָר מִיט אַפּלאָדִיסמענטען. צום אונגליק אָבּער אִיז דער קענִיג צערשטרייט און ער האָט גאָרנִישט געזעהן, וואָס דאָ אִיז פאָרגעקומען. ער פרעגט, וואָס אִיז דער טומעל, מען ערקלערט אִיהם, וואָס דאָ אִיז פאָרגעקומען, און ער רופט-אויס:

— דִיאַ קאַפּאַ! זאָל ער עס מאַכען נאָכאַמאָל!

דער קענִיג האָט, משמעות, געמיינט דערמִיט צו עהרען דעם מאַטאַדאָר: ווִי גע-וועהנלִיך. אִיז פאַר'ן שוישפִּיעלער דער גרעסטער כבוד, ווען דער קענִיג פערלאַנגט, אַז ער זאָל נאָכאַמאָל אִיבּער'חזר'ן זיין אַרויסטרִיט.

דאָ אִיז אָבּער דער פאַל געווען צו-ערנסט. אִין אַ מאָמענט פון לעבּענס-געפאַהר האָט דער מאַטאַדאָר זִיך דערוועגט אויף אַ שרִיט, וועלכען ער וואָלט בּיי אַ רוהִיגער בּעקלערונג קיינמאָל זִיך נִישט דערוועגט צו טהון. אויפ'ן קענִיגס פערלאַנג האָט אָבּער דער מאַטאַדאָר זִיך גענומען אִיבּער'חזר'ן זיין קונץ-שטִיק און אָט האָט דער אָקס פלוצלונג אַ זעץ געטהון מִיט'ן קאָפּ און אַריינגעבּויערט זִיך אִין בּויך פון אונגלִיקלִיכען קעמפער, אויפרייסענדִיג בּיי אִיהם דִי קִישקעס. נאָך אַזאַ טהאַט האָט דער אָקס מִיט זיינע פערבּלוטִיגטע הערנער זִיך געלאָזט אַדורכשפּאַצִירען אִיבּער דער אַרענע אִין דער בּעוואוסטזִינִיגקייט פון זיין גרויסען נצחון, אַ שטיינער ווִי ער וואָלט וועלען ווייזען דִי צושויער זיינע טראָפעען.

— אָה, רבּונו של עולם, ווִי גרויזאַם שרעקלִיך! — האָט אִינעץ געזאָגט צו אִיהר בּעגלייטער. — לאָ'מִיר געהן אַהיים! ווִי געדעכט אִיז געווען דִי מאַמע, ווען זִי האָט געזאָגט, אַז ס'וואָלט בּעסער געווען, ווען מִיר זאָלען זִיך האַלטען פון דערווייטען פון אַזאַ שווידער-האַפט שפִּיעל!

— יאָ! מען דאַרף געהן אַהיים. — האָט אויך פראַנצעסקאַ איינגעשטִימט.

דאָן יאָזע דע מאָנטאַלטאַ האָט זִיך צוגעגרייט צו פערלאָזען מִיט זיינע בּעגלייטערִינס דעם צִירק, אָבּער דאָ האָט אַ דאָמִינִיקאַנער גלח — דאָס אִיז געווען פריי בּאַלטאַזאַר — אַ זאָג געטהון צו זיי:

— סטייטש, אִיהר ווִילט שוין אַוועקגעהן, סעניאָרִיטעס? צִי דען דערפאַר, וואָס דער אונגעשִיקטער אָקסען-קעמפער האָט געמוזט פאַר זיין אונגעשִיקטקייט בּעצאָהלען מִיט'ן לעבּען, דאַרפט אִיהר זִיך אָבּזאָגען פון גרויסען פערגענִיגען צו זיין אִין צִירק? ווער האָט אִיהם געהייסען זיין אַזוי אונגעשִיקט! אַזאַ אונגעשִיקטקייט פּאַסט פאַר איינעם, וואָס אִין זיינע אָדערן רִינט יודִיש און מוירִיש בּלוט.

מִיט גרויס שרעק האָבּען דִי דאַמען מִיט'ן יונגענמאַן געהערט דִי דאָזִיגע ווערטער פונ'ם גלח. זיי האָבּען תיכף זִיך געזעצט צורִיק אויף זייער אָרט, נִישט ענטפערנדִיג אִיהם קיין וואָרט.

— דאָס זענען אַנוסים. — האָט דער גלח געמורמעלט פאַר-זִיך. — אִיך בִּין אויף דער רעכטער שפור. ווִי זיי זענען דערשראָקען געוואָרען, ווִי בּלאַס זיי זענען געוואָרען! און דִי דאָזִיגע וואונדערבּאַרע עהנלִיכקייט צווִישען דער יונגער דאַמע מִיט פרוי אַנונציאַטאַ אַגִילאַר!

דער אָקסען-קאַמף הויבט-זיך-אָן ווידער אויפסנײַ. דער אָקס ווערט געריצט כמעט ביזם טויט. מען וואַרפט געגען איהם פײַער-באַנדערילאָס: דאָס זענען אַזעלכע שטעקלעך מיט געקרימטע אײַזערנע שפּיצען, אויף וועלכע ס'איז בעפעסטיגט צינד-שוואָם, וואָס ברענט ווי אַ ראַקעט. באַלד הענגען שוין די באַנדערילאָס בײַם אָקס אויפ'ן האַלז, אויפ'ן אַקען און אויפ'ן רוקען. די ראַקעטען פּלאַצען, דער געפּײַניגטער אָקס ווערט בעשאָטען אָהן רחמנות מיט אַ גרויזאַמען פײַער, וואָס ווערט נישט פערלאָשען; דאָס פײַער בעשיט זײַנע פיעל וואונדען, וואָס עס האָבען געמאַכט אין איהם די שפּיזען און פײַלען, וועלכע מען האָט אין איהם אַרײַנגעשאָסען. דער אָקס ווערט שיער נישט משוגע פאַר יסורים. פערצווייפעלט שפּרינגט ער אַהין און אַהער, וואַרפט-זיך צו דער ערד און שפּרינגט ווידער אויף. אָבער אָט טרעט-אַרויס אויפ'ס-נײַ אַ מאַטאַדאָר. אָנ'ם דער'הרגעט'ען מאַטאַדאָר האָט מען שוין פערגעסען. דער מאַטאַדאָר טרעט-אַרויס געגען דעם אָקס, ציהט-אַרויס זײַן שווערד און שטעכט איהם אַרײַן צווישען די בײַדע אַקסלען טיעף ביז צום האַרצען. דער מעכטיגער אָקס פאַלט, אָהן אַ שטים אַרויסצולאָזען, צו די פיס פון זײַן געגנער. די שמחה פונ'ם המון און בלומען אָהן אַ צאָהל בעשענקען דעם העלדישען אָקסען-קעמפער פאַר זײַן טהאַט.

איידער עס קומען די מוילטהירען אַוועקצושלעפּען דעם דער'הרג'עטען אָקס, מוז דער קאַלעטעראָ איהם נאָך געבען דעם לעצטען קלאַפּ. מען הענגט-אויף דעם בעזיעגטען אָקס אויף אַ מין תליה, וואו מען צעהאַקט איהם אויף שטיקער. דאָס פלייש ווערט תיכף פערקויפט דעם אַלגעמײַנעם פאָלק.

דאָס איז דער סוף פון דער דראַמע. די דאָזיגע דראַמע חזר'ט-זיך-איבער יעדען מאָנטאָג אין די זומער-מאָנאַטען 13—14 מאָל: דאָס שפּאַנישע פאָלק ברויכט צו האָבען 14 דער'הרג'עטע אָקסען, כדי אָנצוועסען זיך זאַט!

דאָס שוידערהאַפטע שוישפּיעל האָט זיך ענדליך געענדיגט! איניעז און פראַנציסקאַ, וועלכע זענען צום ערשטען מאָל אין זייער לעבען געווען אויף אַזאַ שוידערהאַפט שוישפּיעל, זענען ענדליך העכסט צופריעדען, וואָס זיי קאָנען שוין אַוועקגעהן, נישט דערוועקענדיג קיין חשד. דער גרויסער המון לאָזט-זיך געהן צוריק, ווי אַ גרויסער שטראָם, דורך אַלע גאַסען פון מאַדריד. אויפ'ן גאַנצען וועג, פון פּיאַצאַ-דע-לאָס טאָראָס ביז פּוערטאַ דעל סאָל — אַ מהלך פון אַ שעה גאַנג, — זענען די גאַסען שוואַרץ פון מאַסען פרויען, מאַנסביל און קינדער, געדרונגענע קאַרעטען, אָקסען-קעמפער (פּיקאַדאָרעס) אין זייערע וואונדערליכע קאָסטיומען, — אַ גאַנץ אונגעהויערער קאַלײַדעסקאָפּ אונטער די צויבער-שטראַהלען פון דער מאַדרידער זומער-זון!

אין דער גרויסער ענגשאַפט האָט פריי באַלטאַזאַר פונדעסטוועגען נישט פערלאָרען די צוויי דאַמען מיט זייערע בעגלייטער און נאָכגעשפּירט זיי פון איין גאַס אין דער אַנדערער ביז אין פאָרשטאָדט לאַס אינפאַנטאַס. דאָרט האָט ער זיך גענוי בעמערקט דאָס הויז, וואוהין זיי זענען אַרײַנגעקומען.

דאָנאַ אַנונציאַטאַ האָט ערוואַרטעט די קינדער מיט אַ פערציטערט'ן האַרץ.

— געלויבט איז דער אויבערשטער, געקומען אַמאָל! — האָט זי אויסגערופען. — אַז ווי איך האָב זיך געשראָקען!

— טייערע מוטער, — האָט איינע געענטפערט, — פון אונזער זייט איז געווען אַ גרויסע נאַרישקייט צו געהן אויף אַזאַ מין פערגעניגען און פערשאַפען דיר שרעק אין האַרצוועהטאָג. וואָס איז עס געווען פאַר אַ פערגעניגען! אַדאַנק דעם אויבערשטען, וואָס מיר זענען פון אַנאַנדער פאָלק, ווי די שפּאַניער, וועלכע קאָנען נחת האָבען צו זעהן, ווי מענשען און חיות פּייניגען זיך אין גרוזאַמע יסורים פאַר'ן טויט!

— יאָ, — האָט געזאָגט דאָן יאָזע, — געדענקט אין געווען דער דאָמיניקאַנער, וועלכער האָט געזאָגט, אַז אין אונזערע אָדערן פליסט נישט קיין גאָטהיש בלוט.

— אַי, — האָט ערשטוינט אויסגערופען דאָנאַ אַנונציאַטאַ, — אַ דאָמיניקאַנער גלח האָט דאָס געזאָגט?

— יאָ, ליעבע מוהמע, — האָט דאָן יאָזע געזאָגט, ווי מיט אַ פאָרוואורף, — איהר דערשרעקט זיך פאַר יעדער קלייניגקייט. צי איז עס דען נישט קיין מנהג אין שפּאַניען צו דערמאָהנען ביי יעדער געלעגענהייט, אַז דער אָדער יענער שטאַמט פון מויערן אָדער פון יודען, און צי איז עס דען אין דער ווירקליכקייט נישט אַזוי? צי האָט זיך דען טאַקע נישט צעמישט דאָס בלוט פון די מויערן און יודען מיט'ן בלוט פון די גאָטהען אין אַלע לענדער, וועלכע געהערען שפּאַניען? אַן'אויסנאַהם זענען נור די אַסטוריער, וועלכע קומען קיין מאָריד זיך פערדינגען פאַר לאַקייען.

— לאָ'מיר בעסער אויפהערען צו רעדען וועגען דעם — האָט איינע אויסגערופען — און בעסער אַ טראַכט טהון וועגען מיטאָג. איך האָב, ליעבע מוטער, געבראַכט אַ גרויסען הונגער! קוזין יאָזע, דו וועסט דאָך היינט זיין אונזער גאַסט צו מיטאָג?

די קליינע געזעלשאַפט איז אַריינגעקומען אין עס-צימער, וואו דער טיש איז שוין געווען געדעקט צום עסען. די יונגע-לייט זענען געווען לוסטיג און פרעהליך, אָבער ביי דאָנאַ אַנונציאַטאַ איז דער שטערן געווען טריב פערוואָלקענט. מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז דאָס האַרץ זאָגט איהר פאָרויס עפּיס נישט גוטס און זי שפּירט, אַז פרייַ באַלטאַזאַר שפּאַנירט שוין אַרום איהר הויז, כּדי צו מסר'ן איהר טאָכטער אין אינקוויזיציאָנס-געריכט...

5.

טאָלעדאָ, די אַלטע עהרווירדיגע שטאָדט טאָלעדאָ, וועלכע איז אַמאָל געווען די ערשטע שטאָדט פון שפּאַניען און אין דער צייט, ווען אונזער ערצעהלונג קומט-פאָר, איז שוין געווען אַזוי געפאַלען, אַז פון די פריהערדיגע 200 טויזענד איינוואוינער זענען געבליבען קוים 15 טויזענד, — טאָלעדאָ האָט געפייערט היינט איהר פייער-טאָג. אין טאָלעדאָ אין אַלץ צעפאַלען, חרוב, צעבראָכען; נישטאָ קיין מסחר, נישטאָ קיין רעגולערע פערבינדונג אויף די וועגען, נישטאָ קיין געלד, נישטאָ קיין קרעדיט. אָבער די איינוואוינער פון טאָלעדאָ טרויערן נישט אויף זייער פאַרצייטיגער גרויסקייט, זיי לעבען אין אַ וועלט פון פאַנטאַזיעס. היינט אָבער איז אין טאָלעדאָ לוסטיג-לעבעדיג: דער קעניגליכער הויף האָט בעעהרט די

שטאָדט מיט זיין וויזיט. קעניג פיליפ V האָט נאָכ'ן ענדיגען די מלחמה בעשלאָסען איינצונעהמען פאַר זיך די הערצער פון שפּאַנישען פאָלק.

דער קעניג און די קעניגין מיט איהר פריינדין פירשטין אורסיני און די איבריגע הערן און דאַמען פון הויף זענען אַריינגעפאָהרען אין שטאָדט אונטער די הילכיגע פריידגעשרייען פון דער בעפעלקערונג. אויפ'ן אַלקאַזאַר איז דער הויף אויפגענומען געוואָרען דורכ'ן ערץ-בישאָף, די הויכע גלחים און דעם גענעראַל-קאַפּיטאַן מיט די איבריגע בעאַמטע; דאָרט האָט אויך זיין מאַיעסטעט גענעסען מיטאָג. נאָכ'ן מאָהלצייט האָט דער קעניג געוואָלט פאָהרען בעטראַכטען טאָלעדאָ. דער דאָמיניקאַנער גלח פריי דיעגאָ י. אַגילאַר איז בעהרט געוואָרען מיט דער התמנות צו ווייזען זייערע מאַיעסטעטען און דער סוויטע אַלע אַלטערטימער און מערקווירדיגע געביידעס פון טאָלעדאָ און ערקלערען זייער בעדייטונג.

פריי דיעגאָ האָט ערפילט זיין אויפגאַבע עהרליך. ער האָט געפיהרט די מאַיעסטעטען אין דער קאַטעדראַלע, אין אַקראָפּאָליס, אין די שענסטע פון די 84 קירכען פון שטאָדט, אין די קלויסטערס און קאַפּעלעס מיט זייערע אונצעהליגע מופתים-ערטער, וועגען וועלכע פריי דיעגאָ האָט געוואוסט אַזוי שען צו דערצעהלען; ער האָט זיי געפיהרט צו די מערקווירדיגע חורבות פון קאַזע דע לאַריען, וועלכע איז אַמאָל געוועזען אַ בעצויבערטער שלאָס, לויט זיין וואונדערליכער שענהייט. דאָס דאָזיגע שלאָס האָט, לויט ווי מען דערצעהלט, אויפגעבויט דער לעגענדאַרישער מוירישער קעניג גאַלאַפר פאַר זיין טאָכטער גאַליאַנאַ, „די שענע בלום אָהן פלעקען“.

נאָכ'ן בעטראַכטען דעם דאָזיגען מאָנומענט פון דער פאַרצייטיגער אַרכיטעקטור, האָט דער קעניגינס פריינדין, די פירשטין אורסיני, וועלכע איז געוועזען די טאָן-געבערין אין קעניגליכען הויף און האָט בעהערשט דעם קעניג און דורך איהם גאַנץ שפּאַניען, — אַ פראַגע געטהון ביי פריי דיעגאָ:

— סעניאָר! צי איז עס דען מעגליך, אַז די דאָזיגע וואונדערליכע חורבות זענען נישט פערבונדען מיט אַ וועלכען-ס'איז מופת אָדער נס? מיר האָבען זיך שוין אָנגעהערט היינט גענוג געשיכטעס פון קדושים און מופתים. איהר זענט דאָך אַזאַ מייסטער צו דערצעהלען! דערצעהלט-זשע אונז עטוואָס וועגען דער „בלום אָהן פלעקען“, דער פרינצעסין פונ'ם קעניג גאַלאַפר.

— ווען מיין קעניג ערלויבט...—האָט דער דאָמיניקאַנער גלח געענטפערט.

— רעדט, פאַטער'ל,—האָט דאַן פיליפ געשווינד אַ זאָג געטהון,—און ערפילט דעם ווונש פון דער פירשטין.

— ווי איך האָב שוין געהאַט די עהרע צו דערמאָהנען — זאָגט דיעגאָ י. אַגילאַר אָנגעהויבען—זענען די דאָזיגע חורבות אין דער צייט פון דער מוירען-הערשאַפט געוועזען אַ וואונדער-הערליך שלאָס, וואָס דער קעניג גאַלאַפר האָט אויסגעבויט פאַר זיין טאָכטער. אינ'ם דאָזיגען פּאַלאַץ האָט דער קעניג געהאַלטען איינגעשלאָסען די „בלום אָהן פלעקען“, כדי קיין געמיינער אָטעם זאָל זיך נישט מתקרב זיין צו איהר, קיין שטראַהל פון דער וועלטליכער תאוה זאָל נישט בעאונרוהיגען איהר ריין, קינדיש געמיט. דען קעניג גאַלאַפר

האָט זיך געגעבען אַנדר קײנמאָל נישט אויסצוגעבען זײַן טאָכטער. ער האָט דערינבער אָנ-געהויבן אַלערלײַ מיטלען אַרומצורינגלען די שענע פּרינצעסין מיט אַן אמת'ן גן-עדן, כּדי עס זאָל איהר נישט זײַן לאַנגווײַליג און קײן בײזע געדאַנקען זאָלען איהר רוהיג לעבען נישט שטערען. הערליכע גאָרטענס מיט טויזענדער פאָנטאַנען, אין וועלכע ס'האָבען זיך אָבגעשפּיגעלט די פאַרבען פון רעגענבויגען, האָבען אַרומגערינגעלט דעם פּאַלאַץ; דאָ און דאָרט זענען געוואַקסען זעלטענע בלומען פון די מזרח- און מערב-לענדער און צווישען די בלומען האָבען זיך געגאָסען ווײַסער-פאַלען פון קלאָרען קריסטאַל-וואַסער; צווישען די בוימער האָבען זיך געצווינגען גרויסע לאַנקעס, וועלכע זענען געווען אײַנגעהילט אין אַ ליבלּיכען שאָ-טען, ווײַט אין דער הויך האָבען געקנאַקט און געצוויטשערט די שענסטע פויגלען און אויס-געשפּיגעלט זײַער טרעלען די וואונדערליכסטע סאָלאָווײַען, און אין-דער-נידער האָבען גע-שפּילט הירשען מיט זײַערע געפליגעלטע הערנער און גאַזעלען מיט אינדען האָבען ליעבליך זיך געפּאַשעט. דאָס איז געווען אַ זעלטען שענע מוזיק מיט געמיטליך מילדע טענצער, וועלכע האָבען נאָכגעמאַכט די הימלישע האַרמאָניע— ס'האָט דאָרט נישט געפעהלט קײן זאַך, וואָס דאָס האַרץ פון אַ מענשען קאָן נור פערלאַנגען.

אָבער דער טאָג האָט געדאַרפט קומען, ווען די האַרצענס-רוהיגקײט פון דער שענער פּרינצעסין האָט געמוזט פערשווינדען... אַמעט על קאַמעל, דער זוהן פון גרענאַדער קאַליף איז געווען אויף דער יאַגד אין דער אומגעגענד פון טאָלעדאָ; ער האָט זיך געיאָגט נאָך אַ יונג הירש, וואָס איז אַנטלאָפען פון די לאַנקעס פון קאַזאַ דע לאַ דיען. די אַנטלאָפענע שענע חיה האָט זיך געלאָזט לויפען צוריק אַהײם, כּדי צו בעשיצען זיך אין גאַליאַנאַ'ס שוים, וועלכע איז געזעסען און אויסגערוהט אין שאָטען אויף דער לאַנקע. ווען די פּרינצע-סין האָט דערזעהן דעם יונגען פּרינץ, האָט זיך איהר געדאַכט, אַז ער איז אַ בעשעפעניש פון עפּיס גאָר אַנ'אַנדער וועלט, אַ העלערער און שענערער, דען זי האָט ביז יענער צײַט נאָך קײנמאָל נישט געזעהן קײן מאַנספּאַרשוין אויסער איהר פאָטער. די פּרינצעסין האָט אַרומגענומען דאָס קלײן הירשעלע און געשיצט עס פאַר'ן יעגער. אָבער אַמעט על קאַמעל האָט אויסגערופען:

— אָה, געוויס, דו ביסט מסתם גאַליאַנאַ, די שענע בלום פון טאָלעדאָ!

ער האָט געוואָלט צוגעהן צו איהר נאָהענטער, אָבער גאַליאַנאַ איז, ווי אַ לײַכט פויגעלע, פערשוואונדען אין איהר פּאַלאַץ.

פון דאָזיגען טאָג אָן איז גאַליאַנאַ קראַנק געוואָרען; אַ טיעפע מרה שחורה האָט אַרומגענומען איהר גאַנצען וועזען. איהר טרויעריגקײט איז געווען גרויס ווי דער מדבר, איהר פערצווײַפלונג טיעף ווי דער אָקעאַן. דער קעניג גאַלאַפר, וועלכער האָט ליעב געהאַט זײַן טאָכטער, האָט געלאָזען צוזאַמענרופען אַלע דאָקטוירים, אַסטראָלאָגען און מכשפים. קײנער האָט אָבער נישט געקאָנט אויסהײלען די פּרינצעסין. דאַן האָט דער קעניג געלאָזען אויסרופען, אַז דער, וואָס וועט בעפרײַען די פּרינצעסין פון איהר מרה שחורה, וועט בע-שענקט ווערען מיט 100 טויזענד גאָלד-דינאַרען און בעקומען ערלויבניש אויסצובעטען פאַר

זיך א געוויסען חסד. אויב אבער די היילונג וועט נישט געלינגען, וועט מען דעם שלעכטע דאקטאר בעשטראפען מיט'ן טויט.

עטליכע טעג נאכדעם איז געקומען א בעדואין פון דעם מדבר, זיך געווארפען צו די פים פון קעניג, אויפגעשטאנען, צוזאמענגעלעגט די הענד אויף דער ברוסט און געזאגט מיט א שטימע, וואס האט אויסגעדריקט אי עהרפורכטיגקייט, אי איידעלען שטאלץ:

— ליכטיגקייט פון די מאמינים! איך האב זיך דערוואוסט, אז די לוסט פון דיינע אויגען איז קראנק, און בין געקומען צו דערפרעהען ווידער איהר נשמה.

— ציי ווייסטו, אז דו וועסט מיט'ן טויט בעשטראפט ווערען, אויב דיר וועט נישט געלינגען אויסצוהיילען זי?—האט דער קעניג געפרעגט.

— איך וויים—האט געענטפערט דער בעדואין.

— און דו האסט נישט קיין מורא—האט געפרעגט אנ'אסטראלאג—אונטערצונעהמען זיך דורכצופיהרען א זאך, וואס די שטערען האבען אבגעזאגט זיך צו טהון?

— דו האסט נור די וויסענשאפט פון די שטערען—האט געענטפערט דער פרעמדער דאקטאר—מיך האבען אבער געלערענט די גוטע גייסטער פונ'ם מדבר מיין קונסט צו קורירען חולאים.

מען האט דעם פרעמדען אריינגעפיהרט אין פאלאץ פון דער פרינצעסין, ווען די פרינצעסין האט איהם דערזעהן, האט א שיין געטהון א שטראהל פון פרייד אין איהרע אויגען, וויל זי האט געמיינט, דאס זי זעהט פאר זיך דעם יונגען יעגער, פון וועלכען זי האט דאס הירשעלע בעשיצט, און איצט האט איהר הארץ פאר בענקשאפט גע'חלש'ט איהם צו זעהן, איהר אונבעפריעדיגטע בענקשאפט איז דאך געווען די סבה פון איהר מרה שחורה.

דער בעדואין איז געפאלען אויף די קניע פאר דער פרינצעסין, געעפענט זיינע קעסטעלעך פון סאנדעל-האלץ, ארויסגענומען פון דארט א צוזאמענגעלעגט פארמעט און דערלאנגט עס דער קעניגליכער טאכטער. נישט רעדענדיג קיין ווארט, איז ער ארויסגעגאנגען צוריק.

דאן האט ער געזאגט צו די סריסים:

— זאגט אייער הערן, דעם גרויסען קעניג גאלאפר, אז אין דריי טעג ארום וועל איך קומען צוריק, דאן וועט די פרינצעסין אויסגעהיילט ווערען.

אין דריי טעג ארום איז דער בעדואין ווידער געקומען און אט האט זיך ארויסגעוויזען, אז די פרינצעסין איז פאלקאם געזונד. דער קעניג האט געגעבען דעם פרעמדען דאקטאר 100 טויזענד גאלד-דינארען און בעפוילען איהם צו בעטען פאר זיך א חסד.

— דיין געלד—האט דער בעדואין געזאגט—נעהם איך אפילו יא אן, כדי דיך נישט צו בעליידיגען, גרויסער קעניג. אבער דו וועסט מיר ערלויבען אויסצוטיילען דאס געלד צווישען דיינע דינער. און וועגען דעם חסד בעט איך דיך, מיר צו ערלויבען אויסצוקורירען דיין טאכטער אויף אייביג. דערצו ברויך איך צו האבען אנ'אלטען קאסטען, וועלכער געפינט זיך אין דיין שאץ-קאמער און אויף וועלכען עס שטעהען געשריבען זיבען אותיות וועלכע קיינער קאן נישט לעזען.

דער קעניג האט בעפוילען אריינצוברענגען דעם קאסטען, צוויי שווארצע שקלאפען

האָבען איהם בּאַלד אַריינגעטראָגען. דער בּעדואין האָט געעפענט דעם קאַסטען, גענומען אַ פּאַרגאַמענט־ראָלע פון פּערסישען דיוואַן און פאַרגעלעגט גאַליאַנאַ'ן צו זעצען זיך אין מיטען אויפ'ן דיוואַן. ווען דאָס איז געשעהן, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט נעבען איהר און געזאָגט צום קעניג:

— מעכטיגער קעניג פון מאַלעדראָ! זיצענדיג אויפ'ן דאָזיגען דיוואַן איז די מלכּת שבא געפלויגען אין דער לופטען צום מלך שלמה. ווער עס איז אימשטאַנד צו לעזען די ראשי תבות פון זיבּען אותיות, וועלכע די מלכּת שבא האָט מיט דער אייגענער האַנד אויסגע־האַפטעט איין אות אין יעדען ווינקעל און דריי אין מיטען, דער וועט האָבּען די מאַכט צו רייזען אין דער לופטען אויפ'ן דאָזיגען דיוואַן, ווי די מלכּת שבא האָט עס געטהון. און אַט הער מיך אויס, מיין קעניג: דיין טאָכטער וועט נישט פריהער פאָלקאָם געזונד ווערען, בּיז זי וועט נישט דערהערען דריי מאָל פון מיר, וואָס עס בּעדייטען די זיבּען אותיות.

דער קעניג און זיין הויף האָבּען געוואַרט אין דער גרעסטער שפּאַנונג און קיינער האָט נישט געוואַגט דאָס מויל צו עפענען.

— גיבּ מיר די האַנד, גאַליאַנאַ! — האָט געזאָגט דער בּעדואין צו דער פּרינצעסין.

די פּרינצעסין האָט איהם דערלאַנגט די האַנד, דאַן האָט דער בּעדואין זיך געווענדעט צום קעניג און געזאָגט:

— די דאָזיגע אותיות בּעדייטען: „די קעניגין פון שבא צום קלוגען שלמה!"

נאָך צוויי מאָל האָט דער בּעדואין אַרויסגערעדט די דאָזיגע זיבּען ווערטער, און אַט האָט זיך פּלוצלונג אַ'פגעהויבּען דער דיוואַן, געשוועבּט מיט גאַליאַנאַ'ן און איהר דאָקטאָר אין דער לופטען, אַרויסגעפלויגען דורכ'ן בּאַלקאָן, פונאַנדערגעוויקעלט זיך אין דער לענג און אין דער בּרייט, אויסגעשטרעקט די פיער קאַנטען צו אַלע פיער עקען וועלט און אוועקגעפלויגען צום בּלויען הימעל, פערשווינדענדיג בּיסלעכווייז פון די אויגען.

מיט אַ פערנומענעם אָטעם האָט געקוקט דער קעניג און זיינע דינער אויפ'ן פער־שוואונדענעם דיוואַן.

אַכט טעג נאָכדעם האָט דער קעניג דערהאַלטען פאָלגענדען בּריעף:

„דיין טאָכטער גאַליאַנאַ איז געוועזען, אָ קעניג, קראַנק פון בּענקעניש נאָך דיין קנעכט אַמעט על קאַמעל. איצט איז זי פאָלקאָם געזונד. אַללאַה זאָל דערהאַלטען און פערלענגערן דיר דיין לעבּען!"

אַט־אַזוי דערצעהלט די לעגענדע. דער פּאַלאַץ פון דער „בּלום אָהן פלעקען" איז שפּעטער איבּערגעמאַכט געוואָרען אויף אַ פרויען־קלויסטער, דערנאָך האָט ער געהערט צו די ריטער פון סאַנט יאַגאָ, און ווען זיי זענען אויסגעשטאָרבּען, האָט זייער יורש, דער הערצאָג פון מיראַפלאָרעס, געלאָזען דאָ מאַכען אַ פּאַלוואַרק. איצט איז דערפון געוואָרען אַ חורבה, אָבּער די גרויסע בּערג שטיינער דערוויזען נאָך עד־היום סימנים פון דער אַמאָ־ליגער שענהייט און איינצעלנע סלופּעס דערצעהלען נאָך, וואָס פאַר אַ פּרעכטיגע געבּיידע דאָס איז געוועזען.

דער קעניג, די קעניגין, די פירשטין אורסיני מיט'ן גאַנצען הויף האָבּען אויסגעהערט

מיט גרויס אינטערעס די געשיכטע. ווען די פירשטין איז אין אָווענד געזעסען ביחידות מיט דער קעניגין, האָט זי אַ פרעגע געטהון:

— ווי איז געפעלען אייער מאַיעסטעט דער דאָמיניקאַנער גלח, פריי דיעגאָ?

— דאָס איז—האָט די קעניגין געענטפערט—אַ העכסט גייסטרייכער מענש.

— מען דאַרף איהם — האָט די פירשטין געזאָגט — נעהמען אין מאַדריד צום הויף. אֶפשר וועט איהם געלינגען אַ ביסעל צו צעטרייבען די לאַנגווייליגקייט ביים הויף.

— איהר זענט גערעכט, פירשטין! אויף וואָס פאַר אַ שטעלע זאָלען מיר איהם אָבער איינלאַדען?

— די שטעלע פון בישאָף פון אַווילאַ איז לעדיג געוואָרען. פריי דיעגאָ קאָן בע־שטימט ווערען אַלס בישאָף פון אַווילאַ, דאַן וועט מען שוין געפינען אַ מיטעל, ווי־אַזוי איינצולאַדען איהם קיין מאַדריד.

און ווען דער קעניגליכער הויף האָט פערלאָזען טאָלעדאָ, האָט דער קעניג אויסגע־טיילט רייכע מתנות פאַר די קלויסטערס, גלחים, בעאַמטע און אינסטיטוציעס. נאָר פריי דיעגאָ'ן האָט מען קיין מתנות נישט געגעבען. דער קעניג איז שוין געזעסען אין זיין קאַ־רעטע, וואָס איז געווען געשפאַנט מיט אַכט מויל-איזלען, ווען ער האָט צוגערופען צו זיך דיעגאָ'ן און געזאָגט צו איהם:

— אויף באַלדיגעס וויעדערזעהן-זיך אין מאַדריד, העדר בישאָף פון אַווילאַ!

דער קעניגליכער עקיפאַזש איז אַוועקגעפאָהרען ווייטער, אָבער דער דאָרטיגער ערצ־בישאָף, די הויכע גלחים, דער גענעראַל-קאַפיטאַן און אַלע איבעריגע בעאַמטע, וועלכע האָבען געהערט די ווערטער פון קעניג, האָבען דיעגאָ'ן הערצליך בעגריסט.

עטליכע טעג נאָכדעם האָט דיעגאָ דערהאַלטען אַ בעפעהל תיכף צו קומען קיין מאַדריד, כדי אַריינגעפיהרט צו ווערען אין זיין נייער שטעלע.

6.

דאַדורך וואָס אַ דאָמיניקאַנער גלח האָט געוואָרפען אַ חשד, אַז יודיש בלוט רינט אין די אָדערן פון איהרע קינדער, איז דאָנאַ אַנונציאַטאַ געוואָרען זעהר אונרוהיג. די ביטערסטע פאָרוואורפען האָט זי זיך געמאַכט, פאַרוואָס זי האָט געלאָזען געהן איהרע קינדער אויפ'ן אָקסען-קאַמף; זי אַליין האָט זיך נאָך מעהר אָבגעזונדערט פון דער אויסען-וועלט און אָבגע־האַלטען זיך פון קומען אין בעריהרונג מיט אַ פרעמדען. דעריבער איז עס נישט געלונגען פריי באַלטאַזאַר אַריינצוקומען אין איהר הויז. ווען נור ער פלעגט אָנקלאַפען אין איהר הויז, אַז מען זאָל איהם אַריינלאָזען, פלעגט ער בעקומען אַ'ענטפער פונ'ם דינסט-מיידעל, אַז די סעניאָראַ איז קראַנק און קאָן קיינעם נישט אויפנעהמען. אָבער דוקא די דאָזיגע עקשנות האָט פערשטאַרקט ביים גלח דעם חשד; אויך די אויספאָרשונגען, וואָס ער האָט געמאַכט אין דער אומגעגענד, האָבען בעשטעטיגט זיין חשד. ער האָט זיך דערוואוסט, אַז אַנונציאַטאַ איז מיט 19 יאָהר פריהער געקומען אַהער מיט אַ קינד אין דער בעגלייטונג פון אַן אַלטע מאַן, וועלכער איז באַלד נאָכדעם פערשוואונדען געוואָרען; מען האָט איהם דערציילט, אַ

די מעניארא איז געווען זעהר שען און די טאכטער זעהט-אויס גאנץ ענליך ווי די מוטער האט אויסגעזעהן מיט 19 יאהר צוריק.

ווען פריי באלטאזאר האט דערזעהן, אז מען בעציהט-זיך מיט גרויס חשד צו איהם אין אנונציאטא'ס הויז, האט ער זיך בעקענט מיט א געוויסען „גאסקאן”, כדי צו בעקומען געוויסע ידיעות, וואס אויף זייער סמך זאל ער קאנען מסר'ן די פרוי י. אגילאר אין אינקוויזיציאנס-געריכט און נעהמען פון איהר נקמה.

דער גאסקאן איז געווען א סאלדאט, וועלכער האט געדיענט אין די פריהערדיגע מלחמות און האט אויסגע'הרג'עט מעהר פיינד ווי עס זענען פאראן „זאמד-קערנדלעך אויפ'ן ברעג ים”; ער האט זיך אבער געקלאגט, אז דאס פאטערלאנד האט איהם שלעכט בעלוינט פאר זיינע גרויסע מעשים. זיין הויפט-בעשעפטיגונג איז געווען צו שמועסען מיט די וועכטער פון דער גרענעץ און דערצעהלען זיי זיינע מעשה'לעך אזוי לאנג, ביז די קאנטראבאנדיסטען וועלען אריבערפיהרען די סחורה איבער דער גרענעץ, און די שטאדט אדער די מלוכה האט אזוי-ארום פערלארען איהר אקציז. פאר זיין דאזיגען שענעם דיענסט פלעגט ער בעקומען פון די קאנטראבאנדיסטען שאקאלאד, טהיי, ציגארען און פאפיראסען, וועלכע ער פלעגט דערנאך פערקויפען צו הויכע פרייזען. דער גאסקאן האט אבער געהאט נאך איין בעשעפטיגונג אויך: אונטער אלערליי מאסקעס פלעגט ער זיך אריינמאכען אין פערשיעדענע הייזער און דערגעהן דארט סודות, פאר וועלכע מען פלעגט איהם טייער בעצאהלען. דורך איהם האט די פאליציי שטענדיג זיך דערוואוסט, וואו ס'געפינט-זיך א פאליטישער פערברעכער; דורך איהם האט די אינקוויזיציע זיך דערוואוסט וועגען די אפיקורסות'ע געדאנקען פון די רייכע לייט, וואס זייער פערמעגען האט געקאנט זיין נוצליך פאר דער אינקוויזיציע; דורך איהם האבען די רויבער-באנדעס זיך דערוואוסט, ווען א רייכער מאן דארף זיך לאזען אויף דער רייזע. אט אזא געריבענער יונג איז געווען דער גאסקאן, מעסער לאפעץ, וועלכער האט געדיענט אין דער ארמעע אלס געמיינער סאלדאט און איז אלס אזעלכער בעפרייט געווארען נאך דער מלחמה; ווייל אבער ער האט געוואוסט דעם אמת'ן ווערט פון זיינע הויכע מעשים, דערפאר האט ער זיך ארויסגעגעבען פאר א קאפיטאן.

מיט דער דאזיגער ווילטיגער פערזענליכקייט האט זיך דאס פריי באלטאזאר פערבונדען און צוגעזאגט איהם א גרויסע בעלוינונג, אויב ס'וועט איהם געלינגען צו דערגעהן די סודות פון דער כלומר'שטער דאנא גראציע דע לימא. פריי באלטאזאר האט געהאט פיעל געלד אויסצוגעבען אויף אזעלכע זאכען, ווייל די בעלוינונג, וואס ער האט בעקומען פון דער אינקוויזיציע פאר'ן מסר'ן דאן אלפאנזא י. אגילאר, איז געווען א פירשטליכע.

לויט באלטאזאר'ס פלאן האט לאפעץ געדארפט אריינקומען צו פרוי אנונציאטא אין שטוב אלס איינער פון די יודישע אנוסים און דערגעהן דארט אלץ, וואס נור מעגליך. פריי באלטאזאר האט איהם בעקענט צום דאזיגען צוועק מיט פיעל העברעאישע ווערטער און פיעל יודישע מנהגים.

פאר דאנא אנונציאטא האט דערווייל א שיין געטהון א שטראהל פון אנ'אמת'ער שמחה. דאן יאזע דע מאנטאלטא האט זיך געשדכנ'ט צו איהר טאכטער דאנא איניעז. דאס

אזוי איז געווען אַן׳אידעלער יונגערמאַן און בעגייסטערטער אַנהענגער פון יודענטום. אַלס בעל־הבית פון אַ גרויסען זייד־געשעפט, איז ער געווען זעהר רייך. זיינע עלטערן זענען מיט אַ געוויסער צייט צוריק געשטאָרבען, קיין שוועסטער און ברידער האָט ער קיינמאָל נישט געהאַט. אַזוי־אַרום איז ער געווען דער יורש פון אַ בעדייטענדען פערמעגען און אַ געשעפט, וואָס האָט געגעבען שענע הכנסה.

— דאָנאַ גראַציאַ,—האָט דער יונגערמאַן געזאָגט איינמאָל, — גיט מיר אייער טאָכטער פאַר אַ ווייב, איך האָב זי ליעב און וועל שטרעבען זי גליקליך צו מאַכען.

— אַלס איידעם—האָט די גליקליכע מוטער געענטפערט—בין איך מיט אייך העכסט צופריעדען, אָבער פונדעסטוועגען קאָן איך אייך נישט געבען מיין טאָכטער אָהן אַ תנאי. ס׳איז זעהר אַ האַרטער תנאי.

— זאָגט, איך ערקלער פאָרויס, אַז איך וועל איהם ערפילען.

— מיינע אַמאָליגע איינקלעך זאָלען נישט ברויכען צו פיהרען אַ לעבען, ווי מיר דאָ, ציטערנדיג פאַר די פלאַמען פייער פון אויטאָ־דאַ־פע. איך פערלאַנג דעריבער, אַז דער מאַן פון מיין אינעץ זאָל מיט איהר אויסוואַנדערן פון שפאַניען און בעזעצען זיך אין האָלאַנד!

— און איהר, טייערע מוהמע?

— איך וועל בעגלייטען מיין טאָכטער, ווי אויך פראַנצעסקאַ.

— גוט, איך נעהם־אָן אייער בעדינג. נאָר איהר מוזט מיר געבען צייט, צו פערקויפען מיין הויז, מיין געשעפט און מיינע סחורות.

— אָבער איהר ברויכט נישט לאַנג צו וואַרטען דוקא אויף אַ גוטען קונה. אָה, ווען איך וואָלט מיט 20 יאָהר צוריק אַוועגעפאָהרען אויף יענער זייט ים!...

דאָנאַ אַנונציאַטאַ האָט זיך צעוויינט.

— וויינט נישט, טייערע מוהמע,—האָט דאָן יאָזע זי געטרייסט.—ס׳וועט נאָך אַלץ גוט ווערען. איך וועל מיין פערמעגען פערקויפען, ווי נור דאָס וועט מעגליך זיין, און אין עטליכע וואָכען אַרום וועלען מיר פערלאָזען שפאַניען. ערלויבט מיר איצט צו פרעגען אינעץ׳ן, אויב זי וויל זיין מיין ווייב.

אינעץ האָט איינגעשטימט און פראַנצעסקאַ האָט זיך געשפירט גליקליך, דאָס איהר חבר׳טע, וועלכע זי האָט געליעבט ווי איהר שוועסטער, איז געוואָרען כלה. אויך דאָס שטענדיג פערטרויערטע פנים פון דאָנאַ אַנונציאַטאַ איז געוואָרען אויף אַ מאָמענט עטוואָס גליקליכער.

אומזיסט האָט אָבער דאָן יאָזע געזוכט אַ קונה אויף זיין הויז און געשעפט. מאַדריד האָט דאַמאָלסט נאָך אַלץ געליטען פון די רעזולטאַטען פון דער מלחמה. אמת, פיליפּ V האָט זיך אַפילו בעמיהט צו דערהויבען אין לאַנד די אינדוסטריע און דעם מסחר, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין הצלחה מיט מענשען. לויט׳ן פאָרשלאַג פון האָלענדישען געזאַנדטען באַראָן פאַן ריפּערדאַ, האָט דער קעניג געלאָזט ברענגען פאַבריק־מאַטעריאַל פון האָלאַנד און געגרינדעט פאַבריקען. אָבער ריפּערדאַ, וועלכער איז איבערגעגאַנגען צום קאַטוילישען גלויבען, כדי נושא־חן־צו־זיין ביים קעניג, האָט געטראַכט נור וועגען זיינע אייגענע

פֿינאַנסען, אין אַ שענעם פֿריהמאָרגען איז ער פֿערשוואונדען געוואָרען; ער איז אַנטלאָפֿען קיין מאַראָקאָ און איז דאָרט געשטאָרבען אַלס פּאַשאַ. — לאָ׳מיר זיך אָבער אומקעהרען צו אונזער געשיכטע:

אין אַ געווּיסען טאָג איז אַ פֿרעמדער מאַן אַריינגעקומען אין געשעפֿטס-לאָקאַל פֿון דאָן יאָזע.

— סעניאָר, — האָט ער געזאָגט, — האָב איך די עהרע צו רעדען מיט דאָן יאָזע דע מאָנטאַלטאַ?

— די עהרע איז פֿאַר מיר, — האָט דאָן יאָזע געענטפֿערט. — מיט וואָס קאָן איך אייך דינען?

— ערלויבט מיר פֿאָרצושטעלען זיך. איך בין קאַפּיטאַן אַנטאָניאָ לאָפּעז; דער קריגס-דינסט האָט זיך מיר צוגעגעסען און איך בין אַרויסגעטרעטען פֿון דער קעניגליכער אַרמעע. איך שטאַם פֿון בורגאָס; מיין פֿאָטער איז געווען אַ זיידען-הענדלער, ווי איהר. פֿאַר אַ מאָל-דאָט האָט מען מיך געמאַכט מיט גוואַלט. פֿירצעהן יאָהר לאַנג בין איך געווען ווייט פֿון דער-היים. איצט האָט מען מיך בעשטימט פֿאַר אַ קאַפּיטאַן און איך האָב געוואָלט מיינע אָרימע עלטערן איבעראַשען. אָבער אַט געפֿין איך, אַז פֿון מיין פֿאָטערס הויז איז געבליבען אַ חורבה, די ענגלישע הינד האָבען עס אונטערגעצונדען. מיין פֿאָטער איז טויט, מיין שוועסטער איז טויט און מיין אָרימע מוטער איז קראַנק און שוואַך. איך בין געבליבען ביי איהר ביז׳ן סוף. פֿאַר׳ן טויט האָט זי מיר בעפֿוילען צו געהן קיין מאַדריד און בעזוכען איהר פֿריינדין דאָנאַ קאַטאַרינאַ דע מאָנטאַלטאַ. ציי זענט איהר נישט איהרער אַ זוהן?

— ניין, דאָנאַ קאַטאַרינאַ איז געווען די פֿרוי פֿון מיין פֿאָטערס ברודער. איצט איז זי שוין טויט.

— זי לעבט שוין נישט מעהר? אַ שאָד!

— ווי האָט געהייסען אייער פֿערשטאָרבענע מוטער?

— דאָנאַ איזאַבעלאַ לאָפּעז.

— איך האָב קיינמאָל נישט געהערט, אַז מיין פֿערשטאָרבענע מוהמע זאָל דערמאָה-נען אַזאַ נאָמען.

— איך האָב געדאַרפֿט דער דאָנאַ קאַטאַרינאַ דערמאָהנען נור איין וואָרט פֿאַר אַ סימן, דאַן וואָלט זי זיך תּיכּף דערמאָהנט אָן איהר פֿריינדין. דאָס דאָזיגע וואָרט איז „אֶחד”.

דאָן יאָזע איז אַ פֿערציטערטער געוואָרען, דערהערענדיג דאָס דאָזיגע וואָרט. דער פֿרעמדער האָט דאָס גוט בעמערקט, אָבער ער האָט זיך פֿערשטעלט, ווי ער וואָלט גאָר נישט געזעהן.

— מילא — האָט דער פֿרעמדער געזאָגט — אַ סוף, דאָנאַ קאַטאַרינאַ איז טויט, ממילא קאָן זי זיך נישט דערמאָהנען אָן מיין מוטער. אָבער זאָגט מיר, סעניאָר! דאָנאַ קאַטאַרינאַ האָט געהאַט אַ זוהן, וועלכער האָט געוואוינט אין בורגאָס. אויך ער איז געווען אַ פֿריינד פֿון מיין משפּחה. ער און זיין פֿרוי זענען שוין לאַנג געשטאָרבען; אָבער ווי מיין מוטער האָט מיר דערצעהלט, האָבען זיי איבערגעלאָזען אַ מיידעלע, וועלכע האָט געהייסען פֿראַנ-צעסקאַ. אפֿשר קאָנט איהר מיר זאָגען, וואָס איז געוואָרען מיט׳ן דאָזיגען קינד?

— דאָנאַ פראַנצעסקאַ דע מאָנטאַלטאָ לעבט און איז געזונד. זי איז אויסגעוואַקסען און געוואָרען אַ שענע סעניאָריטאַ.

— וואו לעבט זי?

— ביי אַ מוהמען.

— איהר וועט מיר טהון אַ גרויסע געפעליגקייט, ווען איהר וועט מיך מיט זיי בע־קענען. מיין מוטער האָט עס מיר געמאַכט פאַר אַ הייליגען חוב נאָכצופרעגען זיך נאָך איהר און זעהן, וואָס זי מאַכט.

— איך וועל בעטען מיין מוהמען, אַז זי זאָל מיר ערלויבען אייך פאָרצושטעלען פאַר איהר.

— איך דאַנק אייך, סעניאָר, ווען דאַרף איך מיר ערלויבען צו קומען ווידער צו אייך?

— מאָרגען, סעניאָר קאַפּיטאַן.

— אַלזאָ אויף ווידערזעהן.

— אויף ווידערזעהן!

דער גאַסקאָן איז אַוועקגעגאַנגען דערצעהלען דעם גלח פריי באַלטאַזאַר וועגען זיין גוטען ערפאָלג.

7.

ווען דאָן יאָזע האָט איבערגעגעבען זיין צוקינפטיגער שוויגער די אויסגעטראַכטע מעשה'לע, וואָס לאָפּעז האָט איהם דערצעהלט, האָט זי אויך דערין נישט געזעהן קיין שום שוואַכקייט אָדער פאַלשקייט. דאָנאַ קאַטאַרינאַ איז שטענדיג געשטאַנען אין פערבינדונג מיט משפחות פון אַנוסים פון בורגאָס און דער נאָמען פון פרעמדען לאָפּעז (וואָלף) האָט אויס־געוויזען עדות־צו־זאָגען, אַז ער שטאַמט פון אַנוסים. מען האָט דעריבער בעשלאָסען איהם אויפצונעהמען אין דער משפחה; פון דער אַנדערער זייט אָבער האָט מען בעשלאָסען צו זיין זעהר פאָרזיכטיג מיט איהם און נישט אַרויסגעבען איהם דעם סוד, אַז מען געהערט צום יודענטום.

דער גאַסקאָן איז געקומען אויפ'ן צווייטען טאָג אין געשעפט אַריין צו דאָן יאָזע, וועלכער האָט איהם אַריינגעפיהרט אין הויז אויפ'ן פאָרשטאָרט לאַס אינפאַנטאַס און פאָר־געשטעלט פאַר די דאַמען.

— איך בעדויער,—האָט געזאָגט דער כלומר'שטער קאַפּיטאַן, — וואָס איך געפין נישט מעהר ביים לעבען די פריינדין פון מיין פערשטאָרבענער מוטער. פאַר מיר וואָלט עס גע־ווען זעהר וויכטיג מיט איהר צו בעקענען זיך און דורכשמועסען. מעגליך אָבער, אַז די חבר'טעם פון דער פערשטאָרבענער וועלען פאַר מיר טהון אַזוי פיעל גוטס, אַז איך זאָל קאָנען פערגעסען אין דעם דאָזיגען פערלוסט.

— אָפשר זענט איהר אין געלד־פערלעגענהייט, סעניאָר קאַפּיטאַנאָ? — האָט דאָן יאָזע געפרעגט.—אין אַזאַ פאַל וואָלט איך זיך געפרעהט צו העלפען אייך מיט מיינע קלײנע מיטלען.

— ניין, נישט דאס!—האט לאפעץ געענטפערט.—זיין מאיעסטעט דער קעניג איז געוועזן געטרייע גנעדיג געגען מיר און האט רייך בעלוינט מיינע פערדיענסטען פאר'ן פאטערלאנד. דער קעניג פיליפ האט מיר אבער אויך זעהר פיעל צו פערדאנקען. דאס האב איך ענטשיידע, די שלאכט ביי אלמאנזא. דאן פיליפ'ס צד האט שוין געהאלטען ביים פערשפיעלען, די ענגלענדער און פראנצויזען האבען בעזעצט מאדריד און דער אוורפאטאר קארל האט זיך שוין אריינגעצויגען אין דער שפאנישער הויפטשטאדט. צי דערמאהנט איהר זיך נאך וועגען דעם, סעניארא? דאס איז געוועזן אין יאהר 1707.

— איך דערמאהן זיך וועגען דעם זעהר גוט—האט דאנא אנונציאטא געענטפערט.

— אויך איך—האט דאן יאזע געזאגט.—אה, דאמאלס האט מאדריד ארויסגעוויזען, אז זי איז ווערט צו זיין די הויפטשטאדט פון אונזער שענעם לאנד. די איינוואוינער פון מאדריד האבען פעריאגט א הערשער, וועלכען זיי האבען נישט געוואלט, און געטהון האבען זיי דאס נישט דורך א בונט, נאר דורך א פעראכטונגספולען שווייגען. ווען הערצאג קארל האט זיך אריינגעצויגען אין שטאדט אין שפיץ פון אנ'ארמעע, וואס איז בעשטאנען פון ענגלענדער און פארטוגעזען, איז די גלענצענדע טומעלדיגע הויפטשטאדט פלוצלונג טויטשטיל געווארען. מען האט געקאנט מיינען, אז אין שטאדט הערשט די שווארצע מגפה און אלע איינוואוינער זענען זיך צעלאפען אין די בערג אריין. קיין איינציגער פרייד-אויסרוף האט נישט מקבל-פנים געווען דעם נייעם הערשער, קיין איינציג פענסטער איז נישט געוועזן געעפענט, קיין באלקאן בעזעצט מיט מענשען. אומעטום האט געהערשט איינזאמקייט און שווייגען. קארל איז געווארען ענטטוישט, די דאזיגע קאלטקייט האט איהם העלפט געקרענקט און ער האט זיך צוריקגעקעהרט צו זיינע הויף-לייט און געזאגט:

— איך האב געוואלט הערשען איבער שפאניען, אבער נישט ברויכען צו זיין אין שפאניען. לא'מיר פאהרען צוריק, מיינע הערען. מאדריד איז א שטאדט אהן בירגער.

— אבער ווי נור,—האט דאנא אנונציאטא געזאגט,—ווי נור קארל איז ארויס פון שטאדט, האבען די גלאקען אנגעהויבען קלינגען, ס'האבען זיך דערהערט פרייד-אויסרופען אויף אלע פלעצער און מערק, וואו די בירגער האבען זיך איצט פערזאמעלט אין די טויזענדער און געזונגען פאטריאטישע ליעדער, נאכדעם ווי זיי זענען זיך פריהער געזעסען שטיל אין שטוב.

— יא,—האט געזאגט לאפעץ,—איך האב געהערט דערצעהלען וועגען דעם ביי דער ארמעע פון קעניג. איך בין דאמאלס נאך געוועזן יונגער לייטענאנט אין מיין פאלק, אבער זיין מאיעסטעט האט מיך שוין דעמאלט ליעב געהאט; ער האט מיך גערופען אין זיין קווארטיר, כדי צו שפיעלען מיט מיר א פארטיע שאך, בשעת מען האט איהם דאס דערצעהלט: „זעהט, מעסער לאפעץ—האט דער קעניג געזאגט—אט אזוי האבען מיך ליעב מיינע מאדרידער! צי האבען דען די שפאניער נישט רעכט, ווען זיי זאגען: מיט טרעהרען ציהט מען זיך אריין אין מאדריד'ס טויערן, ווייל דאס אויסזעהן פון שטאדט איז טרויעריג, אבשטויסענדיג און אהן טרייסט; און וויינענדיג פערלאזט מען די שטאדט, ווייל די איינוואוינער זענען אזוי ליעב, איידעל און כניסי אורחים, אז מען נעהמט פון זיי אבשיעד מיט וועהטאג אין הארצען".—„מאיעסטעט—האט

איך דערױף געזאָגט—מיר װעלען זיך באַלד װידער אַרײַנציהען אין אונזער הױפּטשטאָדט"— און אַזױ איז דאָס טאַקי געשעהן. דער זײדע פֿון אונזער קעניג, לודװיג דער 14-טער פֿון פֿראַנקרײַך, האָט געשיקט אַ העלדישע אַרמײע אונז צו-הילף. מיר האָבען פֿעריאָגט די ענג-לענדער און די פּאָרטוגעזען, ביז עס איז דעם 25-טען אַפּריל געקומען צו אַ שלאַכט בײַ אַלמאַנזאַ. די דאָזיגע שלאַכט װאָלטען מיר כמעט פֿערלאָרען, כאָטש מיר האָבען געקעמפּט װי די לײבען. אין מײַן פּאָלק זענען אױסגעהרג'עט געװאָרען אַלע אָפֿיצירען; אָבער דאָ האָב איך, אַלס דער יונגסטער לײטענאַנט, זיך געשטעלט אין שפּיץ פֿון פּאָלק און האָב מיט מײַנע העלדישע יונגען דורכגעבראָכען דעם צענטר פֿון פֿײַנד. אונזערע סאָלדאַטען, װעלכע האָבען שױן געװאָלט אַנטלױפֿען, האָבען װידער בעקומען מוט און צוגעטראָטען צום שטורם. די פֿײַנד זענען צעקלאַפּט געװאָרען. נאָך דער שלאַכט האָט דער קעניג מיר פֿרײַנדליך געקלאַפּט אויף דער אַקסעל און געזאָגט: „אײַך, סעניאָר, געהערט דער כבוד פֿאַר הײַנטיגען טאָג!" נאָכ'ן שליסען שלום האָט ער מיך אײַנגעלאַדען צו זיך און געשענקט 1000 פּיאַסטער, בעשטימענדיג מיך פֿאַר אַ קאַפּיטאַן. נײן, דאָן יאָזע, נישט צוליעב געלד בעדױער איך אַזױ שטאַרק דעם טױט פֿון דאָנאַ קאַטאַרינאַ, נור צוליעב עטװאָס גאָר אַנדערש.

— אפֿשר װילט איהר זיך ענטדעקען פֿאַר אונז?—האָט דאָנאַ אַנונציאַטאַ געפֿרעגט מיט מיטלײד.

— נאָך נישט, הײַנט נאָך נישט!—האָט געענטפֿערט דער שװינדלער.—אַן אַנדערש מאָל. איהר ערלױבט דאָך, אַז איך זאָל קומען צו אײַך?

מען האָט איהם די ערלױבניש געגעבען און אָנהױבענדיג פֿונ'ם דאָזיגען טאָג איז דער קאַפּיטאַן געװען אַ טעגליכער גאַסט אינ'ם הױז אויף דער פֿאָרשטאָדט לאָס אינפֿאַנטאָס. ער האָט דאָרט געגעסען, געטרונקען און מען האָט איהם געהאַלטען פֿאַר אַ שטוביגען מענשען.

אין אַ געװיסען טאָג האָט ער געפֿונען די סעניאָראַ אַלײן אין-דערהײם. די יונגע טעכטער האָבען געמאַכט אַ שפּאַציר אין דער בעגלײטונג פֿון דאָן יאָזע קײן פּוענטע דע לײַ װיאַ,—אַ פֿערגעניגונגס-אָרט אַרום מאַדריד.

— סעניאָראַ,—האָט דער גאַסקאָן געזאָגט,—שױן לאַנג האָב איך געװאָלט זײַן מיט אײַך אַלײן, כּדי אײַך איבערצוגעבען מײַן סוד. מײַנע עלטערן זענען געװען אַנוסים.

דאָנאַ אַנונציאַטאַ האָט געשװיגען.

— זעהר פֿריה—האָט דער שװינדלער אָנגעהױבען רעדען װײַטער—האָב איך געמוזט פֿערלאָזען דאָס הױז פֿון מײַנע עלטערן. נאָך אַלס יונגעל האָט מען מיך אין סאָלדאַטען גענומען און איך האָב געמוזט אַלס פּױקער געהן מיט דער אַרמײע. אַזױ האָב איך גאָר נישט געװאוסט, אַז מײַנע עלטערן זענען יודען געװען. װי איך בין געקומען צוריק פֿון דער מלחמה און איך האָב פֿון מײַן גאַנצער משפּחה געפֿונען בײַם לעבען נור מײַן מוטער. „אַנטאָניאָ—האָט מײַן מוטער צו מיר געזאָגט,—איך פֿרעה זיך דאָפּעלט, װאָס דו ביסט צוריקגעקומען, װײַל איצט קאָן איך דיר ענטדעקען, אַז דײַנע עלטערן זענען געװען יודען. דו זאָלסט אױך װערען אַ יוד. בּרענג-איבער מײַנע בעסטע גרוסען דאָנאַ קאַטאַרינאַ דע מאָנטאַלטאָ אָדער איהרע קרובים און בעט זײ, אַז זײ זאָלען דיך אױפֿנעהמען אין יו-

דעֶנטום. און אָט ווייַכט איהר שוין, סעֶניאָרא, פאַרוואָס איך בעֶדויעֶר אַזוי שטאַרק דעֶם טויט פון דאָנאַ קאַטאַרינאַ. איך בעֶט אייך, דאָנאַ גראַציאַ, צי קאָנט איהר מיר העֶלפעֶן צו פעֶרווירקליכעֶן מיין פעֶרלאַנג?

דאָנאַ אַנונציאַטאַ האָט שוין געֶוואָלט דעֶם ליגנעֶר ענטפעֶרן מיט אַ פאָלקאָמעֶן צוטרוי און ענטדעֶקעֶן זיך פאַר איהם אַלס אַ יודישעֶ טאָכטעֶר. אָבעֶר זי האָט זיך נאָך אָבגעֶהאַלטעֶן און געֶזאָגט:

— ניין, סעֶניאָר, איך קאָן אייך דעֶרין קיין עצה נישט געֶבעֶן.

— צי ווענט איהר אַליין מיט אַלעֶ אייערעֶ לייט נישט קיין אַנוסים?

— וואָס פאַלט אייך איין, סעֶניאָר?

— צי איז דען דאָנאַ קאַטאַרינאַ נישט געֶוועֶן בשתיקה קיין יודעֶנעֶ?

— אפשר. אָבעֶר געֶזאָגט האָט זי מיר וועֶגעֶן דעֶם קיינמאָל נישט.

— איהר וועֶט דאָך מיך נישט מסר'ן, סעֶניאָראַ?

דאָנאַ אַנונציאַטאַ האָט איהם אָנגעֶקוקט מיט פעֶרוואונדעֶרונג און פעֶראַכטונג.

— ענטשולדיגט מיר—האָט דעֶר פאַלשעֶר יונג אויסגעֶרופעֶן — דעֶר חשד איז טאַקי צו-נידעֶריג, אָבעֶר...

— איהר קאָנט זיך זיין גאַנץ רוהיג, מעֶסעֶר קאַפיטאַנאָ.

דעֶר גאָסקאָן האָט געֶנומעֶן אָבשיעד גאַנץ ענטטוישט. עֶר האָט ערוואַרטעֶט, אַז די סעֶניאָראַ וועֶט זיך פאַר איהם ענטדעֶקעֶן, נאָכדעֶם ווי עֶר האָט זיך אַליין אַרויסגעֶגעֶבעֶן אַלס יוד; איצט האָט עֶר איינגעֶזעֶהן, אַז זי איז זעֶהר פאָרזיכטיג.

ווען איהרעֶ קינדעֶר זענעֶן מיט דאָן יאָזעֶ געֶקומעֶן צוריק פון שפאַציר, האָט דאָנאַ אַנונציאַטאַ זיי דעֶרצעֶהלט דעֶם אינהאַלט פון איהר געֶשפרעֶך מיט'ן „קאַפיטאַן".

— דעֶר מענש געֶפעֶהלט מיר נישט,—האָט זי איהר ערצעֶהלונג געֶענדיגט,—דאָס איז אַ בעֶריהמטעֶר, און פונקט ווי איך גלויב איהם נישט וועֶגעֶן זיינעֶ קאָלאָסאַלעֶ ערפאָלגעֶן אין דעֶר מלחמה, אַזוי גלויב איך איהם נישט אין דעֶר אויפריכטיגקייט פון זיין פעֶרלאַנג צו ווערעֶן אַ יוד. אויך איז זיין פיזיאָגנאָמיעֶ גאָר נישט קיין יודישעֶ. דאָס איז בכלל נישט קיין מענש, וואָס זאָל דעֶרוועֶקעֶן צוטרוי.

— ליעֶבעֶ מוטעֶר,—האָט איניעֶז געֶזאָגט,—דו אורטיילסט וועֶגעֶן דעֶם מענשעֶן צו-שאַרף. דו מוזט נעֶהמעֶן אין אַכט, אַז עֶר איז אויסגעֶוואַקסעֶן אין לאַגעֶר צווישעֶן סאָלדאַטעֶן. וואו איז דען אין שפאַניעֶן פאַראַן אַ סאָלדאַט, וועֶלכעֶר זאָל נישט מגזם זיין, רעֶדעֶנדיג וועֶגעֶן זיך?

— מיט ביידעֶ העֶנד ברויכעֶן מיר איהם נישט אָבצושטויסעֶן פון זיך.—האָט דאָן יאָזעֶ געֶזאָגט.—די אַנוסים זענעֶן פון געֶוועֶן אָן תמיד פעֶרבונדעֶן איינעֶר מיט'ן אַנדעֶרעֶן דורך אַנ-איינגעֶנוציגעֶר ברידעֶרליכעֶר ליעֶבעֶ. עֶר איז געֶקומעֶן צו אונז מיט פאָלקאָמעֶן צוטרוי, טאָרעֶן מיר איהם נישט פעֶרשטויסעֶן, ווען דאָס זאָל אפילו זיין פעֶרבונדעֶן מיט געֶפאַהר פאַר אונז.

— אמת איז עֶס—האָט דאָנאַ אַנונציאַטאַ אָבגעֶרופעֶן זיך מיט אַ זיפץ.

זי האָט זיך דעֶרמאָהנט, מיט וואָס פאַר אַ מסירת-נפש פאַר זיך ס'האָט זי אַריינ-

גענומען אין שטוב דאָנאַ קאַטאַרינאַ דע מאָנטאַלטאָ. אָבער פונדעסטוועגן האָט זי נאָך אַלץ זיך געוואַקעלט:

— אָה,—האָט זי געזאָגט, — ווען איך וואָלט נור זיכער זיין, אַז ער איז נישט קיין שווינדלער!

— גוט,—האָט זיך אָבגערופען דאָן יאָזע,—מען דאַרף זיין פאָרזיכטיג. לאָמיר דערווייל איהם נישט ענטדעקען, ביז מיר וועלען איהם נאָך בעסער בעאָבאַכטען.

ווען דער גאַסקאָן האָט אָבגעגעבען אַ בעריכט דעם גלח באַלטאַזאַר, האָט יענער איהם בעוואוינגען צו נעהמען זיך מיט מעהר ענערגיע צו דער זאַך. דערביי האָט ער איהם אָנגעוויזען, אַז גאַר איננגיכען דאַרף קומען קיין מאַדריד דער נייער גרויס-אינקוויזיטאָר און ס'וועט זיין זעהר וויכטיג, ווען מען וועט האָבען מאַטעריאַל איינצואָרדנען אַן'אויטאָ-דע-פע.

8.

דער געמאַכטער קאַפיטאַן לאָפעץ איז נאָך אַלץ געווען אַן'אָפטער איינגעהער אין'ם הויז אויפ'ן פאָרשטאַדט לאָס אינפאַנטאָס. דאָרט פלעגט ער אָפט געברויכען בכיוון העברעאישע ווערטער און רעדען וועגען יודישע מנהגים, וועלכע ער האָט כלומר'שט געהערט אין דער יוגענד ביי זיינע עלטערן אין שטוב. אַזוי-אַרום האָט ער ביסלעכוויז זיך דערשלאָגען דערצו, אַז מען האָט זיך אָנגעהויבען בעציהען צו איהם מיט צוטרוי.

אין אַ געוויסען טאָג האָט ער דערצעהלט, אַז ער האָט געלעבט פריהער אין וואַלענסיאַ, דערביי האָט ער, פערשילטענדיג מיט טויטע קללות די אינקוויזיציע, דערצעהלט, ווי ער האָט דאָרט, אַלס סאָלדאַט, געזעהן אַן'אויטאָ-דאַ-פע.

— הונדערט מיט אַכצעהן מאַן—האָט דער שווינדלער געזאָגט — האָט מען דאַמאָלס פערברענט מיט מערדערישע הענד טיילוויי לעבעדיגערהייד, טיילוויי זייערע טויטע קערפער, אָדער זייערע בילדער. פיעל פון זיי האָט מען בעשטראָפט אויף אַן'אַנדער אופן. צווישען די, וואָס מען האָט זייערע בילדער פערברענט, איז אויך געווען אַ בעוואוסטע דאַמע, דאָנאַ אַנונציאַטאַ י. אַגילאַר, אַ טאָכטער פון דאָן פעדראָ קאַזאַלאַ, וועלכען מען האָט פערברענט לעבעדיגערהייד אין יאָהר 1680.

ביי די דאָזיגע ווערטער האָט לאָפעץ זיך אַרומגעקוקט אויף זיינע צוהערער, כדי צו זעהן, וואָס פאַר אַן'איינדרוק זיינע ווערטער האָבען געמאַכט. דאָן יאָזע און די יונגע מיידלעך האָבען אַפילו געהערט אויפמערקזאַם, אָבער ביי זיי אויפ'ן פנים האָט מען נישט געקאָנט בעמערקען קיין בעזונדערען אינטערעס מיט די אונגליקליכע פערברענטע. דער שווינדלער האָט אַ קוק געטהון אויף דאָנאַ אַנונציאַטאַ. בלאַס ווי טויט איז זי געזעסען, איהרע אויגען האָבען געקוקט ווילד.

— איז אייך נישט-גוט געוואָרען?—האָט לאָפעץ געפרעגט מיטלייריג.

דאָנאַ אַנונציאַטאַ האָט זיך באַלד געשטאַרקט.

— ס'איז גאָרנישט,—האָט זי געזאָגט,—דערצעהלט ווייטער.

— דאַמאָלס האָב איך נאָך נישט געוואוסט,—האָט לאָפעץ דערצעהלט ווייטער, — אַז

אויך מײַנע עלטערן זענען געװען אַנוסים; איך האָב עס נור געשפּירט. מיר האָט זיך געוואָלט אַרויסשפּרינגען פֿון דער רײַה סאָלדאַטען, כּדי צו ראַטעװען די אומגליקליכע. בעזונדערס איין מאַן איז דאָרט געװען, װעלכער האָט דערװעקט מײַן מיטגעפֿיהל. דאָס איז געװען נאָך אַ יונגער, בּילד-שענער מאַן, װאָס אַפילו דאָס שרעקליכע קלייד סאַן בעניטאָ און דער שװיערהאַפֿטער פּיראַמידענפֿאָרמיגער הוט, קאָראָזאַ, האָט ניט געקאָנט פֿערהילען זײַן שענהײַט. ער איז געשטאָרבּען װי אַ העלד. ער איז געװען פֿון װאַלענסיאַ און האָט געהײַסען דאָן מאַנועל י. אַגילאַר.

אַ שרעקליך געשרײַ האָט זיך אַרויסגעריסען בּײַ דאָנאַ אַנונציאַטאַ. װעהרענד דער פֿאַלשער קאַפּיטאַן האָט דערצעהלט זײַן געשיכטע, האָט זי זיך אויפגעהויבּען פֿון איהר אָרט. איצט איז זי אין חלשות אַנידערגעפֿאַלען אויף איהר שטוהל. איניעז און פֿראַנציעסקאַ האָבען געאײַלט איהר צו בּרענגען הילף; דאָן יאָזע האָט געבּראַכט קאַלט װאַסער און בּעשפּריצט איהר דעם פּנים. לאַנגזאַם האָט זי זיך אָבּגעמינטערט, און װען זי איז צו-זיך געקומען, האָט זי פֿערצװײַפֿעלט אַ קוק געטהון אויף לאָפּעז'ן און אויסגערופֿען:

— איהר האָט געזעהן, װי מײַן מאַן איז געשטאָרבּען?

— צי זענט איהר דען? ... — האָט לאָפּעז געפֿרעגט.

— די פֿרוי פֿונ'ם דער'הרג'עטען.

— דאָנאַ אַנונציאַטאַ י. אַגילאַר, װאָס מען האָט איהר בּילד פֿערבּרענט?

— דיזעלבּע. אָפֿשר װײסט איהר, װאָס איז געװאָרען מיט מײַן קינד, דיעגאָ?

דער גלח בּאַלטאַזאַר האָט צוגערײַט דעם שװינדלער אויך אויף דער דאָזיגער פֿראַגע.

— דאָס יונגעל דיעגאָ איז געשטאָרבּען אין פּאָקען-קראַנקהײַט.

די אומגליקליכע מוטער האָט בּײַ דער דאָזיגער ידיעה אָנגעהויבּען בּיטערליך צו װײנען.

— בּיסט אויך געשטאָרבּען, מײַן זיס קינד! — האָט זי אויסגערופֿען כּליפּענדיג. — מײַן איינציגער זוהן! אַזוי האָט מיך מײַן האָפֿנונג אָבּגענאַרט דיך צו זעהן נאָך אַמאָל! אָה, מײַן דיעגאָ, אַמעהר װאָלט איך בּעסער אָנשטאָט דיר געשטאָרבּען!

איניעז איז צוגעלאָפֿען צו איהר מוטער און אַרומגענומען זי, געהאַלזט און געקושט.

אָה, איניעז, — האָט די מוטער געזאָגט. — דו אַליין בּיסט מיר געבּליבּען. יאָ, אַמאָל בּין איך געװען די העכסטע גליקליכע אויף דער װעלט, אַ מיוחס'דיגע, רײַכע, בּילד-שענע דאַמע. דײַן פֿאָטער איז געװען דער בּעסטער, אײדעלסטער שענסטער מאַן; דײַן בּרודער איז געװען אַ הערליך שען יונגעל, און דו — איהר זענט מיר געװען טײַערער, װי אַלע אוצרות פֿון בּײדע אינדיען! דײַן פֿאָטער האָבּען זײ פֿערבּרענט, דײַן בּרודער איז געשטאָרבּען און נור דו אַליין בּיסט מיר געבּליבּען.

און זי האָט זיך װידער צעװײנט. איניעז און פֿראַנציעסקאַ האָבּען געװײנט מיט איהר צוזאַמען. אויך בּײַ דאָן יאָזע זענען די אויגען נאַס געװאָרען.

— ס'טהוט מיר לייד, סעניאָראַ, — האָט לאָפּעז געזאָגט, — װאָס איך האָב אײַך אַזוי מצער געװען. פֿון דער אַנדער זײַט אָבּער פֿרעה איך זיך, װאָס איך װײס שוין איצט, אַז איהר זענט אַנוסים. געהמט-זשע מיך אויך אַרײַן אין אײַער קהילה.

— דאָ, אין מאַדריד—האָט דאָן יאָזע געזאָגט—האָבען מיר נישט קיין קהילה. אָבער מיר וועלען פאָהרען קיין האָלאַנד, ווי נור איך וועל מיין הויז און מיין געשעפט פערקויפען. ציי ווילט איהר מיט אונז פאָהרען? אין האָלאַנד קאָנט איהר אָהן מורא ווערען ווידער אַ יוד.

— געוויס וויל איך עס,—האָט לאָפּעז געענטפערט מיט פייער,—ווי גליקליך בין איך, וואָס איך געפין זיך ענדליך ביים ציעל פון מיין פערלאַנג.

דאָסמאָל האָט ער טאַקי קיין ליגען נישט געזאָגט. ער איז באמת געווען צופריעדען וואָס ער וועט בעקומען די בעלוינונג, וועלכע דער גלח באַלטאַזאַר האָט איהם צוגעזאָגט אין פאַל, ווען ער וועט די ענטדעקונג מאַכען.

ווען ער האָט פערלאָזען דאָנאַ אַנונציאַטאַ'ס וואוינונג, איז ער תיכף אַוועקגעגאַנגען אין דאָמיניקאַנער-קלויסטער. טריאומפירענד האָט ער געבראַכט דעם גלח באַלטאַזאַר די ידיעות, וואָס ער האָט בעקומען, און דאַן האָבען ביידע צוזאַמענגעשטעלט אַ מסירה, ערקלערענדיג שריפטליך, אַז זיי זענען גרייט צו שווערען, דאָס דאָנאַ גראַציאַ דע לימאַ איז נישט קיין אַנדערע ווי דאָנאַ אַנונציאַטאַ י. אַגילאַר, וועלכע איז פער'משפט געוואָרען צום פערברענען דורך דער אינקוויזיציע, און אַז איהר טאָכטער דאָנאַ אינעז, איהר פערוואַנדטע דאָנאַ פראַנציסקאַ דע מאָנטאַלטאָ, ווי-אויך אינעז'ס חתן, דער זיידענהענדלער, דאָן יאָזע דע מאָנטאַלטאָ, זענען אַלע געהיימע יודען און זיי טראַכטען צו פערקויפען זייער פערמעגען און אַרויסצופאָהרען קיין האָלאַנד און דאָרט איבערגעהן עפענטליך צום יודענטום.

די מסירה האָבען זיי איבערגעגעבען תיכף אויף מאָרגען אין אינקוויזיציאָנס-געריכט, וועלכעס האָט באַלד אָנגענומען זיינע מיטלען.

דוקא דעמזעלבען טאָג איז געקומען צו דאָן יאָזע אַ קונה אויף זיין פערמעגען און געשעפט. דאָן יאָזע איז געקומען צו זיין כלה פול שמחה מיט דער גוטער בשורה.

— דער קונה איז—האָט ער דערצעהלט—אַנ'איינוואוינער פון בילבאַאָ. ער האָט מיר צאָטען אַ היבשע סומע געלד און—דער עיקר—ער וועט בעצאָהלען באַר, וויל ער האָט אַ פעטער אין מאַדריד, וואָס האָט איהם צוגעזאָגט דאָס געלד צו געבען.

— פאַרוואָס-זשע האָסטו נישט תיכף געשלאָסען געשעפט מיט איהם? — האָט דאָנאַ אַנונציאַטאַ געפרעגט.

— אָה, ליעבע מוטער—האָט דאָן יאָזע געענטפערט — אַ געשעפט מאַכט מען נישט אַזוי געשווינד. ערשטענס, האָב איך געוואָלט בעקומען ביי איהם מיט נאָך 1000 פּיאַסטער מעהר; צווייטענס, דאַרף ער צוערשט בעקומען די ערלויבניש פון זיין פעטער.

— אָה, איך וואָלט געוואָלט, אַז דאָס געשעפט זאָל שוין זיין געשלאָסען. עס ברענט מיר דאָ אונטער די פיס.—האָט געזאָגט דאָנאַ אַנונציאַטאַ.—ווען איך וואָלט נור מיט צוואַנציג יאָהר צוריק פון דאַנען אַנטלאָפען, דאַן וואָלט מיין מאַן מאַנועל נישט אומגעקומען אויף אַזאַ שרעקליכען אופן און מיין דיעגאָ וואָלט געבליבען ביים לעבען. אָבער וואָס געווען איז פערפאַלען. יעצט האָב איך נור איין פערלאַנג: צו זעהן איך אַלעמען און זיך אַליין אין זיכערהייט אין האָלאַנד.

— אָבער, ליעבע מוהמע, וואָס וועט זיין מיט'ן דאָזיגען הויז, מיט די מעבעל און אַלץ, וואָס געהערט דערצו?

— מיר וועלען עס פערשליסען און דערנאָך לאָזען פערקויפען דורך דער פערמיטלונג פון האָלענדישען געזאַנדטען, דען קוים זענען מיר אין האָלאַנד, האָט די אינקוויזיציע גישט קיין שליטה נישט אויף אונז, נישט אויף אונזער פערמעגען.

די אונגליקליכע! זיי האָבען געמאַכט פלענער פאַר דער צוקונפט, געהערענד דאָס פערדערבען איז שוין געשטאַנען פאַר זייער טהיר.

מען האָט האַסטיג אָנגעקלאַפּט אין טהיר; די דינסט האָט געעפענט, און אַן אָפיציר פון דער אינקוויזיציע איז אַריינגעקומען צוזאַמען מיט פיעל בעוואָפענטע. דער אָפיציר איז אַריינגעקומען אין זאַל; דאָרט האָט ער זיך פערנייגט פאַר די דאַמען און געזאָגט:

— סעניאָראַ, און איהר, סעניאָרעטאַ, איהר מוזט מיר מוחל זיין, וואָס איך קום צו אייך מיט אַ העכסט אונאַנגענעהמער שליחות: איך מוז אייך אַרעסטירען, די הייליגע אינקוויזיציע לאַדעט אייך איין פאַר איהר געריכט.

די פרויען זענען טויט-דערשראָקען געוואָרען און האָבען נישט געקאָנט קיין וואָרט אַרויסרעדען.

— איך האָב פאַר אייך מיטגעבראַכט אַ וואָגען, — האָט דער אָפיציר געזאָגט ווייטער. — און איהר, סעניאָר, — האָט ער זיך געווענדעט צו דאָן יאָזע, — זענט איהר אָפשר דער חתן פון דאָנאַ אינעץ, דאָן יאָזע דע מאָנטאַלטאַ? אויב אַזוי, קאָנט איהר מיר פערשפּאָרען אַ גאַנג, ווייל מיר ברויכען צו אַרעסטירען אויך דעם דאָזיגען העררן.

דאָן יאָזע האָט געשווינד אַ טראַכט געטהון, אַז פאַר די דאַמען וועט זיין העכסט וויכטיג, דאָס ער זאָל בעסער בלייבען פריי און אונטערנעהמען וועלכע־ס'איז שריט צו זייער בעפרייאונג; ער האָט דעריבער געשווינד געזאָגט:

— איהר האָט אַ טעות, סעניאָר; איך הייס דאָמיניקאָ דע באָרעס און בין ערשט נעכטען געקומען אַהער פון סאַראַגאָסאַ.

דער אָפיציר האָט זיך פערנייגט און געבעטען ענטשולדיגונג.

— זייט מיר מוחל, דאָן דאָמיניקאָ, צי וועלען די דאַמען מיר טהון די געפעליגקייט צו געהן מיט מיר?

די פרויען האָבען זיך געלאָזען געהן, מאַכענדיג דעם אָנשטעל, ווי זיי קענען גאָר נישט דאָן יאָזע. דער לעצטער איז אויך תיכף נאָך זיי געשווינד אַרויס פון שטוב, כדי ערגעץ וואו צו אַנטלויפען און בעהאַלטען זיך. אָבער ווי נור ער איז אַרויסגעקומען פון שטוב, האָט איהם אָבגעשטעלט דער אונטערגעקומענער גלח באַלטאַזאַר מיט'ן שפּיאָן לאָפּעץ און דער לעצטער האָט אויסגערופען צום אָפיציר:

— פאַרוואָס לאָזט איהר אַוועקפליהען דעם דאָזיגען פויגעל? דאָס איז דאָך דאָן יאָזע דע מאָנטאַלטאַ!

אינ'ם זעלבען אויגענבליק האָבען די סאָלדאַטען איהם אַרומגערינגעלט און פעסטגענומען. דאָנאַ אַנונציאַטאַ האָט דערזעהן דעם בלומר'שטען קאַפּיטאַן לאָפּעץ אין דער בעגלייט

טונג פֿון דאָמיניקאַנער גלח באַלטאַזאַר און איהם דערקענט.

— אָיָ, גאָט,—האָט זי אויסגערופֿען,—איך האָב עס געשפּירט! אָה, איהר נישטווירדיגע זאָל איך טרעפֿען גאָט'ס צאָרן!

אַרום האָט זיך דערווייל פֿערזאַמעלט אַ גרויסער המון נייגיעריגע, וואָס איז געשטאַנען אַ קאָפּ אויף אַ קאָפּ, און אומזיסט האָט זיך געמאַטערט אַן'אויסלענדיש-געקליידעטער מאַן פֿון אַ יאָהר פֿופֿציג אַדורכצושטופּען זיך צווישען די געדיכטע רייהען.

9.

נייַנצעהן יאָהר זענען אַדורך פֿון דער צייַט, זינט דאָס גרויסע אויטאָ-דאַ-פֿע איז אייַנגעאָרדענט געוואָרען אין וואַלענסיאַ, וועלכע האָט זיך געענדיגט אַזוי שרעקליך מיט אַן'ערד-ציטערניש. מיר האָבען פֿון יענער צייַט אָן גאָר נישט דערמאָהנט דעם אַזוי-וואונדערליך-געראַטעוועטען דאָן מאַנועל און זייַן אַלטען דיענער ראַפֿאַעלאָ. דער לעזער איז אוודאי נייַגיעריג צו וויסען, וואָס איז מיט זיי געוואָרען.

ווי שוין געזאָגט, זענען בייַדע אַנטלאָפֿענע גליקליך געקומען צום ברעג ים אין גראַאָ און אַרויפֿגענומען געוואָרען אויף אַ האָלענדיש שיף מיט'ן נאָמען „קאָרנעליוס". דאָס שיף איז אָבגעגאַנגען קיין וואַלפּאַראַיזאָ, וועלכע איז די צווייטע הויפּט-שטאָדט פֿון דער יעצטיגער רעפּובליק טשילי. דאַמאָלס האָט די פּראָווינץ נאָך געהערט צו שפּאַניען. פֿון וואַלפּאַראַיזאָ האָט דאָס שיף געדאַרפֿט געהן אויף עק, דרום-אַפֿריקאַ צום קאַפּ פֿון דער גוטער האָפֿנונג און דאַן קומען צוריק קיין האָלאַנד. אין דער נויט האָבען אונזערע בייַדע אַנטלאָפֿענע זיך געזעהן געצוואונגען צו לאָזען זיך אויף דער דאָזיגער ווייַטער רייַזע, ווייל אַ שפּאַנישען שיף האָבען זיי זיך נישט געקאָנט אַנטרויען. געדאַרפֿט האָט זיך אָבער אויסלאָזען גאָר אַנדערש. דאָס שיף „קאָרנעליוס" איז טאַקי געקומען רוהיג אין האַפֿען פֿון וואַלפּאַראַיזאָ, אָבער פֿון דאָרט איז שוין דאָס שיף נישט אָבגעגאַנגען, ווייל בינו לבינו איז אויסגעבראָכען די מלחמה צווישען האָלאַנד און שפּאַניען. „קאָרנעליוס" איז רעקוויזירט געוואָרען און די בייַדע אַנטלאָפֿענע זענען געווען געצוואונגען צו בעזעצען זיך אין וואַלפּאַראַיזאָ אויף אַ לאַנגע צייַט. 14 יאָהר האָט געדויערט די מלחמה און 14 יאָהר האָבען די אַנטלאָפֿענע נישט געקאָנט פֿערלאָזען דרום-אַמעריקאַ אָדער בעקומען נייַעס פֿון דערהיים. דאָן מאַנועל איז אָבער נישט געווען דער מענש, וואָס זאָל זיך לאָזען מנצח-זייַן דורך עגמת-נפש. ווען ער האָט אייַנגעזעהן, דאָס די מעגליכקייַט צו פֿערלאָזען דאָס לאַנד ווערט זיך פֿערציהען אויף יאָהרען, האָט ער געקויפֿט פֿאַר'ן ביסעל געלד, וואָס ראַפֿאַעלאָ האָט בייַ זיך געהאַט, אַ גרוים שטיק נישט-בעאַרבייַט לאַנד נישט-ווייַט פֿון שטאָדט און האָט עס בעאַרבייַט. עטליכע קנעכט, וועלכע ער האָט געהאַט געלעגענהייַט צו קויפֿען, האָבען איהם געהאָלפֿען בייַ דער אַרבייַט. אויך ראַפֿאַעלאָ האָט פֿלייַסיג געהאָלפֿען בייַ דער אַרבייַט און באַלד איז דאָן מאַנועל געוואָרען דער אייגענטימער פֿון אַ פּראַכטפֿולער פּלאַנטאַציע. יעצט האָט ער אויך אַרייַנגענומען צו-זיך די מאַטראָזען פֿון שיף „קאָרנעליוס", וועלכע האָבען פֿלייסיג געאַרבייַט פֿאַר'ן ברויט, קליידונג און אויסהאַלטונג, וואָס דאָן מאַנועל האָט זיי געגעבען. די אַרבייַט האָט געבראַכט פּרוכטען, און ווען ס'איז ענדליך געשלאָסען געוואָרען שלום, האָט דאָן מאַנועל פֿערקויפֿט זייַן גוט פֿאַר אַ היבשען פּרייַז. דאָס

שיף „קאָרנעליוס“, וואָס האָט אַזוי לאַנג געמוזט שטעהן אָהן אַרבייט אין האַפען, איז פער־ריכט געוואָרען און זיך געלאָזען צוריק אויף דער רייזע קיין האָלאַנד. מיט׳ן שיף זענען גע־פאָהרען אויך דאָן מאַנועל און דער אַלטער־אַלטער, אָבער נאָך קרעפטיגער ראַפאַעלאַ.

די רייזע קיין האָלאַנד איז זיך דורכגעמאַכט געוואָרען אָהן בעזונדערע צופאַלען. מאַנועל מיט זיין בעגלייטער זענען געשטאַנען אויפ׳ן דעק פון שיף און געקוקט מיט בענקעניש צו די ווייטע האָלענדישע ברעגען.

— צי וועל איך נור געפינען מיין ווייב און מיינע טייערע קינדער אין אַמשטערדאַם?— האָט זיך געפרעגט דאָן מאַנועל.

— איך בין זעהר מסופק,—האָט זיך אָבגערופען דער אַלטער טרייער דינער.—ווען אפילו דאָנאַ אַנונציאַטאַ האָט בשעת׳ן אַנטלויפען געהאַט גענוג געלד, האָט זי אין דער שווערער מלחמה־צייט מיט אַזאַ סומע, ווי זי האָט געהאַט, נישט געקאָנט מאַכען די רייזע. און דאַן: ווי אַזוי האָט זי געקאָנט בעקומען אין איהרע הענד דאָס יונגעל דיעגאָ, וואָס האָט זיך געפונען אין די הענד פון די דאָמיניקאַנער?

ביי דאָן מאַנועל האָט זיך אַרויסגעריסען פון האַרצען אַ טיעפער זיפץ.

— מיין ראַפאַעלאַ,— האָט ער געזאָגט,—אויב איך וועל מיינע ווייב און קינדער נישט גע־פינען אין האָלאַנד, פאָהר איך קיין שפּאַניען אויפצוזוכען זיי.

— ווי, איהר, דער פערורטיילטער אין דער אינקוויזיציע, ווילט זיך לאָזען צוריק אין די ציינער פון דער ווילדער חיה?

— וואָס איז מיר דאָס לעבען, אויב איך זאָל נישט זעהן ווידער מיין ווייב און קינדער!

— לאָזט מיך פאָהרען קיין שפּאַניען אויפצוזוכען זיי.

— ניין, ראַפאַעלאַ, אויך דו ביסט פערורטיילט דורך דער אינקוויזיציע און דיין בילד האָט מען שוין פערברענט. איבריגענס ביסטו שוין אַלט און דו מוזט זיך אויסרוהען.

ראַפאַעלאַ האָט געשוויגען: ער האָט אַליין געשפירט, אַז ער איז שוין נישט מעהר גענוג שטאַרק אויסצוהאַלטען אַזאַ רייזע און מנצח זיין די שוועריגקייטען, וואָס קאָנען זיך פאָרשטעלען ביים דורכפיהרען אַזאַ אויפגאַבע.

ווען דאָן מאַנועל און זיין בעגלייטער זענען אַרויפגעקומען אויף דער יבשה אין האָלאַנד, האָבען זיי אָהן שוועריגקייטען אויפגעזוכט זייערע פריינד און קרובים אין אַמשטערדאַם, וועלכע זענען זעהר ערשטוינט געוואָרען, ווען זיי האָבען דערזעהן דאָן מאַנועל, וועלכען זיי האָבען שוין לאַנג בעטרויערט אַלס אַ קרבן פון די אינקוויזיציאָנס־פלאַמען. מיט דער העכסטער שפּאַנונג האָבען זיי געהערט זיין וואונדערבאַרע ערצעהלונג. די גאַנצע פּאָרטוגעזישע קהילה אין אַמשטערדאַם איז זיך צוזאַמענגעקומען אין הויז פון דאָן פערעץ טעקסיירא, דאָן מאַנועל׳ס שוואָגער, כדי צו זעהן איהם. דאָן מאַנועל האָט ביי יעדערען נאָכגעפרעגט, אפשר ווייס עמיץ עטוואָס וועגען זיין פרוי און קינדער, ווייל אַלע דאַמאָליגע שפּאַנישע יודען האָבען געפיהרט זעהר לעבהאַפטע געשעפטען מיט זייער אַלטער היים שפּאַניען. ווי שלעכט שפּאַניען איז זיך בעגאַנגען מיט די יודען, ווי שטאַרק זי האָט זיי גערודפ׳ט מיט פייער און שווערד, פונדעסטוועגען האָט זי דיזעלבע אַנטלאָפענע יודען געשטיצט אויף אַלע אופנים אין די פרעמדע

לענדער, וואו זיי האָבען זיך בעזעצט. די שפּאַנישע רעגירונג האָט איבעראַל בעשטימט די
ספרד'ישע יודען פאַר איהרע אַגענטען און קאָנסולען, ווי אויך בעפולמעכטיגטע, און די
יודען פון זייער זייט האָבען געפיהרט אַ לעבהאַפטען עקספּאָרט- און אימפּאָרט-האַנדעל מיט'ן
לאַנד, וואָס האָט זיי מערדעריש גע'רודפ'ט. עס פערשטעהט-זיך, אַז אַ גרויסע ראָליע
האָט דערביי געשפּיעלט די שפּאַנישע שפּראַך, וועלכע אַלע ספרד'ישע יודען האָבען גערעדט.
די שפּראַך איז געוועזען און געבליבען דער נאַטירליכער בונד צווישען שפּאַניען און די אַרויס-
געטריבענע יודען. נאָך עד-היום האָבען די אייניקלעך פון יענע פערטריבענע יודען, וועלכע
וואוינען צעזייהט און צעשפּרייט אין האָלאַנד, ענגלאַנד, דייטשלאַנד, אַפריקאַ, טערקיי און אין
אַלע מזרח-לענדער, נישט פערגעסען, די דאָזיגע שפּראַך פון זייער אַמאָל אַזוי הייס געליעב-
טען פאַטערלאַנד. פון עק אייראָפּאַ, פון שפּאַניען, זענען זיי אַנטלאָפען קיין אַזיען, האָבען זיך
בעזעצט אין רומעניען, אין סערביען און היינט האָבען זיי, נאָך פערלויף פון הונדערטער
יאָהרען, אַנ'אייגענע ספרד'ישע קהלה און רעדען נאָך אַלץ שפּאַניש, נישט קוקענדיג אויף די
פיער הונדערט יאָהר, וואָס זונדערט זיי אָב פון זייער אַלטען היים, און אויף די פיעל לענ-
דער, וואָס זיי האָבען אין דער דאָזיגער לאַנגער צייט שוין בעוואוינט. אויב אָבער מען קעהר
זיך צו מיינען, אַז דוקא אָט די שטענדיגע וואַנדערונג איז די סבה פונ'ם האַלטען-זיך פעסט
אָן דער שפּראַך, ווערט מען האָבען אַ טעות, דען אויך די ספרדים אין האָלאַנד און אין די
מזרח-לענדער, וועלכע האָבען די גאַנצע פיערהונדערט יאָהר נאָכ'ן גירוש געוואוינט אויף
איין אָרט, רעדען נאָך עד-היום זייער אַלטע שפּאַנישע שפּראַך.

דאָן מאַנועל האָט נאָכגעפרעגט ביי אַלעמען, ווער ס'איז נור געקומען איהם בעזוכען,
אפשר ווייס עמיצער עטוואָס וועגען זיין ווייב און קינדער, אָבער קיינער האָט איהם נישט
געקאָנט געבען קיין ידיעות. דער קריעג האָט איבערגעריסען די פערבינדונגען מיט שפּאַניען
און נאָכ'ן שליסען שלום איז אַריבער ערשט נישט פיעל צייט, זענען נאָך נישט געקומען
קיין שיפען פון שפּאַניען. בכלל איז אָבער שווער געוועזען צו האָבען ידיעות פון אַנ'אונגליקלי-
כער עלענדער פרוי, וועלכע האָט זיך געמוזט האַלטען בעהאַלטען.

נישט-קוקענדיג דערויף, וואָס זיינע קרובים האָבען איהם אָבגערעדט פון דער רייזע קיין
שפּאַניען, האָט דאָן מאַנועל בעשלאָסען אונטערצונעהמען די רייזע, כדי אַליין צו דערגעהן,
וואָס איז געוואָרען פון זיין ליעבער משפּחה.

ווען זיין שוואָגער האָט דערזעהן, אַז ער האַלט זיך פעסט ביי זיין בעשלוס, האָט ער
בעקומען פאַר איהם אַ האָלענדישען פּאַס און אַ רעקאָמענדאַציע פון אַ מיטגליעד אין גרויסען
ראַט פון די האָלענדישע גענעראַל-שטאַטען צום האָלענדישען געזאַנדטען אין מאַדריד. לויט'ן
פּאַספּאָרט האָט דאָן מאַנועל געהייסען וואַן סוויעטען און מיט'ן דאָזיגען נאָמען איז ער
גליקליך געקומען קיין שפּאַניען, וואו ער האָט זיך אַ קורצע צייט אויסגערוהט און דאַן איז
ער אָבגעפאָהרען קיין מאַדריד, נאָכגעפרעגט זיך אויף דער פאָרשטאָדט לאָס אינפאַנטאָס
און געקומען אַהין גראָד אין אונגליקליכען מאָמענט, ווען אַ גרויסער המון האָט זיך פערזאַ-
מעלט אַרום דעם הויז, וואָס ראַפאַעלאָ האָט איהם בעצייכענט.

מיר האָבען שוין דערמאָהנט, אַז בשעת'ן אַרעסט פון דאָנאַ אַנונציאַטאַ מיט איהרע

קינדער האָט אַ פֿרעמדער אויסלענדיש געקליידעטער, הערר פֿון אַ יאָהר 50 זיך בעמיהט אומזיסט דורכצורייסען זיך דורכ'ן המון און דערוויסען זיך, וואָס עס קומט-פֿאָר אין הויז. דער דאָזיגער פרעמדער איז נישט געווען קיין אַנדערער, ווי דאָן מאַנועל. ער האָט באַלד דערשפּירט, אַז דאָ קומט-פֿאָר עפּיס שרעקליכעס. ער האָט געזעהן, ווי בעוואָפֿענטע מענשען בעוואַכען אַ וואָגען, וואָס פֿאָהרט פֿון הויז. ער איז דעריבער אַריינגעקומען וואָס געשווינדער אין הויז, וואו די שומרים פֿון דער אינקוויזיציע זענען געשטאַנען אויף דער וואַך, ווייל זיי האָבען שוין בעטראַכט דאָס הויז מיט'ן גאַנצען פֿערמעגען אַלס אייגענטום פֿון דער אינקוויזיציע. דאָן מאַנועל האָט געפֿונען דאָרט די יאָמערנדע דיענסטען.

— וועמען געהערט דאָס הויז?—האָט ער אַ פֿרעג געטהון איין דיענסט.

— דער אַלמנה דאָנאַ גראַציאַ דע ליטאַ. — האָט די דיענסט געענטפֿערט מיט אַ געוויין.—אָה, מיין גוטע אָרימע, אונגליקליכע העררין!

דאָן מאַנועל האָט זיך דערשראָקען. דער נאָמען איז געווען דער אייגענער, וואָס ראַפֿאַעלאָ האָט איהם געזאָגט.

— די אַלמנה האָט געלעבט אַליין?

— אָה, ניין, אָה, מיין זיסע סעניאָריטאַ דאָנאַ אינעז, איהר טאָכטער און מיין גאָלדענע סעניאָריטאַ דאָנאַ פֿראַנצעסקאַ, די פּלימעניצע פֿון דער סעניאָראַ— זיי ביידע האָבען דאָ געלעבט מיט דער סעניאָראַ צוזאַמען. אָה, מען האָט זיי אַלעמען אַוועקגעפֿיהרט. אויך דעם חתן פֿון דער סעניאָריטאַ, דאָן יאָזע דע מאָנטאַלטאָ, האָט מען אַוועקגעפֿיהרט.

— און וואוהין האָט מען זיי געפֿיהרט?

— אין געפֿענגעניש פֿון דער אינקוויזיציע. מען זאָגט, אַז זיי זענען אפּיקורסים, אָבער איך גלויב דאָס נישט.

די דיענסט האָט זיך ווידער ביטערליך צעוויינט.

דאָן מאַנועל איז געבליבען ווי בעטויבט. בשעת ער האָט מיט פֿיעל יאָהרען צוריק איבערגעליטען די יסורים פֿון דער פּייניגונג אין דער אינקוויזיציע, איז זיין ווערטאָג נישט געווען אַזוי גרויס, ווי איצט. ציז דען צוליעב דעם איז ער אויף אַזאַ וואונדערליכען אופֿן ניצל געוואָרען פֿון טויט, כדי צו דערלעבען און מוזען זעהן, ווי די איהם ליעבע נפשות וועלען דאַרפֿען אַריינפֿאַלען אין די שוידערהאַפֿטע נעגעל פֿון דער אינקוויזיציע? אַלע לאַנגע, איינזאַמע, טרויעריגע יאָהרען האָט ער נור געלעבט מיט דער האָפֿנונג, אַז סוף-כל-סוף וועט דאָך קומען דער טאָג, ווען ער וועט ווידער קאָנען אומאַרעמען זיין ווייב און קינדער. און איצט?

ער האָט געשפּירט, ווי אויף איהם וואָלט געלעגען אַ שרעקליכע משא, און ער וואָלט גערן אַוועקגעוואָרפֿען זיין לעבען, וואָס האָט איהם געבראַכט אַזוי פֿיעל עינוים און אימות. דאָך האָט ער זיך געשטאַרקט אין אַ פֿייערדיגער תפֿלה צו דעם אויבערשטען און אַרויסגעריסען זיך פֿונ'ם שגעון, וואָס האָט שיער נישט אַרומגענומען זיין פֿערשטאַנד.

ער האָט ווידער געפֿונען אין זיך אַזוי פֿיעל קראַפֿט און ישוב-הדעת, כדי צו קאָנען נאָכפֿרעגען און דערגעהן ביי דער דיענסט און ביי די אַרומיגע שכנים אַלץ, וואָס האָט

טר געהאַט אַ שייכות צו זיינע ליעבע פרוי און קינדער. איצט האָט ער שוין נישט געהאַט קיין ספק, אַז דאָס האָט מען אַרעסטירט זיין פרוי און זיין טאָכטער איטע. ס׳איז איהם אויך קלאָר געוואָרען, אַז דורך אַן׳אומגליקליכען צופאַל האָט די אינקוויזיציע זיך דערוואוסט וועגען זייער נאָמען און מען האָט זיי אַרעסטירט אַלס קרבנות, וועלכע האָבען שוין גע־הערט דער אינקוויזיציע, אָבער אומזיסט האָט ער געפייניגט זיין מוח, מאַטערנדיג זיך צו געפינען אַ פלאַן, ווי־אַזוי אָבצוראַטעווען די אומגליקליכע. זיין איינציגע שטיצע איז געווען נור די רעקאָמענדאַציע, וואָס ער האָט געהאַט צום האָלענדישען געזאַנדטען. וואָס האָט אָבער געקאָנט אויפטהון אַ האָלענדישער געזאַנדטער געגען דער אינקוויזיציע?

ווען דאָן מאַנועל איז איינמאָל ווידער געקומען נאָכפרעגען ביי די שכנים אין דער פאָרשטאָדט לאָס אינפאַנטאָס, האָט בשעת־מעשה זיך אַרומגעדרעהט דאָרט לאָפּעץ, וועלכער איז געקומען אָנקוקען זיך און קלייבען נחת אויפ׳ן אָרט, וואו ער האָט אויפגעטהון אַזעלכע שענע מעשים.

— זעהט, — האָט געזאָגט די פרוי, מיט וועלכער דאָן מאַנועל האָט געהאַלטען אין שמועסען, — אָט דער מאַן איז געווען אַן׳אָפטער איינגעהער אין הויז פון דער סעניאָרא.

דאָן מאַנועל איז באַלד צוגעגאַנגען צו לאָפּעץ׳ן און איהם אַ פרעג געטהון:

— זייט מוחל, סעניאָר, — האָט ער געזאָגט, — איהר קענט די משפחה פון אַפּיקורסים, וואָס האָט דאָ געוואוינט?

— געוויס, הערר, — האָט דער גאַסקאָן געענטפערט. — און אויב איהר וועט מיך איינ־לאַדען אויף אַ מיטאָג מיט אַ גוט פלאַש וויין, וועל איך אייך דערצעהלען די דאָזיגע שענע געשיכטע, ס׳איז איינפאַך צום לאַכען.

דאָן מאַנועל האָט באַלד איינגעשטימט אויפ׳ן פאָרשלאַג און אַזוי־אַרום האָט ער זיך דערוואוסט וועגען אַלע שענדליכע מעשים, דורך וועלכע זיין משפחה איז פאַרשלעפּט גע־וואָרען אין פאַרדערבען.

ענדע פון צווייטען טייל.

דריטער טייל.

1.

אין טרויעריגען טאָל פון ניי-קאַסטיליען, וועלכער איז אויסגעבּרייטעט פון דער זון, פאָרט א רייזע-וואָגען, געשפּאַנט מיט פיר מויל-טיערען.

— ווען מיר באַלד קומען?—האָט געפרעגט ביים קוטשער דער הערר, וואָס איז געזעסען אין וואָגען, א העכערער גלח.

— אט יענע געביידע, סעניאָר, וואָס פינקעלט אייך אנטקעגען אין די גאָלדענע שטראַהלען פון זונען-אונטערגאַנג—האָט דער קוטשער געענטפערט—אט דאָס איז דער קעניגליכער פּאַלאַץ פון אַראַנזשועץ.

אַראַנזשועץ! וואָס פאַר א סצענעס האָבען זיך שוין דאָרט אָבגעשפּיעלט אין די זאַלען און גאָרטענס פון די צייטען פון שילער׳ס דאָן קאַרלאָס ביז אונזער צייט, ביז דער צייט פון דער אונשולדיגער איזאַבעלאַ! איבּריגענס איז דער ווירקליכער דאָן קאַרלאָס, דער זוהן פון פיליפּ II, גאָר נישט געווען דער העלד פון פרייהייט און פון גוטע מדות, ווי די פאַנטאַזיע פון׳ם דייטשען דיכטער האָט איהם בעשאַפען. דער ווירקליכער דאָן קאַרלאָס האָט אָנ׳אינטערעס פאַר דער יודישער געשיכטע דאַדורך, וואָס ער האָט ביינעוואוינט אָנ׳אויטאָ-דאַ-פע אין וואַלאַדאָליד. דאָרט האָט ער געשוואָרען א פייערליכע שבועה, צו רודפ׳ן די אפּיקורסים און שטענדיג צו בעשיצען די הייליגע אינקוויזיציע. דאַן האָט ער אָנגעצונדען א צווייג און אליין געוואָרפען אויפ׳ן בּרענ האַלץ, וואו עס זענען געזעסען 14 מענשען, וואָס זענען געווען פעראורטהיילט פערבּרענט צו ווערען לעבּעדיג, און נאָך פיעל אַנדערע דערשטיקטע, וועלכע האָבען געדאַרפט פערבּרענט ווערען נאָכ׳ן טויט. אָט דאָס איז דער היסטאָרישער דאָן קאַרלאָס, וועלכער האָט א שייכות צום שילער׳ישען פאַנטאַזיען-בילד נור דערמיט, וואָס זיי האָבען ביידע איין נאָמען.

אַראַנזשועץ איז אַנ׳אָאַזיס אינ׳ם אויסגעבּרענטען טאָל פון ניי-קאַסטיליען; די געגענד איז זעהר שען, דער בּאָדען—פרוכטבאַר, און די לופט — קיהל. דאָס דאָרטיגע שלאָס איז איבּערגעבּויט געוואָרען אונטער פיליפּ V און דער גאָרטען איז אויסנייע בעפלאַנצט געוואָרען. אַראַנזשועץ איז געוואָרען א קאָפּיע פון ווערסייל. אַלעען מיט פראַכטפולע בּוימער, קינסטליכע טייכען, מיטאָלאָגישע סטאַטועען — אָבּער אין ערגעץ נישט קיין כאַראַקטער פון אינדיווידועלען לעבּען, פונקט ווי אין ענגליכען הויף, וועלכער האָט דאָ געפיהרט א לאַנגווייליג לעבּען.

אין גרויסען וואונדערפולען פּאַרק האָבען שפּאַצירט אין א זומערדיגען פאַרנאַכט צוויי דאַמען: די שפּאַנישע קעניגין און איהר פריינדין, די פירשטין אורסיני.

— מאַיעסטעט—האָט געזאָגט די פּירשטין—איך שטאַרב פון לאַנגוויַיליגקייט! ווי אין׳ם דאָזיגען געשאָרענעם פּאַרק, שיינט אויך די גאַנצע נאַטור צו זיין אוועקגעפלויגען מיט איהר גאַנצער שענהייט פון דער אומגעגענד. נישטאָ דאָ דער שעפערישער קאַפּריז פון דער נאַטור, אומעטום שפּירט מען די שער פון׳ם מענשען. אפילו די הירשען און האָזען לעבען אין׳ם דאָזיגען פּאַרק בשלום. לאָזט מיך אָב, מאַיעסטעט, צוריק אין מיינע סאַוואָישע בערג!

— און וואָס זאָל דען ווערען פון מיר?—האָט געפרעגט די קעניגין.—זאָל איך דען ווירקליך שטאַרבען פון לאַנגוויַיליגקייט, ווען איך וועל דיך נישט האָבען ביי מיר און נישט הערען מעהר דיינע פרעהליכע שטיפעריַיען און שטעהן אין געפאַהר דערשטיקט צו ווערען פון דער שטייפער גדלות פון די שפּאַניערינס?

ביידע דאַמען זענען צוגעקומען צום פּאַרקאַן פון פּאַרק און דאָ האָבען זיי דערזעהן, ווי די אויבענדערמאָהנטע מויל-טירען האָבען זיך געשלעפּט מיט גרויס מיה באַרג-אַרויף מיט׳ן וואָגען און דעם רייזענדען. ווען דער הערר פון וואָגען האָט דערקענט די דאַמען, האָט ער בעפוילען דעם קוטשער אָבצושטעלען זיך, איז אַראָבגעשפּרונגען מיט יוגענדליכער געשיקטקייט אויף דער ערד און זיך געבוקט מיט גרויס עהרפורכט פאַר די דאַמען.

— אָה,—האָט געזאָגט די קעניגין,—אונזער מעשה׳לעך-דערצעהלער פון טאָלעדאָ! זייט מיר בעגריסט אין אַראַנזשועץ!

— זייט בעגריסט, סעניאָר!—האָט אויך אויסגערופען די פּירשטין.—איהר קומט צו דער רעכטער צייט, כדי צו ראַטעווען מיין יונג לעבען.

— צי איז דאָס לעבען פון אייער דורכלויכט אין געפאַהר?—האָט דער פרעמדער געפרעגט מיט אַ שמייכעל.

— געוויס!—האָט די פּירשטין געענטפערט.—איך שטאַרב פון לאַנגוויַיליגקייט!

— און דאָס זאָל איך זיין אייער דאָקטאָר, סעניאָראַ?—האָט דער גלח געפרעגט.

— יאָ, איהר! זאָלט!—האָט די פּירשטין געענטפערט.—מיר האָבען אייך דערפאַר דערהויבען צום בישאָף פון אַווילאַ, כדי איהר זאָלט אַלס גרויס-אינקוויזיטאָר דאַרפען וואוינען אין מאַדריד.

— צי איז אָבער דען אַ מענש מיט אַזעלכע טיטלען דער מאַן צו מאַכען עמיצען פערגעניגענס?

— געוויס,—האָט די קעניגין געזאָגט,—אייערע שטעלעס זענען אפילו הייליג, סעניאָר! אָבער נישט אויף אַזוי פיעל, אַז איהר זאָלט נישט געפינען קיין פרעהליך וואָרט, ווען איהר ווילט נור, כדי צו צעשטרייען אונזער פּירשטין. איהר ברויכט צו וויסען, אַז אונזער גוטער קעניג, דאָן פיליפּ V, פערלאַנגט, אַז איך זאָל מיט איהם צוזאַמען טראָגען די משא פון דער רעגירונגס-טעטיגקייט. פאַר מיר אָבער איז אַזאַ משא צו-שווער און דעריבער האָב איך זי אַרויפגעלעגט אויף די פּלייצעס פון מיין קלוגער און גייסטרייכער פריינדין, דער פּירשטין אורסיני. אָבער מיין אָרימע פריינדין שפּירט-זיך דאָ זעהר לאַנגוויַיליג: זי בענקט נאָך אונזער שענעם היים-לאַנד, נאָך איטאַליען, און סטראַשעט מיר אָפט, אַז זי וועט אַנט-לויפען אין די סאַוואָישע בערג אַריין. שטעלט-זיך נור פאָר, סעניאָר, וואָס פאַר אַן׳אומגליק

דאָס וואָלט געווען פֿאַר שפּאַניען, ווען די פֿירשטין זאָל אויפֿהערען מיטצווירקען אין דער רעגירונגס־אַרבייט פֿונ'ם דאָזיגען גרויסען און רייכען, אָבער דאָך חרוב־געוואָרענעם לאַנד דורך די לאַנגע מלחמות! און דעריבער איז אַלץ, וואָס איהר וועט טהון פֿאַר מיין פֿריינדין, אויב איהר וועט פֿערטרייבען די וואָלקענס פֿון איהר שטערן, אויב איהר וועט איהר הויכען גייסט געבען די מעגליכקייט צו דערהאַלטען זיין געשפּאַנטע קראַפֿט — וועט איהר עס אַלץ טהון פֿאַר שפּאַניען! און אייערע הייליגע שטעלעס שטערען דאָך אייך נישט צו אַרבייטען לטובת דעם לאַנד! זענען דאָך שוין טאַקי אָפֿט געווען הויכע גלחים, מיטאַרבייטער פֿון דער רעגירונג — ווי, למשל, דער קאַרדינאַל קסימענעס אָדער דער איידעלער און פֿיעל בעקלאָגטער, דאָ־נישט־לאַנג פֿערשטאָרבענער קאַרדינאַל פּראָטיהאָרבעראַ.

— איך בעוואונדער אייער מאַיעסטעט, — האָט געענטפֿערט דיעגאָ, — אייער מאַיעסטעט איז נישט בלויז קעניגין פֿון שפּאַניען, זי איז אויך די הערשערין און געביעטערין פֿון דער שענהייט, פֿון גייסט און מילדקייט.

— און איך, — האָט די פֿירשטין זיך אָבגערופֿען איראָניש־בייזליך, — וואָס בין איך דען?

— אייער דורכלויכט, איהר זענט די שענהייט, דער גייסט און די מילדקייט גופֿא.

— וואָס פֿאַר אַ געשמאַקלאָזע חניפֿה! ניין, סעניאָר, אויב איהר ווילט זינגען אַזעלכע ליעדעלעך — האָבען מיר דערצו אַנ'אייגענע בנופֿיא אי אין אַראַנזשועץ, אי אין מאַדריד. אַזוי־אַרום האָבען מיר אייך געקאָנט איבערלאָזען אין טאָלעדאָ, אָדער אין אַווילאַ.

— און וואָס האָט בעוואויגען מיין גנעדיגע פֿירשטין צו רופֿען מיך לעבען אין דער סביבה פֿון קעניגליכען הויף?

— איך האָב גערעכענט, אַז איהר זענט אַ מאַן און נישט קיין הויפֿמאַן.

— איך שטאַם פֿון אַ משפּחה, וואָס האָט אַרויסגעגעבען פֿיעל מענער, אָבער נאָך קיינמאָל נישט קיין הויפֿלייט. קיינמאָל האָב נאָך אַנ'אַגילאַר נישט געדיענט ביים הויף.

ווערענד דעם דאָזיגען שמועס זענען די דאַמען ווידער אַריינגעקומען אין פּאַרק. דאָן דיעגאָ איז געגאַנגען מיט זיי. זיין רייזע־וואָגען איז דערווייל אַריינגעפֿאָהרען אין שלאָס, וואו זיין בעדיענטער האָט זיך געמעלדעט ביים אויבער־הויפֿמיניסטער, כּדי מען זאָל איהם אָנווייזען די [illegible]ערן, אין וועלכע ס'וועט זיך דאַרפֿען אַריינציהען אַזאַ הויכגעשטעלטע פּער־זאָן ווי דער בישאָף פֿון אַווילאַ און גרויס־אינקוויזיטאָר פֿון מאַדריד.

— איהר שטאַמט פֿון דער משפּחה י. אַגילאַר? — האָט די פֿירשטין געפֿרעגט. — צי לעבען נאָך אייערע עלטערן און שוועסטער און ברידער?

דאָן דיעגאָ האָט געקוקט אַ וויילע פֿאַר זיך פֿערטראַכטערהייד און געענטפֿערט:

— אָה, גנעדיגע פֿירשטין, איהר בערירט אַנ'אַנגעווערהטאַגטע טעמאַ. צי האָב איך נאָך עלטערן און שוועסטער און ברידער? — איך ווייס נישט.

— איהר ווייסט נישט! — האָבען אויסגערופֿען מיט־אַמאָל ביידע הויכע דאַמען.

— ניין, מאַיעסטעט, איך ווייס עס נישט. ווען איך דערמאָהן זיך וועגען מיין יוגענד און פֿריהער קינדהייט, דערמאָהן איך זיך וועגען אַ שען הויז, וועגען אַ גוט בעאַרבייטען גאָרטען, וועגען פּראַכטפֿולע וועלדער, וועגען וועלדער פֿון אָליווירטען און וויינגערטנער.

און געזאָגט האָט מען מיר דאַמאָלס, אַז אַמאָל וועט דאָס אַלץ מיר געהערען. דער אוי־בערשטער איז מײַן עדות, אַז איך בעדויער נישט דעם פֿערלוסט פֿון אַלע דאָזיגע שענע זאַכען. אָבער איך האָב אויך געהאַט אַ פֿאָטער, אַ מוטער, אַ שוועסטערל און אַן אַלטען לעהרער, וועלכע איך האָב זעהר ליעב געהאַט. מײַן מוטער איז עהנליך געווען צו יענע מילדע געשטאַלטען, וואָס דער גרויסער קינסטלער מורילאָ האָט געמאָלט. מײַן פֿאָטער איז געווען אַ שענער, ערנסטער און נאָך גאָר יונגער מאַן; מײַן שוועסטערל איז געווען אַ רײַצענד קינד און מײַן אַלטער לעהרער איז געווען עהנליך צו די פּאַטריאַרכען פֿון תנ״ך...

— אין אַ געוויסען טאָג—האָט דיעגאָ דערצעהלט נאָך אַ קורצער פּויזע ווײַטער — בין איך זעהר קראַנק געוואָרען. אַ לאַנגע צײַט בין איך געלעגען אָהן דעת, און ווען איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט צוריק פֿון מײַן טיעפֿען און שווערען שלאָף פֿון בעוואוסטלאָזיגקײַט — איז אַלץ פֿערשוואונדען געוואָרען: דאָס הויז, דער גאָרטען, דאָס וועלדעל פֿון אײַלבירטען, די וועלדער, די ווײַנגערטנער, דער פֿאָטער, די מוטער, די שוועסטער, דער לעהרער, און איך האָב זיך דערזעהן צווישען גלחים פֿונ׳ם אָרדען פֿון הײליגען דאָמיניקוס.

— און איהר האָט גאָר נישט געפֿרעגט, וואוהין זענען אַהינגעקומען אײַערע ליעבע לײַט?

— איך האָב געפֿרעגט און געפֿרעגט, אָבער מען האָט מיר געענטפֿערט מיט האַלבע ווערטער.

— און איהר אַלײַן זענט זיך גאָר נישט משער, וואָס מיט זײ איז געוואָרען?

— כ׳האָב מורא, אַז מען האָט מײַנע עלטערן און מײַן לעהרער פֿערברענט און מײַן שוועסטערל האָט מען געמאַכט פֿאַר אַ מאָנאַשקע, ווי מען האָט פֿון מיר געמאַכט אַ מאָנאַך.

— פֿערברענט?—האָבען בײדע דאַמען געפֿרעגט מיט שרעק.

— יאָ, פֿערברענט, פֿערברענט דורך דער הײליגער אינקוויזיציע, וואָס דורך דער גנאָד פֿון זײַן מאַיעסטעט בין איך יעצט בעשטימט געוואָרען צו זײַן איהר הויפּט-ריכטער.

— און פֿאַרוואָס זענט איהר זיך משער דוקא דאָס?

— ווײַל מײַנע עלטערן זענען געווען מאַראַנען.

— וואָס איז דאָס? כ׳האָב אַזאַ וואָרט קײנמאָל נישט געהערט נאָך.

— כ׳וועל עס אײַך ערקלערען.—האָט דיעגאָ געזאָגט.—אין די אַלטע, לאַנג-פֿערגאַנגענע צײַטען האָבען אין שפּאַניען געלעבט פֿיעל רײַכע, חשוב׳ע און אָנגעזעהענע יודען. און אָט איז פֿון צײַט-צו-צײַט געפֿעלען געוואָרען דעם פֿאָלק, די פֿירשטען אָדער די גלחים, צו ערקלערען די דאָזיגע יודען: „קלײַבט אײַך אויס אײנס פֿון די צווײ — אָדער אײַער פֿערמע־גען וועט קאָנפֿיסקירט ווערען, אָדער לאָזט זיך אָב׳שמד׳ען!“. דאָס רוב יודען האָבען בעסער געוואָלט שטאַרבען, אַנדערע האָבען זיך געלאָזען לפּנים אָב׳שמד׳ען און זענען געבליבען בשתיקה יודען. און אָט אַזעלכע יודען אָדער די קינדער, וואָס זענען פֿון זײ אַרויסגעקומען, רופֿט מען מאַראַנען.

— וואָס פֿאַר אַ בעדײַטונג האָט דער דאָזיגער נאָמען?

— טײל זאָגען, אַז דאָס הײסט אײגענטליך „מאַריאַנע“, אָדער גע׳שמד׳טע אין מאַריאַ׳ס גלויבען; אַנדערע זאָגען, אַז דאָס שטאַמט פֿון די אַלטע אַראַמעישע ווערטער „מרן

אָתא״, דאָס הייסט: „אונזער הערר קומט נקמה צו נעהמען פֿאַר אונזערע יסורים״, און דערפֿון שטאַמט דאָס וואָרט „מאַראַנאָס״.

— און אייערע עלטערן זענען אויך געווען בשתיקה יודען?

— אויף בעשטימט קאָן איך דאָס נישט זאָגען; אַלענפֿאַלס האָבען זיי געשטאַמט פֿון אַזעלכע יודען.

— און איהר האָט קיינמאָל וועגען זיי נישט געהערט?

— קיינמאָל נישט.

— און אויך פֿון אייער שוועסטערל ווייסט איהר קיין שפּור נישט?

— קיין ברעקעל שפּור. די לאַנגע מלחמה־צייט האָט אויך מיטגעווירקט, אַז מען זאָל יעדע שפּור פֿערליערען.

די פֿירשטין האָט אָנגענומען מיט מיטלייד־געפֿיהל דיעגאָ׳ס האַנד.

— פֿריי דיעגאָ,—האָט זי הערצליך געזאָגט,—איך בעדויער אייך. ס׳מוז זיין שרעקליך צו פֿערליערען אַזוי פּלוצלונג אַלץ, וואָס מען ליעבט. איך וויל זיין פֿאַר אייך ווענינגסטענס כאָטש עטוואָס. ערלייבט מיר צו זיין אייער פֿריינדין, אייער שוועסטער.

פֿריי דיעגאָ, האָט צוגעטראָגען צו זיינע ליפּען די האַנד פֿון דער פֿירשטין און געקושט זי מיט עהרפֿורכטיגקייט. טרעהרען פֿון ריהרונג האָבען זיך בעוויזען אין זיינע אויגען.

— דאַנק, — האָט ער געזאָגט,—אייער פֿריינדשאַפֿט, גנעדיגע פֿירשטין, איז פֿאַר מיר די שענסטע. איך וועל וויסען, ווי אַזוי אָבצושעצען זי.

מען איז צוגעקומען דערווייל צום אַריינגאַנג פֿון שלאָס.

— פֿריי דיעגאָ,—האָט די קעניגין געזאָגט,—פֿערנעהמט די צימערן, וועלכע מען האָט פֿאַר אייך צוגעגרייט, און קליידעט־זיך־איבער צום אָווענד־ברויט; דאַן וועל איך אייך פֿאָרשטעלען זיין מאַיעסטעט, דעם קעניג.

פֿריי דיעגאָ האָט אַזוי געטהון. דער קעניג האָט איהם אויפֿגענומען זעהר גנעדיג. אין דעמזעלבען אָווענד האָבען שוין אַלע געוואוסט, אַז אין קעניגליכען הויף איז אויפֿגעגאַנגען אַ נייע זון. אַלע דאַמען און העררען פֿון הויף האָבען זיך בעמיהט נושא־חן־זיין ביים יונגען בישאָף פֿון אַווילאַ.

.2

אין געשבערעך מיט׳ן גאָסקאָן האָט דאָן מאַנועל זיך דערוואוסט אַלץ, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען צו ברענגען דאָס אונגליק אויף זיין ווייב און קינד; פֿאַר איהם איז קלאָר געוואָרען, אַז אויך דער דאָזיגער קלאַפּ איז איהם געמאַכט געוואָרען דורך זיין פֿיינד, דעם גלח באַלטאַזאַר, אָבער וואָס פֿאַר אַ נוצען חאָט ער געקאָנט האָבען דערפֿון, וואָס ער האָט זיך דאָס דערוואוסט? פֿרעמד אין דער גרויסער שטאָדט, נישט־האָבענדיג מיט וועמען צו האַלטען־זיך אַ׳עצה, נישט וויסענדיג, צי געפֿינען זיך אין מאַדריד אנוסים און וואו מען קאָן זיך מיט זיי זעהן, איז ער געווען אין אַ שרעקליכער פֿערצווייפֿלונג. ער האָט איבערגעגעבען דעם האָלענדישען געזאַנדטען, בעראָן פֿון ריפּערדאַ, זיין רעקאָמענדאַציע; אָבער דער בא־

דאן האט ערקלערט, אז ער טאר זיך נישט מישען אין די אינערליכע ענינים פון דער שפאנישער מלוכה. אויסערדעם איז דער געזאנדטער געוועזען אזוי שטארק פערנומען מיט זיינע אינדוסטריעלע פלענער, אז ער האט גלאט נישט געהאט קיין חשק צו טהון עטוואס אין נאמען פון מענשליכקייט.

און וועהרענד דאן מאנועל האט זיך געבראכען דעם קאפ, טראכטענדיג, וואס צו טהון, איז דערווייל געקומען צוריק פון אראנזשועץ קיין מאדריד דער גאנצער שפאנישער קעניגליכער הויף. גאנץ מאדריד האט יעצט געהאלטען אין איין רעדען וועגען דעם נייעם חשוב און ליעבלינג ביי דער פירשטין אורסיני, ביי דער קעניגין און, פערשטעהט-זיך, אויך ביים קעניג. דער נאמען פון בישאף פון אווילא, דער גרויס-אינקוויזיטאר, פריי דיעגא י. אגילאר, האט זיך געטראגען איבער מאדריד. אויך דאן מאנועל האט דעם דאזיגען נאמען דערהערט, אבער אויף איהם האט ער געווירקט, ווי א דונער פון הימעל.

דיעגא י. אגילאר! צי איז דאס נישט זיין זוהן? דער נאמען איז אפילו דער איינענער, אבער אין שפאניען האט מען דערויף געקאנט וועניג-וואס בויען, ווייל די זעלבע נעמען זע־נען געוועזען אנ'אפטע ערשיינונג דארט. דאן מאנועל האט זיך אנגעהויבען תיכף נאכפרעגען וועגען דעם גרויס-אינקוויזיטאר און האט זיך דערוואוסט, אז דאס איז געוועזען נאך גאר א יונגערמאן, אין די זעלבע יאהרען וואס זיין זוהן; ער האט זיך אויך דערוואוסט, אז דער גרויס-אינקוויזיטאר דיעגא י. אגילאר שטאמט פון וואלענסיא. קיין ספק נישט מעהר — דאס איז זיין זוהן דיעגא.

ווען דאן מאנועל האט זיך דערין איבערצייגט, האט ער געוואלט תיכף געהן צום גרויס-אינקוויזיטאר; אבער שרעקליכע ספקות האבען איהם אנגעהויבען בעאונרוהיגען. צי האט מען דען נישט געקאנט אננעהמען, אז דיעגא איז געווארען באמת א פאנאטישער גלח? צי זענען דען נישט געוועזען ביישפיעלען, ווען קינדער האבען איבערגעגעבען אין די הענד פון דער אינקוויזיציע זייערע אייגענע עלטערן? צי איז עס דען נישט מעגליך געוועזען, אז דיעגא זאל ווערען אליין דער ריכטער פון זיין מוטער, כאטש אפילו ער וועט זיך דער־וויסען ווער זי איז? און ווידער: ווען אפילו דיעגא זאל וועלען איהר העלפען, צי וועט ער עס קאנען? צי האט דען געקאנט העלפען דער עלטער-פעטער, דער גרויס-אינקוויזיטאר, דאן אלפאנזא פערנאנדעץ, כאטש ער איז געוועזען גרויס-אינקוויזיטאר? צי וואלט אפשר כל-סוף נישט געוועזען בעסער, אז דער אינקוויזיטאר זאל גארנישט וויסען ווען ער געהט משפט'ן, איידער צו ריזיקירען מיט שרעקליכע מעגליכקייטען?

אבער נאך אלעם דעם האט דאן מאנועל נישט געהאט קיין אנדער ברירה, ווי צו געהן צום גרויס-אינקוויזיטאר. ער האט געמוזט ריזיקירען מיט אלעם, אבי נור צו ראטעווען ווייב און קינד. ער טאר זיך נישט שרעקען פאר קיין זאך.

און אט האט ער זיך געמעלדעט ביים גרויס-אינקוויזיטאר און איז אנגענומען געווארען.

ציטערנדיג איז דאן מאנועל ארויסגעטראטען פאר פריי דיעגא. יא, דאס איז געוועזען זיין זוהן! — אנ'עכט בילד פון מאנסבילשער קראפט און שענהייט! פונקט אזוי האט אויסגע־זעהן דאן מאנועל, איידער דאס אונגליק איז אויסגעבראכען איבער איהם.

— וואָס פערלאַנגט איהר?—האָט געפרעגט פריי דיעגאָ, אויפמערקזאַם בעטראַכטענדיג דעם פרעמדען.

— גנעדיגער הערר,—האָט דאָן מאַנועל געזאָגט, שטאַרקענדיג זיך מיט אַלע זיינע כּוחות,—איך וואָלט געוואָלט רעדען מיט אייך אויג-אויף-אויג.

פריי דיעגאָ האָט אַ וואונק-געטהון זיין סעקרעטאַר און יענער איז אַרויסגעגאַנגען פון צימער.

— גנעדיגער הערר,—האָט דאָן מאַנועל גערעדט ווייטער,—איך הייס אַנדרעאַש וואַן שוויעטען און בין אַ סוחר פון אַמשטערדאַם.

— פון אַמשטערדאַם!—האָט דיעגאָ געפרעגט געשפּאַנט.

ער האָט אַפילו געהערט, אַז מען האָט זיין פאָטער פערבּרענט, אָבער פיליכט וועט ער איצט בּעקומען אַ ידיעה וועגען זיין מוטער און שוועסטער.

— יאָ,—האָט געענטפערט דאָן מאַנועל,—פון אַמשטערדאַם. איך האָב אָבער אַ לאַנגע צייט געלעבּט אין וואַלפּאַראַיזאָ און האָב פון דאָרט אַ גערוס צו אייך.

— אָה, אפשר פון פריי סעבּאַסטיאַנאָ, מיין פריהערדיגען חבר, וועלכער איז איצט גלח אין דער קאַטעדראַלע אין וואַלפּאַראַיזאָ?

— ניין, גנעדיגער הערר! דאָס איז געווען אַנ'אַלטער מאַן, מיט וועלכען איך בין געווען בּעפריינדעט אין וואַלפּאַראַיזאָ; „איך וועל מעהר קיינמאָל נישט זעהן מיין פאָטער-לאַנד,—האָט ער געזאָגט צו מיר,—אָבער ווען איהר וועט קומען אַמאָל קיין שפּאַניען, סעניאָר וואַן שוויעטען, טהוט מיר די געפעליגקייט און זוכט דאָרט אויף דיעגאָ י. אַגילאַר, כּדי אָבּצוגעבּען איהם אַ גרוס פון זיין אַלטען לעהרער.

— פון מיין אַלטען לעהרער? איך האָב גאָר נישט געוואוסט, אַז איינער פון מיינע אַלטע פּראָפעסאָרען אין סאַלאַמאַנדאַ זאָל האָבּען אויסגעוואַנדערט אַזש קיין וועסט-אינדיען.

— דער אַלטער ראַפאַעלאָ איז געווען דער לעהרער פון אייערע קינדער-יאָהרען, סעניאָר.

— דער אַלטער ראַפאַעלאָ? שטיל, רעדט נישט אַזוי הויך! איידער איהר וועט רעדען ווייטער, מוז איך זעהן, צי האָרכט נישט עמיצער אונטער'ן טהיר. אַזוי, נו, איצט רעדט, מיין אַלטער, גוטער ראַפאַעלאָ! ער האָט זיך אַלזאָ גליקליך געראַטעוועט! צי האָט ער אפשר אייך דערצעהלט עטוואָס וועגען מיינע עלטערן, וועגען מיין שוועסטער?

— וועגען אייער פאָטער האָט ער מיר פיעל דערצעהלט.

— מיין אָרימער אונגליקליכער פאָטער איז לײדער פערבּרענט געוואָרען אין וואַ-לענסיאַ. איך בּין דעמאָלט געלעגען קראַנק אויף פּאָקען, און ווען איך בין געזונד געוואָרען, איז אַלץ פערשוואונדען, אַלץ.

דער בּישאָף האָט זיך אַ וואָרף געטהון אין זיין פאָטעל און אָבּגעווישט די טרעהרען פון זיינע אויגען. דאָס דערמאָהנען-זיך וועגען ראַפאַעלאָ האָט געמאַכט אויף איהם אַ שטאַרקען איינדרוק.

— אייער פאָטער לעבּט, סעניאָר!—האָט דאָן מאַנועל געזאָגט.

— אונמעגליך, מעסער אַנדרעאַש, אונמעגליך. מען האָט איהם אין וואַלענסיאַ פערבּרענט.

— ער האָט געדאַרפֿט פֿערברענט ווערען, אָבער די ערד האָט אָנגעהויבען ציטערן און אין דער מהומה פֿון דער ערד-ציטערניש איז ער געראַטעוועט געוואָרען דורכ'ן אַלטען ראַפֿאַעלאָ.

— און ער לעבט נאָך?

— ער לעבט נאָך.

— אָה, זאָגט מיר, וואו ער איז, כּדי איך זאָל קאָנען איהם אומאַרעמען און בעדעקען איהם מיט קושען! געשווינד, מעסער אַנדרעאַש, פֿערזוימט נישט, שפּאַנט מיך נישט פֿון ערוואַרטונג, זאָגט מיר, וואו געפֿינט ער זיך, וואו איז מיין פֿאָטער?

— געדולד, הערר בישאָף פֿון אַווילאַ און גרויס-אינקוויזיטאָר! אייער פֿאָטער געהערט דער אינקוויזיציע און ער איז נור דורך אַ וואונדער ניצול געוואָרען פֿון טויט. נאָכמעהר, אייער פֿאָטער איז נאָך היינט אויך אַ יוד!

— וואָס קימערט עס מיך! ס'איז מיין פֿאָטער, וועלכען איך האָב געהאַלטען פֿאַר טויט! הערט, מעסער אַנדרעאַש: איידער איך בין בישאָף געוואָרען, האָב איך בעזוכט איינ־מאָל די קירכע איל טראַנזיטאַ אין טאָלעדאָ, וועלכע איז איבערגעמאַכט געוואָרען פֿון אַ שוהל. דאָרט האָט מיך אָנגענומען אַ געוואַלטיגע בענקשאַפֿט נאָך מיינע עלטערן, נאָך דער שוהל אונטער דער ערד, וואָס איז ביי אונז אין שטוב געווען, נאָך מיין פֿאָטער, מוטער, שוועסטער און מיין לעהרער! אָה,—האָט עס אין מיר אויסגערופֿען,—ווען איך וואָלט נור נאָך איינמאָל געקאָנט בעטען צום אויבערשטען אין אַ שוהל! נאָך איינמאָל וואָלט איך כאָטש געקאָנט ווידער אַרויפֿלעגען אויף מיין קאָפּ די האַנד פֿון מיין פֿאָטער און הערען ווי ער פֿלעגט דערביי די ברכה זאָגען...

— ישימך אלקים כּאֶפרים וכמנשה!—האָט אויסגערופֿען דאָן מאַנועל, ווען ער האָט דערזעהן, אַז דיעגאָ בעמיהט-זיך צו דערמאָהנען די טייערע ווערטער.

דיעגאָ האָט אַ קוק געטהון דעם פֿרעמדען שאַרף אין פּנים אַריין.

— וואָס איז דאָס?—האָט ער אויסגערופֿען.—וואָס פֿאַר אַ שטימע, וואָס פֿאַר אַ זכרונות וועקט זי אין מיר פֿון מיינע קינדער-יאָהרען! הערר, איהר זענט נישט קיין האָלענדער, איהר זענט...

דאָן מאַנועל האָט אויסגעשפּרייט זיינע אָרעמס און אויסגערופֿען:

— דיעגאָ, מיין זוהן, מיין הערצענס-קינד!

און דיעגאָ איז צוגעלאָפֿען צו דאָן מאַנועל און האָט אויסגערופֿען:

— מיין פֿאָטער, מיין פֿאָטער!

און זיי האָבען זיך אומגעאַרמט איינער דעם צווייטען און געוויינט אויפֿ'ן קול, איינער אויפֿ'ן האַלז פֿון צווייטען.

— דיעגאָ,—האָט ענדליך געזאָגט דאָן מאַנועל,—מיין ווידערגעפֿונענער זוהן, פֿרעה זיך נישט איבער דער מאָס: זעהר אַ שווערע אויפֿגאַבע וואַרט אויף דיר, דו מוזט ראַטעווען דיין מוטער און דיין שוועסטער פֿון זיכערען פֿערדערבּ...

בײַ פֿרײַ דיעגאָ האָבען זיך אַראָבגעלאָזען די הענד און ער האָט געקוקט מיט שוידער אויף זײַן פֿאָטער.

— מוטער און שוועסטער? — האָט ער געפֿרעגט. — וואו זענען זײ?

— זײ שמאַכטען אין תּפֿיסה פֿון דער אינקוויזיציע.

און דאָן מאַנועל האָט דערצעהלט זײַן זוהן אַלץ, וואָס ער איז דערגאַנגען און וואָס דער גאָסקאָן האָט איהם מיטגעטײלט.

— האַ! — האָט דיעגאָ אויסגערופֿען, — דער דאָזיגער פֿרײַ באַלטאַזאַר איז דער מלאַך-המות פֿון אונזער משפּחה! דאָסמאָל אָבער וועל איך אונטערנעהמען דעם קאַמף מיט איהם און דאָסמאָל וועט ער די מפּלה האָבען. מיר וועלען נקמה נעהמען, מײַן פֿאָטער, פֿאַר אַלדאָס-בײז, וואָס דער דאָזיגער מענש האָט אונז געטהון.

— איך פֿערלאַנג נישט קײן נקמה, מײַן זוהן! איך וויל נור ראַטעווען מײַן פֿרוי און מײַן קינד און מיט מײַנע ליעבע לײַט קאָנען פֿאָהרען צוריק קײן האָלאַנד, כּדי צו פֿערלעבען רוהיג דעם רעשט פֿון מײַנע יאָהרען.

— זאָרג נישט, מײַן פֿאָטער! מײַן מוטער, מײַן שוועסטער, ווי אויך איהר חתן און אונזער קוזינע וועט קײן האָר נישט געקריטט ווערען. איך מעג דאָס זאָגען, ווײַל אינ׳ם דאָזיגען לאַנד איז קײנער נישט אַזוי אַלמעכטיג, ווי איך.

— זאָל דער אויבערשטער דיך בענשען, מײַן זוהן, און פֿיהרען דיך אין ריכטיגען וועג. אָה, מײַן געליבט ווײַב, און דו, מײַן טאָכטערל, ווען וועל איך שוין האָבען די זכיה צו זעהן אײַך פֿרײַ!

— האָב געדולד, מײַן פֿאָטער, נור נאָך אַ ביסעלע געדולד, די צײַט וועט באַלד קומען.

— איך דאַנק דעם אויבערשטען, וואָס ער האָט מיר ווידער געלאָזען שײַנען די זון פֿון דער האָפֿנונג נאָך דער לאַנגער נאַכט פֿון פֿערצווייפֿלונג. גענוג גליקליך בין איך שוין, וואָס איך האָב דיך ווידערגעפֿונען און געפֿונען אַלס אַזעלכען!

— צי האָסטו דען געמײנט, אַז דו וועסט מיך געפֿינען אַנדערש, מײַן פֿאָטער?

— ווי לײַכט האָסטו געקאָנט ווערען אַ פֿאַנאַטישער גלח!

— מען האָט טאַקי אָנגעווענדעט אַלץ, כּדי צו מאַכען מיך פֿאַר אַזעלכען! אָבער דער אויבערשטער האָט מיר בעלויכטען מײַן וועג. דאָס יודישע בלוט אין מײַנע אָדערן האָט זיך געשטעלט געגען אַלע פּראָבעס. און יעצט, לעב וואָהל, מײַן פֿאָטער, לעב וואָהל! פֿאָרלויפֿיג מוזען מיר בלײַבען ווי פֿרעמדע אײנער פֿאַר׳ן אַנדערען. איך וועל אָבער נישט פֿערליערען קײן צײַט צו בעפֿרײַען מײַן מוטער און שוועסטער. מאָרגען אין דערזעלבער צײַט ערוואַרט איך דיך. איך האָף, אַז איך וועל דיר קאָנען געבען פֿרעהליכע נײַעס.

3.

אין מאַדרידער „הויז פֿון די פֿערבלאָנדזשעטע" קעמפֿט אַן׳אונגליקליכער, עלענדער אָבגעצעהרטער מענש מיט׳ן טויט. דאָס איז יאַנואַריאָ, דער אַפּטײקער-געהילף פֿון בורגאָס,

וואס זיין הילף האט איינמאל אויסגענוצט פריי באלטאזאר, כדי אנצוזוימען פון דער וועלט דעם גרויס-אינקוויזיטאר דאן אלפאנזא פערנאנדעץ די קארדאווא י. אגילאר. ניינצעהן יאהר לאנג האט יאנואריא געפיהרט א לעבען פון פערברעכענס, און ענדליך, ווען זיין קערפער איז אבגעשוואכט געווארען פון א פערברעכערישען לעבען און זיין געזונדהייט איז אונטערגעגראבען געווארען, האט ער בעקומען חרטה. אבער פון אלע זיינע פערברעכענס האט קיינס איהם אזוי שטארק נישט געדריקט, ווי דאס דער'הרג'ענען דורך גיפט דעם גרויס-אינקוויזיטאר, אין וועלכען ער האט טיילגענומען, געבענדיג דערצו גיפט דעם גלח פריי באלטאזאר. אבער וויל פערפיהרט האט איהם דערצו א גלח, האט ער מורא געהאט צו געהן אין א קלויסטער זוכען פאר זיך הילף און איז אנגעקומען בעסער אין „הויז פון די פערבלאנדזשעטע", וואס א וועלט-ליבע געזעלשאפט האט געגרינדעט.

מיר האבען אין אונזער ערצעהלונג געהאט אזוי פיעל מאל געלעגענהייט צו שילדערן די שענדליכע מעשים פון פאלק אויף דער פירענעאישער האלב-אינזעל, דאס פערברענען אונשולדיגע מענשען, דעם גרויזאמען אקסען-קאמף; יעצט ווילען מיר דא דערצעהלען אויך עטוואס, וואס דאס שפאנישע פאלק האט בעוויזען אויפצוטהון. דערצו געהערט אלענפאלס די ברידערשאפט צו ראטעווען מענשען פון דער טויט-זינד.

אין שפאניען, ווי אומעטום אין אנדערע לענדער, פיהרט די ארימקייט דאס אונערצויגענע קינד פון פאלק צום פערברעכען, ווי די ליידענשאפט און שלעכטע מדות פיהרען אויך דעם זוהן פון די העכערע קלאסען אויפ'ן זעלבען וועג. איז איינמאל אזעלכער אריינגעפאלען אין וועג פון דער זינד, איז שווער, זעהר שווער פאר איהם צו דערהויבען זיך פון איהם ווידער. דער קנעכט, וואס איז אייביג פעראורטיילט צו קאטארגע, וועט אייביג בלייבען א קנעכט, ווען אפילו ער זאל שפעטער לפנים זיין אנ'ארענטליכער מענש. די צייט ברעכט זיינע קייטען, די חרטה רייניגט זיין געוויסען, די תשובה, די ארבייט קעהרען איהם צוריק אויפ'ן גוטען וועג, אבער אין די אויגען פון דער וועלט איז ער א פערפאלענער מענש, און אפילו דער טויט וואשט איהם נישט אב פון זיינע פלעקען אין איהרע אויגען. און אט דערבארימט זיך די דערמאהנטע ברידערשאפט איבער אזא אונגליקליכען און ראטעוועט איהם פון דער טויט-זינד. צו דער דאזיגער ברידערשאפט געהערען די רייכסטע און חשוב'סטע איינוואוינער פון מאדריד; קעניגען און פרינצען, הערצאגען און מיניסטארען, געלעהרטע און דיכטער האט די דאזיגע ברידערשאפט שוין געהאט פאר מיטגליעדער.

ווער עס וויל נור פערלאזען דאס לעבען פון פערברעכענס און זיך ערנסט אויסבעסערן, פאר יענעם שטעהט אפען דאס „הויז פון די פערבלאנדזשעטע"; דאס איז זיין הויז, זיין פאטער-הויז, וואו ער ווערט אויפגענומען פריינדליך און מיט פיעל ליעבשאפט. דא פרעגט מען ביי איהם נישט: „פון וואנען קומסטו?" ווי אויך נישט: „וואס האסטו געטהון?" — ברידער, וועלכע זענען אמאל גלייך ווי ער פערשטויסען געווארען פון דער געזעלשאפט און געשטעמפעלט געווארען דורך זייערע פערברעכענס, בעגעגענען איהם דא, דערלאנגען איהם זייער האנד מיט א בעגריסונג און גיבען איהם דיזעלבע טרייסט און האפנונג, וועלכע מען האט זיי אליין פריהער געגעבען. און ווען ער פערלאזט שפעטער דאס דאזיגע הויז, געפינט

ער שוין אין דער וועלט אַ געוויסע צאָהל ברידער, וועלכע האָבען אויך אַזוי ווי ער געלעבט אין׳ם דאָזיגען הויז און זענען דאָרט גערייניגט געוואָרען פון זייערע פערברעכענס און האָבען שלום געמאַכט מיט דער וועלט, וועלכע זיי האָבען פריהער בעליידיגט. יעצט דערלאַנגט זיי שוין יעדערער אַ האַנד, וואָס איז רייך מיט הילף.

דאָס לעבען אין׳ם דאָזיגען הויז ברענגט נישט מיט-זיך קיין אונ׳כבוד, ווייל מען ווייס, אַז נור פרייוויליג איז דער פערברעכער אַהין אַריינגעקומען, נור מיט דער כונה, בדי תשובה צו טהון, חרטה צו האָבען און אויסצובעסערן זיך. קיינער האָט איהם נישט געצוואונגען אַהין צו געהן און צו לעבען דאָרט. דאָס איז נישט קיין פּאָליציי-אַנשטאַלט, נישט קיין אַרבייטס-בעסערונגס-הויז, נישט קיין בעטלער-געפענגעניש. און יענער עלענדער, וועלכער פערלאָזט דאָס דאָזיגע הויז, כדי ווידער צו ווערען אַ פערברעכער, — יענער קאָן שוין מעהר נישט האָפען, אַז מען זאָל איהם דאָרט אַריינגעהמען.

אין׳ם דאָזיגען הויז האָט יאַנואַריאָ געזוכט הילף, ווען די חרטה האָט איהם אָנגעהויבען פייניגען און ווי אַלע, וואָס זוכען דאָרט, האָט ער עס אויך געפונען. שוין דאָס לעבען אַליין אין׳ם דאָזיגען הויז האָט איהם פיעל אויסגעבעסערט. ער האָט בעקומען חרטה אויף פיעל פערברעכענס, אויף זיין גאַנצען פערפעהלטען לעבען און ער וואָלט בלי-ספק פערלאָזען דאָס דאָזיגע הויז אַלס אַן׳אויסגעלייטערטער, אויסגעבעסערטער מענש, ווען די קראַנקהייט וואָלט דאָרט נישט פערהאַלטען איהם. אַט-אַזוי געפינען מיר איהם ליגען אויפ׳ן קראַנקען געלעגער, קעמפענדיג מיט׳ן טויט. אומזיסט האָט דער פאָרשטעהער פון הויז איהם בעוואויגען איינצולאַדען אַ גלח און מתודה-זיין זיך פאַר איהם, כדי ״אַדורך צו פערלייכטערן זיך. יאַנואַריאָ קאָן זיך נישט אָנפערטרויען אַ גלח, פאַר׳ן גיפט-מאָרד, וועלכען ער האָט בעגאַנגען, האָט ער דאָך שוין לאַנג בעקומען מחילה וסליחה פונ׳ם גלח באַלטאַזאַר, זיין געוויסען אָבער קאָן זיך נישט בערוהיגען. און אַט הערט דער אונגליקליכער, אַז ס׳איז אַראָבגעקומען אַ נייער גרויס-אינקוויזיטאָר קיין מאַדריד און זיין נאָמען איז י. אַגילאַר. דער דאָזיגער נאָמען מאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק אויף יאַנואַריאָ און פאַר אַט דעם גלח וויל ער זיך מתודה-זיין. דער בישאָף י. אַגילאַר—טראַכט ער זיך—איז געוויס אַ קרוב פונ׳ם ערמאָרדעטען, איהם וויל ער דעריבער פערטרויען זיינע פערברעכען, אָבער נישט קיין אַנדער גלח.

יאַנואַריאָ האָט ענטדעקט זיין פערלאַנג די פאָרשטעהער פונ׳ם הויז, וועלכע האָבען תיכף געשיקט בעטען דעם בישאָף דאָן דיעגאָ, אַז ער זאָל קומען מתודה-זיין דעם גוסס.

גראָד אין מאָמענט, ווען דאָן מאַנועל האָט נור-וואָס פערלאָזען זיין זוהן, איז צום יונגען בישאָף אָנגעקומען די ביטע פונ׳ם גוסס. כאָטש דיעגאָ איז געווען אין אַ שטאַרק אויפגערעגטען צושטאַנד נאָכ׳ן ערשטען זעהן-זיך מיט זיין פאָטער, האָט ער נישט פערזוימט קיין מינוט צו איילען אין עק שטאָדט, וואו ס׳איז געווען „דאָס הויז פון די פערבלאָנדזשעטע״. זיין קאַרעטע געשפאַנט מיט פיער מויל-איזלען האָט איהם געשווינד געבראַכט אַהין.

— ענטשולדיגט, גנעדיגער הערר,—האָט געזאָגט דער חולה, ווען דער פאָרשטעהער האָט צוגעפיהרט צום בעט דעם בישאָף פון אַווילאַ,—ענטשולדיגט, פאַרוואָס איך האָב פון

אַלע מוזיענדער מאַדרידער גלחים בעמיהט דוקא איך אויסצוהערען מיין ודוי. איך גלויב אָבער, אַז מיין ודוי וועט אויך פֿאַר אייך האָבען אַ געוויסען אינטערעס, פֿאַר מיר אָבער איז עס מעהר ווערט ווי די אוצרות פֿון בײדע אינדיען צו בעקומען אַ מחילה וסליחה דוקא פֿון אייך. איהר שטאַמט, גנעדיגער הערר, פֿון הויז י. אַגילאַר?

— אַזוי איז עס, מיין פֿריינד.

— ציִ איז אָפֿשר דער גרויס-אינקוויזיטאָר דאָן אַלפֿאָנזאָ י. אַגילאַר נישט געווען אייערער אַ מקורב?

— ער איז געווען מיין זיידענס אַ פֿעטער.

— זעהר גוט. איך האָב עס אויך געטראַכט. ציִ ווילט איהר הערען מיין ודוי?

— איך בין גרייט.

דער פֿאָרשטעהער פֿון הויז האָט פֿערלאָזען דאָס צימער. דער בישאָף מיט'ן חולה זענען געבליבען אַליין.

— גנעדיגער הערר! — האָט יאַנואַריאָ געזאָגט. — איך בין אַ גרויסער זינדער. פֿיעל פֿער-ברעכענס ליגען ווי אַ משא אויף מיין געוויסען. אמת, מען האָט מיר שוין געגעבען אפֿילו אויף אַלץ מחילה וסליחה, אָבער איך קאָן זיך נישט געפֿינען קיין רוה, ביז איך וועל בע-קומען מחילה וסליחה פֿאַר אַ מאָרד, אין וועלכען איך האָב טהיילגענומען אַלס מיטשולדיגער. איך בין געבוירטיג פֿון בורגאָס און בין געווען אַפּטהייקער-געהילף. געשיקט אין מיין פֿאַך, האָט מיר קיין זאַך נישט געפֿעהלט; צו מיין אונגליק אָבער האָב איך זיך פֿערליעבט אין אַ מיידעל, וועלכע האָט פֿון מיר נישט געוואָלט וויסען. דאָס האָט מיך אַריינגעבראַכט אין פֿערצווייפֿלונג. איך האָב אָנגעהויבען שכור'ן און שכור'ערהייד פֿלעג איך מאַכען פֿאַלשע רעצעפּטען. מיין פּרינציפּאַל האָט דערפֿאַר אַרויסגעטריבען מיך פֿון זיין געשעפֿט און איך האָב זיך אַראָבגעלאָזען ביז דער מדרגה פֿון אַ בעטלער. דאָך בין איך נאָך קיין פֿערברע-כער נישט געווען. אָבער אָט האָט מיך מיין שטן צוזאַמענגעפֿיהרט מיט מיינעם אַנ'אַלטען בעקאַנטען, דעם גלח פֿריי באַלטאַזאַר די וואַלענסיאַ, וועלכער האָט מיר פֿאָרגעלעגט צו מאַכען פֿאַר איהם ליכט פֿערגיפֿטעט מיט אַרסעניק. מיט אַזעלכע ליכט האָט מען אָבגע-שאַפֿט דעם גרויס-אינקוויזיטאָר פֿון דער וועלט.

— וואָס זאָגט איהר? דער גרויס-אינקוויזיטאָר דאָן אַלפֿאָנזאָ, וועלכען מען האָט גע-פֿונען טויט אין בעט, איז נישט געשטאָרבען מיט זיין טויט?

— ניין, מען האָט איהם פֿערגיפֿטעט מיט די ליכט, וועלכע איך האָב צוגעגרייט. די ליכט האָבען אַרויסגעלאָזען אַ שטערבליכען גאַז, וועלכער האָט אָנגעפֿילט דאָס צימער. פֿריי באַלטאַזאַר האָט מיר דערוויזען, אַז איך וועל דערמיט טהון אַ גוטע זאַך, וואָס איך וועל העלפֿען פֿער'סמ'ען דעם גרויס-אינקוויזיטאָר, וועלכער האָט געוואָלט מבטל מאַכען די גרויס-אינקוויזיציע, כדי אַזוי-אַרום צו בעפֿרייען פֿון דער אינקוויזיציע זיין פּלימעניק, וועלכער איז געזעסען אין דער תּפֿיסה פֿון דער אינקוויזיציע אין וואַלענסיאַ.

— דער דאָזיגער אונגליקליכער איז געווען מיין פֿאָטער!

— אייער פֿאָטער! האָב איך אַלזאָ געבראַכט פֿיעל אונגליק איבער אייער משפּחה:

אײַער פֿעטער האָב איך דערהרג׳עט און אײַער פֿאָטער איז דאַן פֿערבּרענט געוואָרען! דאַך איהר זענט אַ בּישאָף, אַ פֿירשט פֿון אונזער קירכע, זאָגט מיר, צי האָב איך געטהון רעכט. מיטצוהעלפֿען אָבצושאַפֿען פֿון דער וועלט דעם בּישאָף?

— ניין, יאַנואַריאָ, איהר זענט בּעגאַנגען דערמיט אַ גרויס, שוועער פֿערבּרעכען.

— אָבּער פּרײַ בּאַלטאַזאַר האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז אַ גוטע טהאַט, ווײַל אָהן דעם וואָלט די אינקוויזיציע געשטאַנען אין סכנה.

— און איך זאָג אײַך, אַז דאָס איז געווען אַ גרויס פֿערבּרעכען. צי האָט איהר דען געטאָרט, צי האָט פּרײַ בּאַלטאַזאַר געטאָרט זיך ערלויבּען צו משפּט׳ן דעם גרויס-אינקוויזיטאָר? צי איז דען נישט געווען דאַמאָלס קיין קעניג אין מאַדריד, קיין פּויפּסט אין רוים? אויבּ דער גרויס-אינקוויזיטאָר האָט געוואָלט בּעגעהן אַ פֿערבּרעכען, האָט מען איהם געקאָנט אָנקלאָגען אין געריכט, ווי מען האָט עס געטהון מיט זיין ממלא-מקומו, דאָן בּאַלטאַזאַר דע מענדראַזאַ, וועלכען מען האָט פֿון זיין שטעלע אָראָבּגעוואָרפֿען און ער איז געשטאָרבּען אין פֿערשיקונג. אָבּער אַ מאָרד בּעגעהן דאָס איז אין יעדען פֿאַל געווען אַ שרעקליך פֿער-בּרעכען, וואָס וואָלט דען געוואָרען פֿון דער מענשליכער געזעלשאַפֿט, ווען יעדער איינצעל-נער וואָלט זיך ערלויבּט צו ריכטען דעם צווייטען, פֿעראורטיילען איהם און אויך ווערען זיין תליון?

— דאָס אײַנענע האָבּ איך זיך אויך געטראַכט גענוג אָפֿט און דעריבּער האָט מיך נישט בּערוהיגט די סליחה ומחילה, וואָס בּאַלטאַזאַר האָט מיר געגעבּען. פֿאַר מיין מאַכען דעם ניפֿט האָבּ איך בּעקומען אַ גרויסע סומע בּעלוינונג: דאָס געלד האָבּ איך בּאַלד פֿער-שווענדעט, ווײַל איך האָבּ דורך אַנ׳אויסגעלאַסענעם לעבּען זיך בּעמיהט צו דערשטיקען אין מיר מיין חרטה, וועלכע האָט מיך שטאַרק געפּייניגט. נײַנצעהן יאָהר זענען אַריבּער פֿון דאַמאָלס אָן, און דער געדאַנק וועגען דעם מאָרד לאָזט מיך נאָך עד-היום נישט צו-רוה. צי וועט דער אויבּערשטער אָננעהמען מיין תשובה? צי וועט דער אַלבּאַרמ-הערציגער מיר מוחל-זיין? צי וועט איהר מיר געבּען מחילה וסליחה, גנעדיגער העדר?

— דער אויבּערשטער איז בּאַרמהערציג און גנעדיג! אָבּער כּדי צו בּעקומען אַ פֿאָלי-קאָמע מחילה פֿונ׳ם אויבּערשטען, איז נויטווענדיג, אַז איהר, יאַנואַריאָ, זאָל טהון דאָס איינציגע, כּדי דער הויפּט-שולדיגער אין יענעם מאָרד זאָל נישט בּלייבּען אונבּעשטראָפֿט. דאָס, וואָס איהר האָט מיר דאָ אָנפֿערטרויט אַלס אייער ודוי-פֿאָטער, דאָס בּלייבּט אַנ׳איי-בּיגער סוד, און איך האָבּ נישט דאָס רעכט איבּערצוגעבּען עס דעם געריכט. ווען איהר ווילט, אָרימער, בּעדויערנס-ווערטהער, פֿערפֿיהרטער מענש, פֿערלייכטערן אייער געוויסען דאַרפֿט איהר שיקען נאָכ׳ן מאַדרידער אַלקאַדאָ מיט זיינע סעקרעטאַרען און מודה-זיין זיך פֿאַר איהם אין אייער פֿערבּרעכען, אַזוי ווי איהר האָט עס געטהון פֿאַר מיר. און ווי-נור דאָס וועט פֿאָרקומען, וועל איך אײַך געבּען סליחה ומחילה.

— און מען וועט מיר טאַקי בּאמת גלויבּען? מען וועט דעם גלח בּאַלטאַזאַר בּעשטראָפֿען?

— וועגען דעם וועל איך שוין זאָרגען, איהר טהוט נור דאָס, וואָס איך זאָג אײַך.

— אָה, טאַ שיקט-זשע מיר דעם אַלקאַדראָ; זאָל ער קומען גיכער. איך האָב נישט לאַנג צו לעבען.

דאַן דיעגאָ האָט אָנגעקלונגען און בעפוילען דעם אַריינקומענדען קראַנקען-וועכטער צו געבען דעם חולה אַ שטאַרקענד מעדיצין, און דאַן איז דער גרוים-אינקוויזיטאָר אַליין געפאָהרען צום אַלקאַדראָ און געבראַכט איהם מיט זיין סעקרעטאַר אין „הויז פון די פער-בלאַנדזשעטע". יאַנואַריאָ האָט פאַר די ריכטער איבערגע'חזר'ט זיין מודה-זיין-זיך, און דער אַלקאַדראָ האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל. דאַן האָט דער חולה בעקומען די טרייסט פון דער רעליגיע פונ'ם אור-פּלימעניק פונ'ם דער'הרג'עטען. דער חולה איז געוואָרען פאָל-קאָם רוהיג. געשטאָרבען איז ער האַלטענדיג אין זיין האַנד די האַנד פון גרוים-אינקוויזיטאָר.

ווען דער בישאָף פון אווילאַ איז געפאָהרען צוריק אין זיין פּאַלאַץ, האָט ער גערעדט פאַר זיך: „ווי וואונדערבאַר זענען דיינע וועגען, אָה, רבונו של עולם! עס איז אַ השגחה פּרטית, וועלכע האָט דוקא היינט איבערגעגעבען אין מיין האַנד דעם פיינד פון אונזער משפּחה!"

4.

ווען דער בישאָף פון אווילאַ איז געקומען צוריק אין זיין פּאַלאַץ, האָט ער קודם-כל געוואָלט ערפילען זיין הייסען וואונש פון הארצען און בעזוכען זיין מוטער און די שוועסטער אין קעלער פון דער אינקוויזיציע. אָבער ער האָט דאָס נאָך נישט געדאַרפט טהון. אַ גאַנץ אַנדער בעגעגעניש איז איהם פאָרגעשטאַנען. מען האָט איהם געמעלדעט, אַז פריי באַלטאַ-זאַר בעט די ערלויבניש אָנגענומען צו ווערען.

— אָה, רבונו של עולם,—האָט דיעגאָ גערעדט פאַר זיך,—שיקסטו מיר צו דוקא דעם מענשען, וועמען איך ... דו גיבסט איהם אין מיין האַנד—איצט וועט ער נישט אַנטלויפען.

ער האָט אַ וואונק געטהון דעם דינער און פריי באַלטאַזאַר איז אַריינגעטראָטען אין זאַל פון בישאָף.

פריי באַלטאַזאַר האָט זיך זעהר פערענדערט, זינט ער איז אַלס דאָמיניקאַנער גלח אַריינגעדרונגען צום ערשטען מאָל מיט 19 יאָהר צוריק אין הויז פון דאָן מאַנועל. פון שרעקליכער מאָגערקייט האָט ער איצט אויסגעזעהן לענגער; זיין גרויסע אָדלער-נאָז, וועל-כער האָט דאַמאָלס גוט געפּאַסט צו זיין פולען פּנים, איז איצט אויסגעקומען שרעקליך אויפ'ן דאַרען פּנים; צוליעב די שמאָלע ליפּען, האָט דאָס מויל אויסגעזעהן גרעסער ווי עס איז, און דאָס טייוועלשע פייער אין די שטעכעדיגע אויגען האָט איהם געגעבען די גע-שטאַלט פון אַ רויב-פויגעל. אַ טייוועלשער שפּאָט-געלעכטער איז איהם געלעגען אויסגעגאָסען אויפ'ן פּנים; איצט האָט ער געמיינט, אַז ער האָט שוין דערגרייכט צום ציעל פון זיין נקמה: דער אייגענער זוהן און ברודער האָט אַלס גרוים-אינקוויזיטאָר געמוזט אונטערשרייבען דעם טויט-אורטייל פון זיין מוטער און שוועסטער

דער גלח האָט זיך פערנייגט, לפנים זעהר ערגעבען, פאַר'ן גרוים-אינקוויזיטאָר און געזאָגט:

— איך קום, גנעדיגער העררר, צו ווינשען אייך גליק צו דער גרויסקייט, צו וועלכער איהר האט דערגרייכט שוין אין די יונגע יאהרען. צי דערקענט איהר מיך נאך, אדער איהר האט אויפ'ן שפּיץ פון אייער גליק פערגעסען אן דעם פריינד פון אייער קינדהייט?

— איהר זענט פריי באלטאזאר די וואלענסיא!

— דערמאהנט אייך, גנעדיגער העררר, אן יענער צייט, ווען איך האב אייך אלס קינד געפיהרט פאר'ן האנד און אייך בעוויזען די שוישפּיעלען, וועלכע מען האט איינגעארדענט לכבוד דעם היילינגען ווינצענטי פערער.

— איך טראכט נאך וועגען דעם. וואס האט אייך געבראכט צו מיר? אפשר ווילט איהר א שטעלע, אז איהר דערמאהנט מיר אן דער בעזיצונג, וואס איהר האט מיר געגעבען אין מיין יוגענד?

— איך דאנק אייך, גנעדיגער העררר! איך האב שוין איבערגעלעבט יענע יאהרען, ווען מען גארט נאך כבוד, און א גוט לעבען ציהט מיך אויך נישט צו זיך. איך בין נור געקומען אייך צו זעהן און צו ווינשען גליק. ס'פרעהט מיך, וואס מיין פריהערדיגער תלמיד האט געמאכט אזא גלענצענדע קאריערע. איהר זענט בישאף פון אווילא און גרויס-אינקוויזיטאר פון מאדריד, א חשוב אין קעניגליכען הויף און נאך נישט אלט קיין 27 יאהרר! ווען אינגיכען וועט וואקאנט ווערען די שטעלע פון אנ'ערצבישאף, וועט איהר זי בעקומען און דאן וועט איהר שוין האבען אויך דעם הוט פון א קארדינאל. די הערשאפט איבער שפּאניען איז שוין איצט געוויס אין אייערע הענד. ווער האט עס געקאנט ערווארטען, ווען איהר האט געקוקט פערוואונדערט, ווי די לינזען אויפ'ן צעבראכענעם טעלער האבען מארשירט צוריק אויפ'ן פייער-טאג פון היילינגען ווינצענטי פערער?

— איך דאנק אייך פאר אייער גליק-ווינשען. אייער כונה איז גוט: איהר זענט דאך עפּיס געוועזן דער בעזיצער פון מיין קינדהייט!

— איהר זענט נור-וואס בעשטימט געווארען פאר א גרויס-אינקוויזיטאר. צי האט איהר שוין דורכגעקוקט די אקטען, וואס די אינקוויזיציע האט אייך צוגעשטעלט?

— נאך נישט. צי זענען עפּיס דארט פאראן אינטערעסאנטע פּראצעסען? אפשר קאנט איהר מיר מאכען, וועלכע-עס-איז מיטטיילונגען?

— געוויס, סעניאר. מען האט ענטדעקט א פרוי פון אייער געבורטס-שטאדט, פון וואלענסיא, וועלכע איז אנטלאפען פון די ארעמס פון דער היילינגער אינקוויזיציע. זי טראגט אייער נאמען: זי הייסט דאנא אנונציאטא י, אגילאר.

מיט געשפּאנטער אויפמערקזאמקייט האט דער גלח בעטראכט דעם יונגען בישאף, כדי צו בעמערקען, אויב ער האט עפּיס א בעגריף, ווי נאהענט ער שטעהט דער פרוי. פריי דיעגא האט אבער געשוויגען און אויפ'ן פנים ביי איהם האט מען נישט געקאנט בעמערקען, וואס פאר א שטארקע אויפרעגונג ער האט איבערגעלעבט.

— ס'איז א גאנצע נעסט,— האט פריי באלטאזאר געריעדט ווייטער,—וועלכע מיר האבען דא אויפגעהויבען: א מוטער, א טאכטער, א פּלימעניק און דער חתן פון דער טאכטער. זיי האבען אלע געוואלט אנטלויפען קיין האלאנד, אבער די היילינגע אינקוויזיציע האט

זיך דערוואוסט דערפֿון בּייצייטענס. דער פּראָצעס וועט זיך בּעגעגענען מיט שוועריגקייטען, ווייל די אַקטען פֿון די הויפּט-אָנגעקלאָגטע זענען שוין געשלאָסען געוואָרען מיט 19 יאָהר צוריק אין וואַלענסיאַ. איהר וועט האָבּען אַ געלעגענהייט צו מאַכען זיך בּעליעבּט בּיי די איינוואוינער פֿון דער הויפּט-שטאָדט, ווייל איהר וועט זיי געבּען אַן׳אינטערעסאַנט שוישפּיעל פֿון אַן׳אויטאָ-דאַ-פֿע פֿאַר לעבּעדיגע אַפּיקורסים,—אַ שוישפּיעל וועלכעס ווערט לײדער אַלץ זעלטענער, זינט די פֿערשאָלטענע יודען האָבּען אָנגעהויבּען אַלץ מעהר אַנטלויפֿען פֿון שפּאַניען. וועגען די פֿאַר לוטעראַנער, מכשפים, אילומינאַטען און מכשפות לוינט גאָר נישט צו רעדען, ווייל ווי נור מען נעהמט-זיך פּייניגען זיי, זאָגען זיי זיך אָבּ פֿון זייערע מעשים און דאָס פּובּליקום בּלייבּט אָהן אַ שענעם שוישפּיעל! די יודען אָבּער זענען פֿערבּיסענע עקשנים, וועלכע לאָזען זיך תמיד בּעסער פֿערבּרענען לעבּעדיגערהייד, איידער אָבּצוזאָגען-זיך פֿון זייער אמונה. איך האָף, אַז דאָסמאָל וועט אייך בּעשערט זיין צו האָבּען די געלעגענהייט צו געבּען דעם פֿאָלק דאָס פֿרעהליכע שוישפּיעל פֿון פֿערבּרענען אַפּיקורסים.

דאָן דיעגאָ׳ן האָט אַדורכגענומען אַ שוידער, הערענדיג דעם גלח רעדען מיט אַזאַ ציניזם; פֿונדעסטוועגען אָבּער האָט ער איהם בּעסער נישט געלאָזען בּעמערקען דעם עקעל און אָבּשוי, וואָס האָט איהם אָנגענומען.

— פּרייַ בּאַלטאַזאַר,—האָט ער געזאָגט,— איהר האָט מיך געקענט, ווען איך בּין נאָך אַ קינד געווען. צי האָט איהר געקענט אויך מיינע עלטערן?

— ניין, גנעדיגער הערר, איהר זענט אַלס יתום אָנגעקומען אין אונזער קלויסטער. מען זאָגט, אַז אייערע עלטערן זענען אין דער מגפה געשטאָרבּען.

— אַזוי האָט מען מיר אויך געזאָגט אין קלויסטער, שפּעטער האָבּ איך אָבּער געהערט ערצעהלען די געשיכטע אַנדערש. בּשעת איך האָבּ וועגען דעם ערפֿילט אין וואַלענסיאַ אַ געוויסע שליחות פֿון איצטיגען שפּאַנישען קייזער, האָבּ איך זיך דאָרט בּעקענט מיט אַ קצב, וועלכער האָט צוגעשטעלט פֿלייש פֿאַר דער אַרמעע. דער קצב האָט מיר דערצעהלט, אַז מיינע עלטערן זענען געווען מאַראַנען (אַנוסים) און אַז מיין פֿאָטער, דאָן מאַנועל, איז אין וואַלענסיאַ פֿערבּרענט געוואָרען און מיין מוטער איז מיט מיין שוועסטער אַנטלאָפֿען. צי איז עס דען נישט מעגליך, אַז דאָס זענען מיין מוטער און שוועסטער, פֿאַר וועלכע איך וועל איצט אַליין דאַרפֿען אונטערשרייבּען אַ טויט-אורטייל?

— ניין, גנעדיגער הערר, דאָס איז אונמעגליך. אייער מוטער איז, ווי אייער פֿאָטער, געשטאָרבּען אין דער מגפה, קיין שוועסטער האָט איהר גאָר קיינמאָל נישט געהאַט.

דאָן דיעגאָ האָט זיך מעהר נישט געקאָנט איינהאַלטען. ער איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון זיין אָרט און צוגעגאַנגען צום גלח, וועלכער איז געשטאַנען פֿאַר איהם עהרפֿורכט-פֿול, און מיט אַ שטים, וואָס האָט געציטערט פֿון כעס, האָט ער אויסגערופֿען:

— דו הונד, דו עלענדע בּעשעפֿעניש, נידערטרעכטיגער, פֿאַלער מענש, אויסוואורף פֿון גיהינם! מעהר ווי דאָס האָט דיר נישט געפֿעהלט פֿאַר דיין נקמה? צי זאָל דען דער אייגענער זוהן אונטערשרייבּען אַ טויט-אורטייל פֿאַר זיין מוטער, וועלכע האָט איהם געבּאָרען, פֿאַר דער טאָכטער פֿון זיין דערהרג׳עטען פֿאָטער? צי דען איז עס ווייניג געווען פֿאַר דיר,

וואָס דו ביסט אַרויסגעטרעטען מיט דײַנע געמיינע, שענדליכע פֿאָרשלאָגען צו דער פֿריי פֿונ'ם קאַוואַליער, וואָס אין זײַן הויז ביסטו אַ גאַסט געווען,—צי איז עס נאָך ווייניג פֿאַר דיר, וואָס דו האָסט דעם קאַוואַליער געבראַכט אויפֿ'ן אויטאָ-דאַ-פֿע פֿערברענט צו ווערען און זײַן פֿרוי און טאָכטער האָסטו פֿון זייער פֿריעדליכען לעבען פֿערטריעבען? צי איז עס נאָך פֿאַר דיר ווייניג, וואָס דו האָסט מיט דײַן שענדליכען חבר דעם גאָסקאָן אַנטאָניאָ לאָפּעץ אויסגענאַרט בײַ די אונגליקליכע זייער געהיימניש, כדי אַרײַנצוברענגען זיי אין דער שרעקליכער תּפֿיסה פֿון דער אינקוויזיציע—דו ווילסט אויך נאָך...

— אַנטאָניאָ לאָפּעץ! — האָט געשטאַמעלט דער איבערראַשטער, אינגאַנצען פֿערניכטעטער גלח.—דער פֿערשאָלטענער גאָסקאָן האָט מיך פֿערראַטען!

— יאָ, אַזוי איז עס!—האָט אויסגעשריען דאָן דיעגאָ מיט אַ דונער-שטים. — צווישען פּאָדלע מענשען איז קיין טרײַהייט נישטאָ, צווישען זיי הערשט נישט קיין גלויבען! אָבער איהר וועט עס מיר בעצאָהלען, דו און דײַן חבר, דער גאָסקאָן!

— הערר,—האָט באַלטאַזאַר געזאָגט,—ווײַל איך זעה, אַז איהר ווייסט אַלץ, וויל איך מעהר נישט לייקענען. איהר אָבער: זײַט קלוג און הערט מיך אויס! אויב איהר ווילט ראַטעווען אייער מוטער און שוועסטער, קאָן דאָס געשעהן דורך מײַן הילף. נור ווען איך וועל צוריקנעהמען מײַן עדות-זאָגען און וועל פּועל'ן בײַ אַנטאָניאָ לאָפּעץ אויך טהון דאָס איינענע, נור דאַן איז מעגליך זיי צו ראַטעווען. שווערט מיר, אַז איהר וועט נישט נעהמען קיין נקמה פֿון מיר, וועל איך אײַך העלפֿען.

דער בישאָף האָט געקוקט אויף דעם בעטענדען גלח מיט פֿעראַכטונג.

— איצט שטרעקט איהר מיר אויס אײַער האַנד, — האָט ער געזאָגט, — נאָכדעם ווי איהר האָט געוואָלט מיך מאַכען פֿאַר אַ מוטער-מערדער, פֿאַר אַ מערדער פֿון מײַן שוועסטער? און אַלע יסורים, און דאָס גאַנצע עלענד, וואָס איהר האָט געבראַכט אויף מײַן משפּחה — דאָס אַלץ זאָל איך לאָזען נישט-בעשטראָפֿט? פֿאַר די טרעהרען פֿון מײַן מוטער, פֿאַר די פּייניגונגס-יסורים פֿון מײַן פֿאָטער, וועט איהר מיר בעצאָהלען, באַלטאַזאַר! איהר וועט נישט אויסמײַדען די תּליה, וועלכע איהר האָט שוין לאַנג פֿערדיענט.

ווען דאָן דיעגאָ האָט אַזוי גערעדט, האָט פֿריי באַלטאַזאַר זיך אויפֿגעהויבען הויך און שטייף.

— איהר ווילט מלחמה!—האָט ער אויסגערופֿען. — איהר ווילט מיר נישט מוחל-זײַן, איהר ווילט זיך מיט מיר נישט פֿעראייניגען! גוט, וועלען מיר מלחמה-פֿיהרען! איך וועל אײַך אַראָבוואַרפֿען פֿון אײַער הויכער שטעלע, פֿאַר דער גאַנצער וועלט וועל איך ערקלערען אָפֿען, אַז דער גרויס-אינקוויזיטאָר פֿון מאַדריד שטאַמט פֿון די אַנוסים, דער זוהן פֿון אַ פֿערברענטען און אַ פֿעראורטיילטער.

— כאַ-כאַ-כאַ, מען וועט אײַך נישט גלויבען.

— מען וועט מיר יאָ גלויבען. די אינקוויזיציע איז נאָך גענוג מעכטיג אין שפּאַניען און איך בין אויך גלח, ווי איהר, נאָך מעהר פֿאַר אײַך, ווײַל אין מײַנע אָדערן רינט נישט קיין בלוט פֿון די יודען אָדער מוירען.

— מען וועט אײַך נישט גלויבען, זאָג איך אײַך. אײַער ערקלערונג וועט נישט האָ-

בען דעם קלענסטען ווערטה, ווייל איהר זענט א מערדער, א דערוויזענער מערדער. מען האט נאך נישט נקמה-גענומען פון אייך פאר'ן טויט פון גרוים-אינקוויזיטאר אלפאנזא פערנאנדעץ.

פריי באלטאזאר האט זיך דערשראקען.

— וואס ווייסט איהר—האט ער געפרעגט—וועגען דעם טויט פון דאן פערנאנדעץ?

— יאנואריא, דער אפטייקער-געהילף, איז טויט און ער האט זיך פאר מיר מתודה-געווען.

— און איהר האט פערראטען דעם ודוי-סוד?

— יאנואריא האט איינגעלאדען דעם מאדרידער אלקאדא מיט זיינע סעקרעטארען און מען האט צוזאמענגעשטעלט א פראטאקאל. די יוסטיץ זוכט אייך שוין.

— כ'בין פערלארען!—האט באלטאזאר אויסגערופען און געפאלען אין חלשות.

דאן דיעגא האט אנגעקלונגען. א דיענער איז אריינגעקומען.

— הענריקעץ,—האט געזאגט דער בישאף,—רוף-אריין נאך עטליכע מענשען, כדי צו בינדען דעם דאזיגען מענשען און איבערגעבען איהם אין די הענד פון דער יוסטיץ. דאס איז א גיפט-מערדער, וואס די רעגירונג האט שוין בעשטימט א פרייז פאר'ן כאפען און ארעסטירען איהם. דו קאנסט דעם פרייז פערדיענען, ווען דו וועסט איבערגעבען דעם גלח פריי באלטאזאר די וואלענסיא דעם קעניגליכען פראקוראר.

דער דיענער האט זיך צוגעאיילט צו ערפילען דעם בעפעהל פון זיין הערין. ווען פריי באלטאזאר האט זיך אבגעמינטערט פון זיין חלשות, איז ער שוין געווען געבונדען און געלעגען אין א וואגען, וואס האט איהם געפיהרט אין דער געפענגעניש.

5.

דאס איז געווען א טאג, רייך אין געשעהעגישען, ווי דיעגא האט עס נאך קיינמאל נישט דערלעבט. זיין פאטער, וועלכען ער האט שוין געהאלטען פאר טויט, האט ער וויע-דער געפונען, פון זיין מוטער און שוועסטער האט ער בעקומען א ידיעה, אמת, אפילו א טרויעריגע ידיעה, אבער דאך האט ער זיך דערוואוסט, וואו זיי געפינען זיך; ער האט זיך אויך דערוואוסט, פון וואס עס איז געשטארבען זיין עלטער-פעטער, דער גרוים-אינקווי-זיטאר, און דערצו נאך איבערגעגעבען דעם גערימט זיין מערדער, דעם ערגסטען פיינד פון זיין משפחה.

איצט ענדליך האט ער געוואלט אויפזוכען זיין מוטער און שוועסטער אין תפיסה. ער וואלט זיי גערן ארויסגעפיהרט פון דארט באלד אין טריאומף; אבער ער האט זיך נאך נישט געטארט דערוועגען צו טהון אזא זאך. אזוי גרוים איז זיין מאכט נישט געווען, אז ער זאל קאנען אונטערנעהמען עטוואס געגען דער אינקוויזיציע. איסערדעם איז דאך איצט געווען זעהר לייכט צו בעפרייען זיי אויף א געזעצליכען אופן. דאס עדות-זאגען געגען זיי פון א דערוויזענעם מערדער איז ממילא אבגעלייקענט געווארען און בנוגע דעם עדות-זאגען פון נאסקאן צנטאניא לאפעץ האט מען געקאנט דורך סטראשונקעס און הבטחות פועל'ן,

אַז עֶר זאָל זִיךְ אָבּזאָגעֶן דעֶרפֿוּן און עֶרקלעֶרעֶן, אַז פֿרייַ בּאַלטאַזאַר האָט אִיהם אָנגעֶרעֶדט גְרוּת צוּ זאָגעֶן פֿאַלש. דעֶר דאָזִיגעֶר וועֶג אִיז עֶרשִׁיעֶנעֶן דאָן דִיעֶגאָ'ן אַלס דעֶר רִיכְטִיגסטעֶר, ווּעֶהרעֶנד דעֶר וועֶג פֿוּן גוואַלט אִיז געֶוועֶזעֶן געֶפֿעֶהרלִיךְ. דאָן דִיעֶגאָ האָט דעֶרִיבּעֶר בּעֶשלאָסעֶן צוּ בּעֶזוּכעֶן זייַן מוּטעֶר און שוועֶסטעֶר אִין מִיטעֶן דעֶר נאַכט. כְּדֵי אָבּעֶר נִישט צוּ שטעֶלעֶן אִין געֶפֿאַהר דִי געֶזוּנדהייַט פֿוּן זייַן מוּטעֶר, וועֶלכעֶ וואָלט נִישט לייַכט אַרִיבּעֶרטראָגעֶן אַלעֶ פּלוּצלוּנגעֶ פֿרעֶהלִיכעֶ בּשוֹרוֹת, האָט דִיעֶגאָ בּעֶשלאָסעֶן צוּ עֶרשייַנעֶן פֿאַר אִיהר נִישט אַלס גרוֹיס-אִינקווִיזִיטאָר און בִּישאָף פֿוּן אַווִילאַ, נאָר אִין מַלבּוּשִׁים פֿוּן אַ ווּעֶלטעֶר און לאָזעֶן זִיךְ בּלוֹיז דעֶרקעֶנעֶן פֿאַר אִיהר, אַלס אִיהר זוּהן. דאָן דִיעֶגאָ האָט דעֶרִיבּעֶר אַלץ אָנגעֶגרייַט צוּם דאָזִיגעֶן ווִיזִיט אִין תְּפִיסָה; עֶר האָט געֶלאָזעֶן בּרעֶנגעֶן קלייַדעֶר און דִי שלִיסלעֶן פֿוּן תְּפִיסָה און בּעֶשטעֶלט זייַן געֶטרייַעֶן דִינעֶר זשוּאַן, כְּדֵי עֶר זאָל אִיהם בּעֶגלייַטעֶן אִין תְּפִיסָה אִין מִיטעֶן נאַכט. פֿרִיהעֶר אָבּעֶר האָט דאָן דִיעֶגאָ נאָךְ געֶמוּזט פֿאָהרעֶן אִין קעֶנִיגלִיכעֶן פּאַלאַץ, כְּדֵי בּייַצוּוואוֹינעֶן אַנ'אָוועֶנד-פֿעֶרווייַלוּנג בּייַ דעֶר קעֶנִיגִין אִין אַ קלייַנעֶם קרייַז פֿוּן אִיהרעֶ מְקוֹרָבִים.

דאָס אִיז געֶוועֶזעֶן אַנ'אוֹיסגעֶקלִיבּעֶנעֶ געֶזעֶלשאַפֿט, וועֶלכעֶ האָט זִיךְ פֿעֶרזאַמעֶלט אִין כַּאלאָן פֿוּן דעֶר קעֶנִיגִין: דעֶר קעֶנִיג, דִי קעֶנִיגִין, דִי פֿירשטִין אוּרסִינִי און צוויי קאַמעֶר-הֶערעֶן און הוֹיף-דאַמעֶן. דעֶר בִּישאָף פֿוּן אַווִילאַ אִיז תָּמִיד געֶוועֶזעֶן דִי נְשָׁמָה פֿוּן דעֶר דאָזִיגעֶר פֿעֶרזאַמלוּנג. זייַן רייַכעֶר גייַסט, זייַן גרוֹיסעֶ ווִיסעֶנשאַפֿט, זייַן רייַך לעֶבּעֶן, פֿוּל געֶשעֶהעֶנִישעֶן, זייַן טאַלעֶנט אָנגעֶנעֶהם צוּ דעֶרצעֶהלעֶן און צוּ מאַכעֶן פֿעֶרשטעֶנדלִיךְ און פּאָפּוּלעֶר דִי שוועֶרסטעֶ עִנְיָנִים, זייַן בּעֶזוּנדעֶר טאַלעֶנט יעֶדעֶרעֶן צוּ פֿעֶראִינטעֶרעֶסִירעֶן, אֲפִילוּ דִי קרעֶנקלִיכעֶ קעֶנִיגִין אַזוֹי ווייַט צוּ צעֶשטרייַעֶן, אַז זִי זאָל אָן אִיהרעֶ ווּעֶהטאָגעֶן פֿעֶרגעֶסעֶן—דאָס אַלץ האָט געֶמאַכט דעֶם יוּנגעֶן בִּישאָף פֿאַר'ן נוֹיטִיגסטעֶן מִיטגלִיעֶד פֿוּן דעֶר פֿעֶרזאַמלוּנג.

דעֶם אָוועֶנד אִיז דאָן דִיעֶגאָ געֶוועֶזעֶן זעֶהר צעֶשטרייַט און עֶר האָט כִּמְעַט נִישט געֶרעֶדט. עֶר, וועֶלכעֶר האָט שטעֶנדִיג מִיטגעֶבּראַכט אִין דעֶר געֶזעֶלשאַפֿט אַ גאַנצעֶן שטראָם מאַטעֶרִיאַל צוּם רעֶדעֶן, פֿעֶרטרייַבּעֶנדִיג דאַדוּרךְ דִי לאַנגוויילִיגקייַט פֿוּן קעֶנִיגלִיכעֶן הוֹיף,— עֶר האָט הייַנט גאָרנִישט געֶרעֶדט, און ווּעֶן מעֶן האָט זִיךְ געֶוועֶנדעֶט צוּ אִיהם, האָט עֶר געֶעֶנטפֿעֶרט נִישט צוּ דעֶר זאַךְ. זייַן גייַסט אִיז געֶוועֶזעֶן עֶרגעֶץ-וואו אַנדעֶרש און עֶר האָט געֶדאַנקט דעֶם אוֹיבּעֶרשטעֶן, ווּעֶן ס'האָט געֶשלאָגעֶן דִי שָׁעָה, וואָס האָט אִיהם עֶרלוֹיבּט צוּ געֶהן צוּרִיק אַהייַם.

ווּעֶהרעֶנד דאָן דִיעֶגאָ אִיז געֶוועֶזעֶן אִין דעֶר געֶזעֶלשאַפֿט פֿוּן דִי העֶכסטעֶ העֶרשאַפֿטעֶן, אִיז זייַן מוּטעֶר געֶלעֶגעֶן אִין דעֶר דוּמפּעֶר תְּפִיסָה פֿוּן דעֶר אִינקווִיזִיצִיעֶ אוֹיף דעֶר הִילצעֶרנעֶר בּאַנק מִיט אַ האַרץ פֿוּל פֿעֶרצווייַפֿלוּנג.

שוֹין כִּמְעַט צוואַנצִיג יאָהר אִיז פֿאָרִיבּעֶר, זִינט דִי טעֶג פֿוּן גלִיק און זוּנעֶן-שייַן. וואָס האָט שוֹין דִי אוּנגלִיקלִיכעֶ נִישט אִיבּעֶרלעֶבּט פֿוּן יעֶנעֶר צייַט אָן. דעֶם מאַן און דעֶם זוּהן האָט מעֶן בּייַ אִיהר צוּגעֶנוּמעֶן אוֹיפֿ'ן שרעֶקלִיכסטעֶן אוֹפֿן. דִי לאַנגעֶ רייִה פֿוּן יאָהרעֶן האָט זִי פֿעֶרבּראַכט אִין ווייַנעֶן און קלאָגעֶן נאָךְ דִי פֿעֶרלאָרעֶנעֶ, און נוּר אֵיין טרייַסט אִיז אִיהר

איבערגעבליבען—איהר מאַמטער, וועלכע האָט ליעבליך געפּליהט אונטער איהרע ליעבע פוֹלע אויגען, ווען איהר מאַמער איז כלה געוואָרען, האָט פאַר איהר אַ שיין געטהון אַ שטראַהל פון פרייד און האָפנונג. און פּלוצלונג איז צוגעפאַלען די פינסטערע נאַכט פון פערדערבען! אויף איהר ווארטען איצט פיינינונגס־יסורים, שאַנד און אַ שרעקליכער טויט; נישט אויף איהר אַליין ווארט עס, נאָר אויך פאַר איהר טאָכטער, פאַר אַלע די, וואָס זע־נען איהר ליעב און טייער! זי האָט זיך אָנגעהויבען דערמאָהנען אָן איהר פאָטער, וועלכער איז פון דער פינסטערער תפיסה געפיהרט געוואָרען אין די פלאַמען־פייער פון אויטאָ־דאַ־פע, וואו ער האָט מקדש־השם־ברבים געווען; זי האָט זיך געגומען דערמאָהנען אָן איהר מאַן, וועגען וועלכען זי האָט געמיינט, אַז ער האָט אויך אַזוי געענדיגט זיין לעבען.

— „אָהו—האָט זי געדערט פאַר־זיך.—אויך איך ווינש מיר שוין דעם דאָזיגען טויט. אין די פלאַמען פייער וועט מיין נשמה זיך אויפהויבען צו דיר, מיין ג׳, מיין אויסלייזער, מיין פעלז, און דאָרט, אין דיין הימעל וועל איך דערזעהן וויעדער מיין פאָטער, מיין מו־טער, מיין מאַן און מיין זוהן! אָבער וואָס וועט זיין מיט מיין טאָכטער? צי וועט דאָס צאַרטע קינד קאָנען אויסהאַלטען די יסורים, צי וועט זי נישט קויפען איהר לעבען דורך אַ חרטה לפנים? און וואָס וועט ווערען פון איהר דאַן, ווען זי וועט פערלאָזען די טורמע אַיינע אַליין, אָהן פריינד, אָהן הילף, אָהן מיטלען צום לעבען? אָה, אַלמעכטיגער ג׳ו דערבאַרם זיך איבער מיין קינד! זעה, איך בין גרייט מיט אַ פרעהליכען הארצען און גערן צו ברענגען דיר אַ קרבן מיין לעבען. זאָל דער דאָזיגער קרבן דיר געפעלען, אָבער דערהאַלט אין גנאָד און רחמים דיין אונשולדיג טייבעלע, אַז עס זאָל נישט ווערען קיין רויב פאַר די ווילדע רויב־פויגלען! אָה, רבונו של עולם, דו ביסט דאָך בּאַרמהערציג און גנעדיג, פערנעהם מיין הייסע תפלה!״

די אונגליקליכע מוטער איז פערשוויגען געוואָרען. אַ טייך טרעהרען האָט זיך אַ גאָס געטהון פון איהרע אויגען און אויף׳ן הארצען איז איהר דערפון געוואָרען לייכטער. אָבער אָט האָבען אַ סקריפּע געטהון די טהירען פון איהר תפיסה און האָבען זיך געעפענט. אין איהר צימערל איז אַריינגעקומען אַ יונגערמאַן, געקליידעט ווי אַ טורמע־וועכטער, מיט אַ לאָמ־טערן אין דער האַנד און איז צוגעגאַנגען צו איהר.

דאָנאַ אַנונציאַטאַ איז אויפגעשפרונגען פון איהר געלעגער.

— וואָס ווילט איהר?—האָט זי אויסגערופען.—צי ווילט איהר מיך פיהרען צום טויט? אָה, לאָזט מיך פריהער זעהן נאָך איין מאָל מיין קינד!

זי האָט זיך אויפגעהויבען פון דער הילצערנער באַנק און אויסגעשטרעקט די הענד מיט אַ בקשה צום כלומר׳שטען טורמע־וועכטער.

— בערוהיגט זיך, סעניאָרא, — האָט דיענאָ געזאָגט,—איך בין געקומען צו אייך נישט מיט אַ שלעכטער כונה, חלילה; פערקעהרט, איך האָב אַריינצוברענגען אין דער פינסטערניש פון אייער געפאַנגענשאַפט אַ שטראַהל האָפנונג.

— האָפנונג? אָה, פאַר מיר איז שוין קיין האָפנונג מעהר נישטאָ!

— זייט זיך נישט מיאש, סעניאָראָ! „האָף אויף דעם איבערשטען — ווי דוד מלך

ישראל זאָגט אין תהילים—**און אויב דיר געלינגט** דאָס נישט, שטאַרק זיך און קרעפֿטיג דײַן האַרץ, נאָר האָף אויף דעם אויבערשטען!״ געווים האָט דער גורל מיט אײַך שרעקליך גע־שפּיעלט. איך האָב אײַך, סעניאָראַ, געקענט, ווען איהר זענט נאָך געווען יונג; איהר האָט דאַמאָלסט געלעבט אין וואַלענסיאַ אין כבוד און נחת! ווי האָבען די שמערצען און דאגות פֿערענדערט אײַער געשטאַלט!

— הערר, איהר זענט געקומען מיך אויספֿאָרשען? זענט איהר אָפֿשר אַן׳אינקוויזיטאָר? אײַער פֿײַנע געבילדעטע שפּראַך פּאַסט־זיך עפּיס ווייניג צו אײַער גראָבען מלבוש. אויב איהר מײַנט מיך אָבצונאַרען און אויספֿאָרשען, איז אומזיסט אײַער מיה. איך וויל קיין זאַך נישט פֿערבאָרגען. פֿרײַ און אָפֿען וועל איך מײַן ג׳ אָנערקענען און געהן צום טויט אויף קדוש־השם.

דיעגאָ האָט אַ ציטער־געטהון. פֿול ליעבע און פֿערוואונדערונג האָט ער געקוקט אויף דער אויסגעמאַטערטער געשטאַלט, אויפֿ׳ן מאָגערען פּנים, וואָס איז פֿעראײַדעלט געוואָרען דורך דער ערהאַבענער בעגײַסטערונג און וואָס איז אין שײַן פֿון זײַן לאַמטערן געווען אַרומגערינגעלט ווי מיט אַ קרוין פֿון ליכטיגע שטראַהלען.

— סעניאָראַ,—האָט ער געזאָגט,—איך האָב אײַך געגעבען די פֿערזיכערונג, אַז איך בין נישט געקומען צו אײַך מיט אַ בייזער כונה. איהר מעגט זיך מיר בעזונדערס פֿערטרויען דערפֿאַר, וואָס איהר זענט דאָך סײַ־ווי־סײַ ענטשלאָסען צו זאָגען דעם פֿאָלקאָמען אמת. הערט אָבער די עצה פֿון אַ פֿרײַנד: ווען מען וועט אײַך פֿיהרען צו דער אויספֿאָרשונג, זאָלט איהר אַליין אָבלייקענען! ס׳האַלט נאָך נישט אַזוי שלעכט מיט אײַך, ווי איהר מײַנט. ס׳איז נאָך פֿאַרהאַן רעטונג פֿאַר אײַך און פֿאַר אײַערע לײַט. איהר האָט פֿרײַנד, וואָס איהר ווייסט גאָר נישט וועגען זייער עקזיסטענץ, און זיי בעמיהען־זיך צו ראַטעווען אײַך. איך בעט אײַך דעריבער נישט צו פֿערדערבען אַליין דורך מודה־זײַן־זיך פֿאַר דער צײַט. צי ווילט איהר מיר דאָס צוזאָגען, סעניאָראַ?

— איך זאָג עס אײַך צו! ווער אָבער זענען די פֿרײַנד, וועגען וועלכע איהר רעדט?

— איהר האָט געהאַט אַמאָל אַ זוהן?

— ער איז טויט. אין פּאָקען איז ער געשטאָרבען.

— ווער האָט אײַך דאָס געזאָגט?

— אַנטאָניאָ לאָפּעץ!

— ער האָט אײַך געזאָגט ליגען. אײַער זוהן דיעגאָ י. אַגילאַר לעבט. ער איז נישט געשטאָרבען אין פּאָקען־קרענק. באַלד נאָכדעם, ווי איהר זענט אַנטלאָפֿען, איז ער ווידער געזונד געוואָרען. ער לעבט נאָך הײַנט.

— ווי, מײַן זוהן, מײַן היים־געליעבט קינד לעבט נאָך? אָה, אַלזאָ האָט מײַן געפֿיהל מיך נישט אָבגענאַרט? רבונו של עולם, ווי דאַנק איך דיר! אָה, דערוויי מיר די גנאָד, אַז מײַן אויג זאָל איהם זעהן כאָטש נאָך איין מאָל, נור איין מאָל!

דיעגאָ׳ן איז שווער געווען אײַנצוהאַלטען זיך. דאָך האָט ער זיך בעצוואונגען. ער האָט געוואָלט נאָך מעהר פֿאָרברייטען זײַן מוטער צו דער גרויסער איבעראַשונג, ווײַל פֿאַר דער

שוואַכער פרוי, וועלכע ער האָט דאָ פאַר זיך געזעהן, האָט די צו־גרויסע פרייד געקאָנט זיין שעדליך.

— אָה, הערר, — האָט דאָנאַ אַנונציאַטאַ גערעדט ווייטער, — איהר ווייסט עטוואָס וועגען מיין זוהן? דערצעהלט מיר וועגען איהם! ווי־אַזוי האָט ער צוגעבראַכט זיין יוגענד? וואו געפינט ער זיך יעצט?

— אייער זוהן, סעניאָראַ, איז אָבגעגעבען געוואָרען צו אַ בעל־מלאכה אין דער לעהרע און ער איז געוואָרען אַ סטאָליאַר. אָבער ער בעשעפטיגט זיך נישט מיט זיין מלאכה. ער פערנעהמט אַ ניעדעריגע מלוכה־שטעלע; ער לעבט דאָ אין מאַדריד און איז מיין פריינד. מעגליך, אַז ער וועט אויף זיין שטעלע קאָנען עטוואָס טהון לטובת אייער בעפרייאונג.

— צי ווייס ער, אַז איך בין אין תפיסה?

— ער ווייס און האָט געשוואָרען אַלץ אָנצווענדען, אַבי נור אייך צו בעפרייען.

— אָה, ווען ער זאָל זיך נור דאַדורך אַליין נישט שטעלען אין גרויס סכנה! איהר מוזט, מיין פריינד, אויפזוכען איהם און בעטען אין מיין נאָמען, אַז ער זאָל זיך נישט שטע־לען אין סכנה.

— ווי בעזאָרגט עס איז אַ מוטערליך האַרץ! צי גלויבט איהר אָבער, סעניאָראַ, אַז ער וועט מיר פאָלגען און קוקען מיט צוזאַמענגעלעגטע הענד, ווי מען וועט פערברענען זיין מוטער און שוועסטער? זאָרגט נישט פאַר איהם, ער איז קלוג און פאָרזיכטיג.

— דערצעהלט מיר וועגען איהם! האָט ער שוין חתונה געהאַט?

— ניין, נאָך נישט.

— צי ווייס ער, אַז זיינע עלטערן זענען געווען יודען?

— יאָ, ער ווייס עס.

— און וואָס דענקט ער וועגען דעם?

— ביז אַ קורצער צייט צוריק איז ער געווען אַ קריסט אַ מאמין; אָבער מיט עטליכע מאָנאַטען צוריק האָבען אין איהם אויפגעלעבט אַלטע זכרונות פון זיינע קינדער־יאָהרען און זיין קריסטליכע אמונה איז געוואָרען וואַקעלדיגער. ער גאַרט זעהר נאָך דער רעליגיע פון זיינע אבות.

— און ווער זענט איהר עס, ווען איהר זענט אַזוי גוט בעקאַנט מיט זיינע טיעפסטע געדאַנקען?

— איך בין זיין פריינד, און ער האָט פאַר מיר נישט קיין סודות, דען ער ווייס, אַז איך וועל איהם נישט פערראַטען.

— איהר זאָגט, אַז איהר האָט מיך געקענט אין וואַלענסיאַ. דאָס איז דאָך שוין זעהר לאַנג. און איהר זענט נאָך גאָר יונג.

— דערמאָהנט איהר זיך אין וואַלענסיאַ וועגען אַ געוויסען קצב?

— זענט איהר אפשר זיין זוהן? זענט איהר אויך אַ יוד?

— יאָ, איך בין אַ יוד. צי האָט איהר מיר וואָס איבערצוגעבען פאַר אייער זוהן?

— ברענגט איהם מיין הערצליכסטען גרוס. בעט איהם, אַז ער זאָל צוליעב אונז

נִישט שטעלען זִיך אִין סכּנה, און זאָגט אִיהם, אַז אִיך האָב נור אֵיין וואונש צו זעהן נאָך אֵיינמאָל מײַן געלִיעבטען זוהן אײדער אִיך וועל שטאַרבען און צו קאָנען דרִיקען זײַן האַנד אִין מײַנער.

דיעגאָ האָט זִיך שוין מעהר נִישט געקאָנט אײַנהאַלטען: ער האָט אויפגעהויבען זײַן לאַמטערן אַזוי, אַז זײַן גאַנץ געזִיכט אִיז בעלויכטען געוואָרען. ערשט אִיצט האָט דאָנאַ אַנונציאַטאַ אִיהם דערזעהן אִינגאַנצען.

— רבונו של עולם,— האָט זִי אויסגערופען,— וואָס פאַר אַ פנים! ס'אִיז דאָך אִינגאַנצען דאָס פנים פון מײַן מאַן!

— דאָס אִיז דאָס פנים פון דײַן זוהן, מײַן מוטער! אִיך בִּין עָס, דיעגאָ, דײַן פערלאָרענער, דײַן טויט-געגלויבטער זוהן.

און ער האָט אָנגענומען די האַנד פון זײַן מוטער און בעדעקט זִי מִיט קושען. דאָנאַ אַנונציאַטאַ אָבער האָט אויסגעשפּרײַט אִיהרע אָרעמס און אויסגערופען:

— מײַן זוהן, מײַן זוהן, מײַן הערצענס-קִינד! אָה, אִיצט ווִיל אִיך גערן שטאַרבען, נאָכדעם ווִי אִיך האָב דִיך ווִידער-אַמאָל געזעהן.

מִיט הײסע טרעהרען האָט דיעגאָ אַרומגענומען זײַן מוטער און געזאָגט:

— נײן, מאַמע, נײן, נִישט שטאַרבען, נור לעבען זאָלסטו. פרעהלִיך און גלִיקלִיך זאָלסטו זײַן אִין לעבען! נאָך אַ לאַנגער צײַט פון יסורים הויבּט-זִיך-אָן פאַר אונז אַלעמען אַ שענער לִיכטִיגער פרִיהמאָרגען, נאָך וועלכען ס'וועלען קומען פִיעל טעג און יאָהרען פון פרייד און גלִיק.

6.

אָן ז'יעגאָ האָט געקלעכט נאָך אִין דערזעלבִיגער נאַכט צו בעזוכען זײַן שוועסטער און די אִיבּרִיגע געפאַנגענע; אָבער נאָך אַלע אִיבּערגעלעבטע אויפרעגונגען האָט ער זִיך געפִיהלט צו-שטאַרק ערשעפּט און דערִיבּער אִיז ער געקומען צורִיק אִין זײַן צִימער און געלעגט זִיך שלאָפען, שלאָפענדִיג געשמאַק בִּיז'ן גרויסען טאָג. ווען ער אִיז אויפגעשטאַנען, זִיך אָנגעטהון און געפרִיהשטִיקט, האָט מען אִיהם געמעלדעט, אַז מעסער וואַן סוויעטען אִיז געקומען און פערלאַנגט אויפגענומען צו ווערען. דאָן דיעגאָ האָט געהײסען אִיהם אַרײַנפִיהרען, דאַן האָט ער די טהִיר פערשלאָסען, אִיז צוגעגאַנגען צו זײַן פאָטער, אַרומגענומען אִיהם און געזאָגט:

— לאָ'מִיר דאַנקען דעם אויבערשטען, פאָטער, זײַן חסד פִיהרט אונז אויף אַ וואונדערלִיכען אופן.

און ער האָט דערצעהלט דאָן מאַנועל'ן, וואָס ער האָט אִיבּערגעלעבט מִיט אַ טאָג פרִיהער: ווִי יאַנואַריאָ האָט זִיך מודה-געווען, ווִי באַלטאַזאַר אִיז אָבגעפִיהרט געוואָרען אִין טורמע און ווִי ער, דיעגאָ, האָט זִיך געזעהן מִיט זײַן מוטער.

— נור נאָך עטלִיכע טעג — האָט דיעגאָ געזאָגט — און מִיר וועלען האָבען אִיבּערגעלעבּ

אַלע שלעכטע צײַטן, איצט בעשטעהט אונזער אויפֿגאַבע דערין, אַז מיר זאָלען ברענגען אַהער אַנטאָניאָ לאָפּעץ און בעװעגען איהם, צי דורך הבטחות, צי דורך סטראַשונקעס, אַז ער זאָל זיך אָבזאָגען פֿון זײַן עדות-זאָגען, ערקלערענדיג, אַז פֿריי באַלטאַזאַר האָט איהם דערצו אָנגערעדט. זײַ אַזוי גוט, ליעבער פֿאָטער, נעהם אויף זיך די טרחה צו ברענגען אַהער דעם גאַסקאָן אַנטאָניאָ לאָפּעץ.

דאָן מאַנועל האָט זיך גלײַך געאײַלט צו ערפֿילען זײַן זוהנ'ס פֿערלאַנג. ער איז אַװעקגעגאַנגען אין קאַפֿע-הױז, װאו ער האָט פֿיעל מאָל פֿערבראַכט מיט אַנטאָניאָ לאָפּעץ, און איז דאָרט דערגאַנגען זײַן אַדרעס. די װאוינונג פֿון גאַסקאָן איז געװען אַ דאַך-שטוב אין אַנ'אָרים הױז, אין אַ זײַטיגען עק שטאָדט. װען דאָן מאַנועל איז אַװעק אַהין און האָט נאָכגעפֿרעגט אויף אַנטאָניאָ לאָפּעץ, האָט ער זיך דערװאוסט צו זײַן גרױסער פֿערװאונדערונג, אַז דער גאַסקאָן איז אַרעסטירט. מאַנועל האָט זיך געאײַלט איבערצוגעבען די דאָזיגע ידיעה זײַן זוהן.

דאָן דיעגאָ איז באַלד אָבגעפֿאָהרען צום אַלקאַדאָ פֿון מאַדריד, כדי צו דערװיסען זיך, פֿאַרװאָס מען האָט אַרעסטירט דעם גאַסקאָן.

װען ער איז אַרײַנגעקומען צום אויבערריכטער, איז יענער איהם אַרױסגעקומען אַנטקעגען.

— איהר קומט געװיס, גנעדיגער הערר, — האָט ער געזאָגט, — כדי צו דערװיסען זיך װאָס עס הערט-זיך מיט דער אויספֿאָרשונג. דער מערדער האָט זיך בלויז מודה-געװען, ער האָט אויך אַרױסגעגעבען זײַן מיטשולדיגען, אַ פֿריהערדיגען סאָלדאַט, מיט'ן נאָמען אַנטאָניאָ לאָפּעץ, װעלכער זאָל האָבען אַרײַנגעבראַכט די פֿערגיפֿטעטע ליכט אין צימער פֿון גרױס-אינקװיזיטאָר. איך האָב דעריבער בעפֿױהלען צו אַרעסטירען דעם דאָזיגען אַנטאָניאָ און תיכּף אויסגעפֿאָרשט איהם. ער האָט מודה-געװען, אַז ער איז אַ מיטשולדיגער פֿון פֿריי באַלטאַזאַר.

דיעגאָ איז געװען העכסט ערשטױנט. אין יאַנואַריאָ'ס מודה-זײַן-זיך איז נישט דערמאָהנט געװען קײן זײַטיגע פֿערזאָן, װאָס זאָל האָבען טײלגענומען אין דער פֿערגיפֿטונג פֿון גרױס-אינקװיזיטאָר; מעגליך אַלזאָ, אַז דער דאָמיניקאַנער גלח האָט אָנגעקלאָגט דעם לאָפּעץ נור צוליעב נקמה, און לאָפּעץ איז אַזוי איבערגעשראָקען געװאָרען פֿון זײַן אַרעסט, אַז ער האָט זיך מודה-געװען, דאָס ער איז דער מיטשולדיגער פֿון פֿריי באַלטאַזאַר, מײַנענדיג, אַז דאָ האַנדעלט זיך בלויז װעגען דער מסירה אויף דער משפּחה פֿון די אַנוסים, און נישט האָבענדיג בכלל קײן בעגריף װעגען דער פֿערגיפֿטונג פֿון גרױס-אינקװיזיטאָר.

— דאָס איז אַ פֿינגער פֿונ'ם אויבערשטען, — האָט דיעגאָ געטראַכט, — דער הונד האָט פֿערדיענט די בעשטראָפֿונג פֿאַר אַ פֿערברעכען, פֿאַר װעלכען דאָס שפּאַנישע געזעץ בעשטראָפֿט נישט; ער מוז דעריבער לײַדען פֿאַר אַ פֿערברעכען, װאָס ער האָט גאָר נישט בעגאַנגען.

דאָן דיעגאָ האָט געבעטען דעם אַלקאַדאָ, אַז ער זאָל דעם פּראָצעס פֿון בײדע מערדער בעטראַכטען װאָס געשװינדער, און דער אַלקאַדאָ האָט איהם דאָס צוגעזאָגט.

— געקומען אַהײם, האָט דער בישאָף פֿון אַװילאַ געפֿונען זײַן פֿאָטער דאָן מאַנועל אין געשפּאַנטער ערװאַרטונג.

— איך ברענג ווידער גוטע ידיעות, מייַן פֿאָטער, — האָט דיעגאָ אויסגערופֿען, אַרייַנקומענדיג אין שטוב, — דער גלח באַלטאַזאַר האָט גע׳מסר׳ט דעם גאַסקאָן אַלס זייַן מיטשולדיגען און דער גאַסקאָן האָט אויף אַ וואונדערליכען אופן מודה־געווען זיך, כאָטש ער האָט גאָר נישט טײלגענומען אין׳ם דאָזיגען פֿערברעכען. פֿאַר אונזער זאַך איז דאָס זעהר גוט, ווייַל אויב ביידע נישטווירדיגע וועלען פֿער׳משפט ווערען צום טויט, דאַן וועלען זייערע אָנקלאַגען אין אינקוויזיציע ממילא בטל ווערען און די אַרעסטירטע וועלען בעפֿרייַט ווערען. אין דער קומענדיגער נאַכט וועל איך בעזוכען מייַן שוועסטער, איהר חתן און אונזער קוזינע. איצט אָבער מוז איך פֿאָהרען אין קעניגליכען הויף, ווייַל מען האָט מיך אייַנגעלאַדען צום קעניגליכען מאַלצייַט.

דאַן דיעגאָ איז אַבגעפֿאָהרען אין קעניגליכען הויף; ס׳איז נאָך געווען אַ האַלבע שעה פֿאַר׳ן מאַלצייַט און ער האָט אויסגעניצט די דאָזיגע צייַט צו פֿערברענגען מיט פּירשטין אורסיני.

— מייַן פֿרייַנד, — האָט זי אויסגערופֿען, ווען זי האָט איהם דערזעהן, — וואָס איז געווען מיט אייַך נעכטען אָווענד? איהר זענט געווען צעשטרייַט און האָט גאָרנישט גערעדט, ווי נאָך קיינמאָל נישט.

— גנעדיגסטע פּירשטין, — האָט דאַן דיעגאָ געענטפֿערט, — איהר האָט מיך איינמאָל געפֿרעגט וועגען מייַן משפחה; יעצט וועל איך אייַך ענטדעקען מייַן סוד: איך האָב צוריק געפֿונען מייַן פֿאָטער.

— אייַער פֿאָטער? צי האָט איהר דען מיר נישט געזאָגט, אַז ער איז פֿערברענט געוואָרען!

— ער האָט זיך געראַטעוועט דורך אַ וואונדער פֿון פֿייַער־טויט. אָבער נישט בלויז מייַן פֿאָטער, אויך מייַן מוטער האָב איך געפֿונען; וועהרענד מייַן פֿאָטער איז אַנטלאָפֿען פֿון שפּאַניען קיין וועסט־אינדיען, האָט מייַן מוטער געלעבט צוזאַמען מיט מייַן שוועסטער בעהאַלטענערהייד אין מאַדריד. אַרויסגעפֿיהרט האָט זיי פֿון זייער בעהעלטעניש דער אייבינער פֿייַנד פֿון אונזער משפחה, כדי אָנצוקלאָגען זיי אין געריכט פֿון דער אינקוויזיציע, און יעצט זיצען זיי אין דער תּפֿיסה פֿון דער אינקוויזיציע.

— שרעקליך! שוידערהאַפֿט! און איהר?

— איך האָב אויפֿגעזוכט מייַן געליבטע מוטער אין תּפֿיסה און איך האָף זי צו בעפֿרייַען. דער פֿייַנד פֿון אונזער משפחה האָט מיט גיפֿט פֿער׳סמ׳ט דעם גרויס־אינקוויזיטאָר דאָן אַלפֿאָנזאָ י. אַגילאַר, און זייַן פֿערברעכען איז דערוויזען געוואָרען. ער זיצט יעצט אין טורמע און וועט הייַנט, אָדער מאָרגען פֿער׳משפט ווערען צום טויט. דאַן האָף איך, אַז זייַן אָנקלאַגע געגען מייַן משפחה אין אינקוויזיציאָנס־געריכט וועט ממילא בטל ווערען. אויב די זאַך וועט מיר אָבער נישט געלינגען, גנעדיגע פּירשטין, האָף איך אויף אייַער הילף. נישט איך קאָן, נישט איך וויל דערלאָזען, אַז מייַן מוטער און שוועסטער זאָלען געפּייַניגט ווערען. אויב די אינקוויזיציע וועט דעריבער דורכאויס פֿאָדערן, אַז מען זאָל זיי פּייַניגען, וויל איך פֿועל זייַן, אַז זיי זאָלען בעפֿרייַט ווערען דורך אַ קעניגליכען ספּעציעלען בעפֿעהל. ווען ס׳וועט

נויטיג זיין אזא בעפעהל צו בעקומען, בעט איך, אז איהר זאלט זיך וועגען דעם משתדל זיין.

— איזהו קאנט זיך אויף מיר פערלאזען. איך וועל טהון אלץ, וואס איהר פערלאנגט? ס'וועט אפילו זיין שווער צו פועל'ן ביי זיין מאיעסטעט אריינצומישען זיך אין די אינערליכע ענינים פון דער אינקוויזיציע, אבער...

— פאר'ן רייכען גייסט און פאר דער ליעבענסווירדיגקייט פון מיין גנעדיגער פירשטין איז קיין זאך נישט אונמעגליך.

— נו, איך האף, אז איך וועל אייך קאנען דיענען. יעצט אבער בעט איך, זייט ווידער דער אלטער גוטער פריינד, בעלעבט אונזער לאנגוויילינען קעניגליכען טיש דורך אייער גייסטרייכקייט און דער פיעלזייטיגקייט פון אייער וויסענשאפט.—

און דאן דיעגא האט טאקי צוזאמענגענומען אלע זיינע כוחות; מיט-גוואלט האט ער פערטריעבען פון זיך אלץ, וואס האט איהם געקאנט צעשטרייען. זיין געשפרעך איז געווען דאסמאל גייסטרייך; ווי פון א לעבעדיגען קוואל האט געשפריצט זיין וויץ און די אונבעדייטענדסטע זאכען האט ער דערצעהלט מיט'ן העכסטען אינטערעס.

ווען דער מאלצייט האט זיך געענדיגט, האט דאן דיעגא געמוזט שפיעלען מיט'ן קעניג א פארטיע לאמבר; דיעגא איז געקומען צוריק אהיים אין זיין בישאפליכען פאלאץ, ווען עס איז שוין געווען נאכט. ער האט געשווינד געהייסען ברענגען איהם די פערקליידונג פון א שומר און, ווי פאריגע נאכט, איז ער, אין דער בעגלייטונג פונ'ם געטרייען שומר זשואן, אראבגעגאנגען אין די תפיסה-קעלערם פון דער אינקוויזיציע, כדי צו זעהן זיך דאסמאל מיט זיין שוועסטער און די איבריגע ארעסטירטע.

ווען ער איז אריינגעקומען מיט זיין לאמטערן אין דעם ענגען קעמערל, וואו מען האט געהאלטען זיין שוועסטער, האט ער זי געפונען פערזונקען אין א טיעפען שלאף. זי איז געלעגען אין איהרע קליידער אויף א הילצערנע באנק, און ווען ער האט איהר געזיכט בעלויכטען, האט זיך איהם געדאכט, אז ער זעהט פאר זיך זיין מוטער, ווי ער האט זי געדענקט פון קינדערווייז אן,— אזוי עהנליך איז זי געווען צו איהר.

— אינעץ...— האט ער שטיל געשעפטשעט.

דאס יונגע מיידעל איז אויפגעשפרונגען פון שלאף און האט צו איהר גרויסען שרעק דערזעהן פאר זיך א תפיסה-וועכטער.

— אינעץ, — האט ער געזאגט, — איך ברענג גוטע ידיעות און א פרעהליכע בשורה: דו וועסט באלד פריי זיין, דו און דיין מוטער.

— און מיין חתן? — האט דאס מיידעל געפרעגט. — וואס וועט זיין מיט דאן יאזע דע מאנטאלטא?

— אויך ער און פראנצעסקא, איהר אלע וועט באלד פריי זיין.

— און ווער זענט איהר, וואס איהר ברענגט אזא פרעהליכע בשורה?

— האסטו, קינד, שוין געהערט אמאל רעדען וועגען א ברודער מיט'ן נאמען דיעגא?

— די מוטער האט איהם אפט און לאנג בעוויינט. ער איז טויט.

— ניין, ער לעבט, ער שטעהט פאר דיר.

אונגלויבליך האט דאס מיידעל געקוקט אויפ'ן פרעמדען מאנסביל, אבער ווען זי האט דערזעהן דאס טרייע געזיכט, וואס האט געקוקט אויף איהר מיט ווארימער ליעבשאפט, האט איהר דאס הארץ געזאגט, אז דאס דאזיגע מויל זאגט נישט קיין ליגען. וויינענדיג איז זי געפאלען דעם ברודער אין די ארעמס; דאן דיעגא איז געווען אזוי גערירט, אז אויך ער האט זיך צעוויינט און האט איהר א קוש געטהון אויפ'ן שטערן.

— שוועסטער, — האט ער געזאגט, צוזאמענעמענדיג זיינע כוחות, — ווען מען וועט דיך פיהרען צו דער אויספארשונג, זאלסטו קיין זאך נישט מודה זיין, גארנישט! זאלסט בשום אופן זיך נישט לאזען אנרופען מיט אנ'אנדער נאמען, ווי דע לימא. אויף אלע אנדערע פראגען זאלסטו ענטפערן נור: „איך וויים נישט!". לעב וואויל. אם ירצה השם, איננגיכען וועלען מיר זיך ווידער זעהן.

דיעגא איז באלד נאכדעם ארייננעקומען אויך אין די קעמערלעך פון דאן יאזע און דאנא פראנצעסקא, וועלכע ער האט אויך געגעבען דיזעלבע עצה, אלץ אבצולייקענען. אין קעמערל פון דאן יאזע האט ער זיך אויפגעהאלטען נישט לאנג; פון דאנא פראנצעסקא האט ער זיך נישט געקאנט שיידען אזוי געשווינד. דאס יונגע מיידעל האט איהם געשטעלט פיעל פראגען, אשטיינער, צי האט ער שוין געזעהן זיין מוטער, און צי איז זי געווען צופריעדען דערמיט, וואס זי האט איהר זוהן ווידער געפונען.

— צי גלויבסט איהר דען, אז א מוטער וועט זיך נישט פרעהען, ווען זי וועט געפינען ווידער איהר קינד, וואס זי האט שוין געהאלטען פאר טויט?

— אבער דאנא גראציא — האט דאס יונגע מיידעל געענטפערט — איז א בעגייסטערטע פרומע יודישע טאכטער, און איהר...

— איך בין פון אכטען יאהר פון מיין לעבען אבגעריסען געווארען פון מיין אלטען גלויבען פון מיינע עלטערן און בין ערצויגען געווארען אין דער קריסטליכער אמונה.

— און איהר וועט זיך צוריקקעהרען צום יודענטום?

דאן דיעגא האט מיט א שמייכעל געקוקט אויף דאס יונגע מיידעל, וועלכע האט אין תפיסה פון דער אינקוויזיציע געמאכט א פראבע צוריקצופיהרען צום יודענטום איהר בעפרייער. אבער פלוצלונג איז איהם ארויף אויפ'ן מוח עפיס א מאדנער געדאנק.

— צי וואלט איהר, סעניארא, געוואלט אויסשטרעקען אייער האנד א פערבלאנדזשעטען מענשען, כדי צוריקצופיהרען איהם אויפ'ן ריכטיגען וועג? צי וואלט איהר פעראייניגען אייער לעבען מיט אנ'ארימען תפיסה-וועכטער?...

— דאנא גראציא — האט דאס מיידעל געענטפערט תיכף, אפילו נישט בעדראכטענדיג זיך — איז זיך מיט מיר בעגאנגען תמיד ווי א ליעבע-פולע מוטער און כדי זי זאל זיך קאנען פרעהען, ווי געהעריג איז, מיט איהר צוריקגעפינענעם זוהן, בין איך גרייט אלץ צו טהון, וואס איז ערלויבט לויט די געטליכע געזעצען.

איהר זענט א גוט קינד! — האט דאן דיעגא געזאגט, אבווישענדיג א טרעהר, וואס האט זיך ווי א וואסערל, בעוויזען אין זיין אויג. — לעבט וואויל, מיר וועלען זיך נאך זעהן.

פון אַלע שענע און פֿאָרנעהמע דאַמען אין הויף, וועלכע האָבען זיך בעמיהט נושא-חן צו זיין ביים ליעבענסווירדיגען און מעכטיגען יונגען בישאָף, האָט אויף איהם קיין פרוי נישט געמאַכט אַזאַ שטאַרקען איינדרוק ווי די איינפאַכע פראַנצעסקא, וועלכע איז ערצויגען געוואָרען אין שטילען הויז אין דער פֿאָרשטאָדט לאַט אינפאַנטאַס: אין דער שווערהאַפטער תפיסה פון דער אינקוויזיציע האָט דאָס דאָזיגע יודישע מיידעל נישט געטראַכט וועגען קיין אַנדער זאַך, ווי וועגען דער שמחה, וואָס דיעגאָ'ס מוטער האָט געמוזט האָבען ביים געפינען צוריק איהר זוהן, וועלכען זי האָט שוין לאַנג געהאַלטען פאַר טויט.

— וואָס פאַר אַנ'איידעלע האַרץ! — האָט ער זיך געטראַכט, געהענדיג צוריק אין זיין בישאָפליכען פאַלאַץ. דאָרט האָט ער יעצט געדאַרפט אויסרוהען און צוגרייטען זיך צו דער נייער אַרבייט אין דעם גרויסען קאַמף פאַר דער בעפרייאונג פון זיינע עלטערן.

7

אויף צו-מאָרגענס האָט דער מאַדרידער אַלקאַדאָ מודיע-געווען אין אַ בריעף דעם בישאָף פון אַווילאַ, אַז ביידע פערברעכער, דער דאָמיניקאַנער גלח פריי באַלטאַזאַר און דער פריהערדיגער סאָלדאַט אַנטאָניאָ לאָפעץ, זענען פער'משפט געוואָרען צום טויט דורך הענגען.

ווען דאַן דיעגאָ האָט דעם בריעף דורכגעלעזען, האָט ער איינגעלאַדען צו זיך די מיטגליעדער פון אינקוויזיציאָנס-געריכט אויף אַ זיצונג.

— סעניאָרעס, — האָט ער זיך געווענדעט מיט אַ רעדע צו זיינע קאָלעגען, — לויט'ן עדות-זאָגען פון צוויי מערדער האָט מען אַרעסטירט אַ גאַנצע משפחה, בעשולדיגענדיג זי אין געהיימען יודענטום. בינו לבינו האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אַז די אָנקלאָגער זענען געמיינע פערברעכער, דען זיי האָבען דורך סם אָבגע'הרג'עט דעם גרויס-אינקוויזיטאָר דאָן אַלפאָנזאָ פערנאַנדעץ. איצט זענען זיי דערפאַר צום טויט פעראורטיילט. לויט'ן געטליכען און מענשליכען רעכט, איז דאָס עדות-זאָגען פון צוויי פערברעכער בטל ומבוטל. איך לעג-פאָר דעריבער, אַז מען זאָל די געפאַנגענע בעפרייען און אָבגעבען זיי צוריק זייער פערמעגען.

— ערלויבט, סעניאָר, — האָט געענטפערט דער ערשטער בייזיצענדער ריכטער, דאָן זשואַן דע מיראַלעס, — איהר זענט ערשט-נישט-לאַנג אויף דער שטעלע פון אַ גרויס-אינקוויזיטאָר און איהר זענט נאָך נישט גענוג בעקאַנט מיט די מעטאָדעס פון דער היילינגער אינקוויזיציע. די אָנקלאַגע פון ביידע פערברעכער האָט קיין שום שייכות נישט צו זייער פערברעכען. לויט אונזערע מנהגים, דאַרף מען די פערברעכער אויסהערען נאָך איינמאָל, איידער מען וועט אויספיהרען אויף זיי דעם טויט-אורטייל. און אויב זיי וועלען זיך דאַן אָבזאָגען פון זייער אָנקלאַגע, וועט מען ערשט מוזען פייניגען די אָנגעקלאָגטע און ווען זיי וועלען אויסהאַלטען די יסורים און נישט מודה-זיין זיך, דאַן וועט מען זיי אַרויסלאָזען פריי. אויב אָבער די צום טויט פעראורטיילטע וועלען זיך האַלטען פעסט ביי זייער פריהערדיגען עדות-זאָגען, גלויבט מען זיי יאָ, כאָטש אַפילו זיי האָבען בעגאַנגען אַ פערברעכען, פאַר וועלכען מען בעשטראָפט זיי מיט'ן טויט.

דער ריכטער דאָן זשואַן, וועלכער האָט געמאַכט די דאָזיגע ערקלערונג, האָט דערביי

שאַרף אָנגעקוקט די איבעריגע ריכטער, און יענע האָבען מיט'ן קאָפּ געמאַכט אַ צייכען, אַז זיי זענען פאָלקאָם מסכים מיט איהם.

דאַן האָט יאָזע בעגאַנגען אַ גרויסע אונפאָרזיכטיגקייט.

— סעניאָרעס, — האָט ער געזאָגט, — טהוט עס מיר צוליעב און זאָגט-זיך-אָב אַיִנ'ם דאָזיגען פאַל פון'ם אינקוויזיציאָנס-מנהג. איך אינטערעסיר זיך וועהר מיט'ן שיקזאַל פון די אַרעסטירטע און וואָלט פערלאַנגען, אַז מען זאָל זיי אַרויסלאָזען פריי. איך האָף, אַז אַמאָל וועל איך אייך קאָנען דיענען אויף אַזאַ אופן.

דיזער יונגער בישאָף, דער ליעבלינג פון קעניגליכען הויף, איז געווען געוועהנט, אַז אַלע זאָלען ערפילען זיין וואונש מיט'ן גוטען ווילען. דאַסמאָל אָבער האָט עס זיך אויסגעלאָזען אַנדערש. אין שפאַניען, וואו אַלץ איז דעמאָראַליזירט, וואו אַלץ ווערט פערקויפט פאַר געלד, פאַר שוחד, איז די אינקוויזיציע געווען די איינציגע, וועלכע האָט גע'רודפ'ט איהרע קרבנות מיט אַן'אייזערנער האַנד, שטרענג, אָהן קיין שום נאָכגעבונג און רחמנות און נישט געפינענדיג זיך אונטער קיינעמס איינפלוס.

— וואָס טראַכט איהר וועגען אונז, סעניאָר! — האָט דער ריכטער דאַן זשואַן דע מיראַלעס געענטפערט מיט אַ פאָרוואורף דאָן דיעגאָ'ן. — מיר אורטיילען לויט אונזער פליכט און געוויסען און טרעטען נישט אָב אויף אַ האָר אָן אַ זייט פון'ם וועג פון רעכט.

דאָן דיעגאָ האָט מיט פערדרוס געענדיגט די זיצונג. ער האָט בשום-אופן נישט געוואָלט דערלאָזען, אַז דער גלח באַלטאַזאַר זאָל נאָך איין מאָל אויסגעפאָרשט ווערען דורכ'ן אינקוויזיציאָנס-געריכט און בעשטעטיגען זיין ערשטע עדות-זאָגען. אַנטאָניאָ לאָפּעץ'ן האָט ער אָבער בעשלאָסען צו ראַטעווען, ווייל ער האָט דאָך אייגענטליך נישט פערדיענט דעם טויט; אויסערדעם האָט ער געהאָפט, אַז ער וועט איהם בעוועגען אָבצוזאָגען זיך פון זיין עדות-זאָגען געגען די אַרעסטירטע.

דאָן דיעגאָ האָט תיכף אָנגעשריבען אַ בריעף צום אַלקאַדאָ און געבעטען איהם, וואָס געשווינדער אויספיהרען דעם טויט-אורטייל אויף ביידע פעראורטיילטע; דאַן האָט ער געשיקט נאָכ'ן תליון און געהאַט מיט איהם אַ געהיים געשפרעך. שפּעטער וועלען מיר זעהען, וואָס עס איז געווען דער צוועק דערפון.

אויף צו-מאָרגענס האָבען די „גלאָקען פון די זינדיגער" אָנגעהויבען קלינגען אין די גאַסען פון מאַדריד, מודיע-זייענדיג דאַדורך די איינוואוינער פון דער הויפּט-שטאָדט, אַז אויפ'ן פּלאַץ דע לאַ צעוואַדאַ וועט מען אויספיהרען אַ טויט-אורטייל אויף צוויי פערברעכער-מערדער. אויפ'ן פּלאַץ איז זיך צוזאַמענגעקומען אַ גרויסער המון, כדי צו זעהען דאָס שרעקליכע שוישפּיעל. די פער'משפט'ע האָט מען געבראַכט צופיהרען רייטענדיג אויף איזלען, ביי וועלכע די אויערן זענען געווען אָבגעשניטען. יעדער פון זיי האָט געטראָגען אַ ווייס העמד, אויפ'ן קאָפּ האָבען זיי געהאַט גרינע קאַפּעלעך מיט ווייסע צלמים. אין ביידע זייטען פון די אונגליקליכע רייטער האָבען מאַרשירט סאָלדאַטען אין נאָמען פון קעניג, גלחים אין נאָמען פון דער קירכע און די „ברידער" פון פעראיין „פאַז י. קאַרדיאַל", וואָס הייסט: „שלום און רחמנות".

פאר די פער׳משפט׳ע איז געגאנגען לאנגזאם א גלח פון טורמע און איינינע גלחים האבען מיט א שטילער שטים פון קבר געזונגען די ליעדער, מיט וועלכע מען בעגלייט מתים, וועהרענד צוויי מיטגליעדער פון דער געזעלשאפט „פאז י. קארדיאל״ זענען געגאנגען יעדער מיט א גלעקעל אין האנד, בעגלייטענדיג זייער תהלים-זאגען מיט די טרויעריגע גלאקען-קלאנגען און אויסרופענדיג פון צייט צו צייט: „גיט, ברידער, א נדבה אויף צו מאכען אזכרות פאר די ארימע נשמות פון די אונגליקליכע פערארטיילטע״. דער גלח באלטאזאר איז אינגאנצען געווען צעקלאפט. מען האט איהם פריהער ארויסגעשטויסען פון דאמיניקאנער-ארדען און צוגענומען ביי איהם זיין גלח׳שאפט. ער איז זיך מתודה אויף זיינע פערברעכענס. יעצט האט ער שוין געוואלט גערן העלפען דעם גאסקאן און ערקלערען, אז ער האט איהם אומזיסט בעשולדיגט, אבער אומזיסט: מען גלויבט איהם שוין מעהר ניט.

מען פיהרט דעם פערארטיילטען צו דער תליה, ער איז מתפלל נאך איין מאל, דאן פערבינדט מען איהם די אויגען, מען ווארפט איהם ארויף דעם שטריק אויפ׳ן האלז און דער תליון זעצט-זיך-ארויף רייטענדיג צו איהם אויף די פלייצעס. א טויטע שטילקייט הערשט ארום אין דער פאלקס-מאסע, א שוידער נעהמט-אדורך אלעמען; נאך איין מינוט און א סוף: אונטער דער תליה שאקעלט זיך דער פגר פונ׳ם געהאנגענעם און אויף זיינע פלייצעס זיצט רייטענדיג דער תליון. פון די טורמס פון סען מילאן קלינגט די טויטען-גלאק.

יעצט איז די רייה פאר אנטאניא לאפעץ. אבער ווען דאס אויפהענגען ענדיגט זיך, זעהט מען אונטער דער תליה נור דעם שטריק, ווייל דער שטריק האט זיך איבערגעריסען, דער פערארטיילטער איז ארונטערגעפאלען.

דער עלטסטער פון דער געזעלשאפט „פאז קארדיאל״ געהט-צו צו איהם און בעריהרט איהם מיט זיין שטעקעלע. דאס געזעץ קאן איהם שוין מעהר נישט טהון, ווייל דער פערארטיילטער, וועלכער רייסט-זיך-אראב פון שטריק, האט אויסגעהאלטען אין די אויגען פון געזעץ זיין שטראף און שטעהט אונטער׳ן שוץ פון דער דערמאהנטער געזעלשאפט, וועלכע זארגט פאר איהם און בעמיהט זיך צו מאכען פון איהם אנ׳ארענטליכען מענשען, נאכדעם ווי ער איז פון טויט לעבעדיג געווארען.

— גראטעוועט, גראטעוועט! — פרעהט זיך דער פערזאמעלטער המון און אפלאדירט דער געזעלשאפט; אבער אז דער שטריק האט זיך איבערגעריסען נישט צופעליג, דאס ווייס קיינער נישט, חוץ דעם תליון און—דאן דיעגא י. אגילאר.

דער שרעקליכער שונא פון דער משפחה י. אגילאר איז שוין יעצט אפילו אבגערוימט געווארען פון וועג און האט בעקומען זיין כשר-פערדיענטען לוין פאר אל׳דאס בייז, וואס ער האט זיין משפחה אבגעטהון; אבער די ארעסטירטע זענען דאדורך נישט בעפרייט געווארען. אומזיסט האט דאן דיעגא זיך בעמיהט צו פועל׳ן ביי די שופטים פון אינקוויזיציאנס-געריכט עטוואס לטובת די ארעסטירטע, דאס איז איהם נישט געלונגען. די ריכטער האבען געפאדערט, אז מען זאל די געפאנגענע בעפרייען נישט פריהער, איידער מען וועט זיי אויספארשען דורך פייניגונג.

דאן דיעגא האט דערווייל בעזוכט אין תפיסה זיין מוטער, שוועסטער, איהר חתן או־

די קווינע פֿראַנצעסקאַ. שוין בשעת זיין צווייטען וויזיט איז ער געקומען געקליידעט, אין זיינע ווירקליכע קליידער, אַלס גרויס-אינקוויזיטאָר און פֿראַנצעסקאַ האָט זיך דערוואוסט צו איהר גרויסער פֿערוואונדערונג, אַז זי האָט צוגעזאָגט צו ווערען אַ כּלה מיט'ן בישאָף פֿון אווילאַ, וועלכער איז אויך מאַדרידער גרויס-אינקוויזיטאָר.

ביסלעכווייז האָט דאָן דיעגאָ פֿאָרבערייטעט זיין מוטער, אַז זי זאָל קאָנען אויפֿנעהמען די ידיעה וועגען זיין אמת'ן מהות און כאַראַקטער אָהן שאָדען פֿאַר איהר געזונדהייט, ווי אויך די ידיעה, אַז איהר מאַן, דאָן מאַנועל, לעבט נאָך. דאַן האָט ער געבראַכט אין תּפֿיסה מיט-זיך זיין פֿאָטער. דאָס ווידערזעהן-זיך פֿון דאָן מאַנועל מיט זיין פֿרוי איז גאָר אונמעגליך צו בעשרייבען. דאָס ענטציקען פֿון דאָן מאַנועל און זיין פֿרוי, וואָס זיי האָבען געשפּירט נאָך אַזאַ לאַנגער שמערצליכער שיידונג, איז שווער אויסצודריקען אין ווערטער.

בינו לבינו זענען די פֿערהעלטנישען געוואָרען אַלץ שווערער און שווערער. קעניג פֿיליפּ האָט זיך אַריינגעלאָזען אין אַ טיעפֿער מרה-שחורה, וועלכע זיין ודוי-פֿאָטער, דער גלח פּיעדראָ סאַלוטע, האָט פֿערשטאַנען אויסצוניצען לטובת דער גלח'שער וועלט און דער אינקוויזיציע. דער אַדוואָקאַט מאַקאַנאַז, וועלכער איז אַרויסגעטראָטען אין דער פּרעסע געגען דעם קעניג און זיין ודוי-פֿאָטער, האָט געמוזט אַנטלויפֿען פֿון שפּאַניען. יעצט האָט מען אויך געדאַרפֿט בעשטימען אַ נייעם גרויס-אינקוויזיטאָר און אַזוי-אַרום האָט עס גענומען אַ סוף מיט דאָן דיעגאָ'ס איינפֿלוס אויף דער אינקוויזיציע. דאָן דיעגאָ האָט דעריבער בעשלאָסען אויסצוניצען די קורצע צייט, וואָס איז איהם נאָך איבערגעבליבען, כּדי צו בעקומען אַ קעניגליכען בעפֿעהל, אַז מען זאָל בעפֿרייען די אַרעסטירטע. ער איז דעריבער געפֿאָהרען אין קעניגליכען הויף אַריין, געמעלדעט זיך ביי דער פֿירשטין אורסיני; אָבער ער האָט זי געפֿונען אַ פֿערווייגטע.

— מיין פֿריינד, — האָט זי געזאָגט צו איהם כליפּענדיג, — אַ שרעקליך אונגליק איז פֿאָרגעקומען. די קעניגין איז ערנסט קראַנק געוואָרען, מען שרעקט זיך פֿאַר איהר לעבען.

דאָן דיעגאָ האָט זיך דערשראָקען. ביי אַזעלכע אומשטענדען האָט מען נישט געקאָנט ערוואַרטען פֿון קעניג קיין הילף, וויל די פֿירשטין האָט געהאַט איהר איינפֿלוס אויפ'ן קעניג נישט פֿערזענליך, נאָר דורך דער קעניגין.

דאָן דיעגאָ האָט דעריבער גאָר נישט ערקלערט, נאָך וואָס ער איז איינענטליך געקומען, און האָט בעשלאָסען צו וואַרטען, ביז די קעניגין וועט ווידער געזונד ווערען. אָבער ווען דיעגאָ איז צוריק אַהיים געקומען, האָט דאָרט איהם ערוואַרטעט אַ נייע אונאַנגענעהמע איבעראַשונג — די ידיעה, אַז דער גלח פּיעדראָ סאַלוטע איז בעשטימט געוואָרען פֿאַר אַ גרויס-אינקוויזיטאָר.

יעצט האָט דאָן דיעגאָ געקאָנט ערוואַרטען, אַז זיינע געהילפֿען די אינקוויזיציאָנס-ריכטער, מיט דאָן זשואַן דע מיראַלעס אין שפּיץ, וועלען איהם אָנקלאָגען פֿאַר זיין פֿערהאַלטען-זיך אין פּראָצעס געגען די אַרעסטירטע און געגען וואָס ער האָט געוואָלט מיט גוטע-רייד אונטערקויפֿען די ריכטער. אמת, אויב נור די קעניגין זאָל צוריק געזונד ווערען, וועט ער דורכ'ן איינפֿלוס פֿון דער פֿירשטין אורסיני קאָנען אויסהויבען, אַז מען זאָל איהם

פרײשפּרעכען פון יעדען חשד, און ער װעט נאך קאָנען טריאומפירען איבער זײנע געגנער. אָבער װאָס װעט זײן, אויב די קעניגין װעט שטאַרבען? דאַן װעט זײן אַ סוף מיט דעם אײנפלוס פון דער פירשטין און דיעגאָ װעט אינגאַנצען אַדורכפאַלען. זײן משפחה װעט דאַמאָלס ערװאַרטען אַ שרעקליכער סוף.

און אינ׳ם זעלבען אָװענד איז טאַקי די קעניגין געשטאָרבען.

8.

דאַן דיעגאָ האָט געשיקט רופען נאָך זײן פאָטער.

— מײן פאָטער,—האָט ער געזאָגט, תיכף װי דאַן מאַנועל איז אַרײנגעקומען, און ער האָט װי תמיד אַלײן פערשלאָסען די טהיר הינטער איהם, — ס׳איז אַ סוף צו אַלץ. די קעניגין איז טויט. דערמיט האָט עס אויך גענומען אַ סוף מיט׳ן אײנפלוס פון פירשטין אורסיני. איך זעלבסט האָב אין פריי פיעדראַ סאַלוטע אַנ׳אויבער-האַר—אַ פינסטערען, פאַנאַטישען גלח; יעדער שריט, װאָס איך װעל אונטערנעהמען צו בעפרײען אונזערע אונגליקליכע, װעט באַלד װאַרפען אויף מיר אַ חשד; מײנע קאָלעגען אין אינקװיזיציאָנס-געריכט קוקען שוין יעצט אויף מיך מיט חשד. איך האָב פערלאָרען די האָפנונג צו בעפרײען מײן מוטער און שװעסטער אויף אַ געזעצליכען אופן.

דאַן מאַנועל האָט געשפּרײזט אין צימער אַרויף און אַראָב זעהר אונרוהיג.

— װאָס רעכענסטו צו טהון? — האָט ער געפרעגט, װען דיעגאָ איז אַנטשװיגען געװאָרען.

— אויף אַ קורצע צײט — האָט דיעגאָ געענטפערט — בלײבט נאָך די מאַכט אין מײן האַנד. איך װיל די דאָזיגע צײט אויסניצען, כּדי צו העלפען אונזערע לײט אַנטלױפען.

— און װי װעט זײן, אַז מען װעט זיך נעהמען זוכען זײ און געפינען? מען װעט דאָך דיך מאַכען פעראַנטװאָרטליך, װײל מען װײס דאָך, אַז דו האָסט זיך בעמיהט לטובת זײער בעפרײאונג!

— געװיס! מען װעט בײ מיר צונעהמען מײן שטעלע און מײנע טיטלען און אײנשליסען מיך אין טורמע. מען װעט מיך פּײניגען, כּדי איך זאָל זיך מודה זײן. מיט גרעסערע מיוחסים פאַר מיר האָט מען שוין אַזױ געטהון.

— און דו װילסט זיך שטעלען אין אַזאַ סכּנה — לאָזען זיך פּײניגען, מעגליך, אַז טויט אַרײן געהן?...

— נײן, מײן פאָטער, איך װעל אַנטלױפען מיט אײך צוזאַמען.

— זאָל דיך דער אויבערשטער בענשען, מײן זוהן! אָה, אַט ערשט פרעה איך זיך מיט דיר; ערשט יעצט װײס איך, אַז דו ביסט אונז נישט פערפרעמדט געװאָרען, װען דו ביסט גרײט אָבצוזאָגען זיך פון דער הויכער שטעלע, פון דײן כּבוד, פון דײנע טיטלען און פון דײן עשירות, נור כּדי צו ראַטעװען דײן מאַמען און שװעסטער.

— נײן, פאָטער, נײן, נישט בלױז כּדי זײ צו ראַטעװען, נאָר כּדי אַלײן צו געהערען

צוריק מײַן פֿאָלק, מײַן משפּחה, מײַן אמונה און מײַנע אָבות. איך װעל אין אַמשטערדאַם זיך לאָזען אַרײַנבּרענגען בּבריתו של אַבֿרהם אָבֿינו.

דאָן מאַנועל האָט נישט געענטפֿערט דערױף. אַ שטראָם טרעהרען האָט זיך אַ גאָס געטהון פֿון זײַנע אױגען. דאָס זענען געװען טרעהרען פֿון פֿרײַד, פֿון נחת, פֿון העכסטען ענטציקען. שװײַגענד האָט ער זײַן זוהן אַרומגענומען אין זײַנע אָרעמס. אױך דאָן דיעגאָ האָט זיך צעװײַנט, אַשטײַגער, װי ער װאָלט יעצט ערשט ערשטען מאָל זײַן פֿאָטער געפֿונען.

— מײַן פֿאָטער, — האָט ער געזאָגט, אָבװישענדיג זײַנע טרעהרען, — לאָ'מיר גענוי בּעטראַכטען דעם פּלאַן פֿון אַנטלױפֿען, כּדי ער זאָל נישט אַדורכפֿאַלען אין דער לעצטער מינוט. לױט מײַן מײנונג, איז דאָס בּעסטע, דאָס מיר זאָלען זיך אַריבּערלאָפֿען קײַן פּאָרטוגאַל, כּדי פֿון דאָרט אָבצופֿאָהרען מיט'ן ים. קױף זיך אַ װאָגען און אַ פּאָר קרעפֿטיגע פֿערד און האַלט-זיך-אױף דערמיט אױפֿ'ן װעג קײַן סאַלאַמאַנקאַ. מאָרגען מיטאָג-צײַט, װען די װעגען פֿון מאַדריד װעלען זײַן לעער, צוליעב דער בּרענענדיגער זון, װעל איך דיר שיקען די אַרעסטירטע אין דער בּעגלײַטונג פֿון מײַן געטרײַען דיענער זשואַן, נאָכדעם װי איך װעל שױן בּעזאָרגען, אַז דורך זײַער פֿערענדערטער הלבּשה זאָל זײ קײנער נישט קאָנען דערקענען. צי בּרױכסטו אַ קוטשער?

— איך אַלײן װעל פֿיהרען די פֿערד, איך קען די מלאָכה זעהר גוט.

— נו, גוט; נאָכדעם װי די מוטער מיט אונזערע איבּריגע ליעבּע אַרעסטירטע װעלען זיך אַרײַנזעצען בּײַ דיר אין װאָגען, װעסטו מיט זײ פֿאָהרען קײַן סאַלאַמאַנקאַ און פֿון דאָרט, איבּער דער פּאָרטוגעזישער גרענעץ — קײַן פּאָרטאָ. װי נור דו װעסט אַריבּער די גרענעץ, װעסטו מיר עס מודיע זײַן. אין פּאָרטאָ װעסטו דינגען אַ שיף צו פֿאָהרען קײַן האָלאַנד, אָבּער דו װעסט אָבװאַרטען, בּיז איך װעל קומען אָדער איך װעל אײַך שיקען אַ ידיעה. האָסטו געלד גענוג?

— איך האָבּ גרױסע סומעס אין געלד און אין גוטע װעקסלען און אַנװײַזונגען. דאָס איז אַלץ, װאָס איך האָבּ אָנגעזאַמעלט אין װאַלפּאַראַיזאָ.

— האָסטו געװעהר מיט-זיך?

— איך האָבּ נור אַ פּאָר גוטע פּיסטאָלעטען.

— טאָ קױף זיך נאָך אײן פּאָר פֿאַר דאָן יאָזע.

דאָן מאַנועל איז אַװעקגעגאַנגען, כּדי צו ערפֿילען די דאָזיגע ענינים.

אױף צו מאָרגענס האָט ער מודיע געװען דיעגאָ'ן, אַז אַלץ איז גרײַט. דער פֿאָטער און דער זוהן האָבּען זיך צעשײדט.

דיעגאָ איז אַראָבּגעשטיגען אין תּפֿיסה פֿון דער אינקװיזיציע אין דער בּעגלײַטונג פֿון זײַן דיענער. זשואַן האָט געבּראַכט מיט-זיך אַ פּעקעל קלײדער, װי עס טראָגען דאָס די מאַדרידער קלײן-בּירגער. דאָן דיעגאָ איז קודם אַרײַנגעקומען צו זײַן קינפֿטיגען שװאָגער.

— יאָזע, מײַן פֿרײַנד, — האָט ער געזאָגט, — ס'איז געקומען די שעה פֿון דער ישועה. איהר דאַרפֿט זיך ראַטעװען דורכ'ן אַנטלױפֿען. אױפֿ'ן װעג קײַן סאַלאַמאַנקאַ װאַרט מײַן פֿאָ-

טער מיט אַ פּאָר פֿערד. טהוט־אָן די מלבושים, וואָס איך האָב אייך דאָ געבּראַכט, כּדי מען זאָל אייך נישט דערקענען.

דאָן יאָזע האָט אָנגעטהון די קליידער, רעדענדיג קיין וואָרט: די סאַמעטענע הויזען מיט די לאַנגע זיידענע זאָקען, די לייכטע שיך, וועלכע האָבען נור פֿערדעקט די שפּיץ פֿינגער און די קנעכלעך; די קורצע יאַקע מיט דער אָפֿענער ברוסט — דאָס אַלץ האָט איהם געגעבען די געשטאַלט פֿון אַ מאַדרידער בירגער; אויפֿין האַלז האָט ער אָנגעטהון אַ האַלז־טוך פֿערצויגען מיט אַ גאָלדענעם רינג; אין דער האַנד האָט ער גענומען אַ גיטאַרע — גאָר נישט ווי אַ פֿריהערדיגער זיידען־הענדלער פֿון מאַדריד.

— יעצט קום מיט מיר, מיין פֿריינד! — האָט דיעגאָ געזאָגט, פֿיהרענדיג איהם אין קע־מערל פֿון דאָנאַ איניעז. דער מייער זשואַן איז מיט זיי נאָכגעגאַנגען.

חתן־כּלה האָבען זיך נישט געזעהן זינט זייער אַרעסט. איניעז האָט נישט דערקענט איהר חתן צוליעב זיינע אונגעוועהנליכע מלבושים.

— זעה נור, שוועסטערל, — האָט דיעגאָ געזאָגט לאַכענדיג — וואָס פֿאַר אַ שען בחור׳ל דיין חתן איז געוואָרען.

איניעז האָט דאָ ערשט דערקענט איהר חתן און אַ וואָרף געטהון זיך צו איהם.

— וואַרט! — האָט דיעגאָ אויסגערופֿען. — מיר טאָרען נישט פֿערליערען קיין צייט. ס׳האָט געשלאָגען די שעה פֿון דער בעפֿרייאונג. נעהם, שוועסטערל, טהו־אָן די קליידער פֿון אַ מאַדרידער בעל־הבית׳יש מיידעל. מיר קומען באַלד אַריין, כּדי צו נעהמען דיך מיט־זיך.

זשואַן האָט דערלאַנגט דער פֿערוואונדערטער איניעז איהרע נייע קליידער — קליינע שיך מיט זילבערנע קנעפּ, אַ זיידענע יאַקע, אַ מאַנטעל מיט אַ פֿעכער.

— מאַך געשווינד טואַלעט, ליעבע שוועסטערל, — האָט דיעגאָ געזאָגט, — מיר האָבען נישט קיין צייט.

פֿאַר זיין מוטער האָט דיעגאָ געבּראַכט קליידער פֿון אַ פּראָסטער בירגער־פֿרוי, און פֿאַר דאָנאַ פֿראַנציסקאַ — די קליידער פֿון אַ דיענסט. אויך ביי פֿראַנציסקאַ האָט דאָן דיעגאָ זיך אויפֿגעהאַלטען נישט לאַנג, ווייל די צייט איז געווען זעהר קורץ. דאָן יאָזע מיט זשואַן האָט ער פֿאָרויסגעשיקט אין קאָרידאָר אַריין און אַליין איז ער אַריינגעקומען צו זיין מוטער.

— מאַמע, — האָט ער געזאָגט, — קלייד־זיך־איבער געשווינד. דער אויבערשטער שיקט דיר די לאַנג ערוואַרטעטע בעפֿרייאונג.

— געלויבט איז דער אויבערשטער! — האָט אויסגערופֿען דאָנאַ אַנונציאַטאַ. — צי האָט מען אונז פֿריי־געשפּראָכען? צי וועט מען אונז אָבגעבען צוריק אונזער פֿערמעגען, אונזער נאָמען?

— ניין, מיין מוטער. איהר דאַרפֿט אַנטלויפֿען. אויף דעם וועג קיין סאַלאַמאַנקאַ ער־וואַרטעט דיך און אונזערע איבּריגע לייט דער פֿאָטער. פֿון דאָרט פֿאָהרט איהר קיין פּאָר־טוגאַל, וואו איהר וועט קודם־כּל זיין אין זיכערהייט. אין פּאָרטאָ וועל איך קומען צו אייך. דאַן וועלען מיר אַליין אָבפֿאָהרען מיט׳ן ים קיין האָלאַנד און אין אַמשטערדאַם וועל איך, אם ירצה השם, אַריינגעהן בּבריתו של אברהם אבינו.

— און גלייך מיט אונז וועסטו נישט אַנטלויפֿען, מיין זוהן?

— דאָס גערהט נישט. אויב איך וועל דאָ נישט זיין, וועט מען באַלד ענטדעקען אייער אבוועזענהייט.

— און ווען מען וועט עס ענטדעקען, וועט עס נישט זיין קיין סכנה פאַר דיר!

— געוויס יאָ, אָבער איך האָב בטחון אינ׳ם שומר-ישראל.

— אַנטלויף גלייך מיט אונז, מיין זוהן.

— ניין, מאַמע, ניין, איך טאָר דאָס נישט טהון. זאָרג נישט פאַר מיר.

— אָה, מיין געליעבט קינד, איך ציטער פאַר דיין לעבען! לאָ׳מיר זיך בעסער אָבזאָגען פון אַנטלויפען, דאָס קאָן דיך אַריינברענגען אין גרויס סכנה.

— פערזוים נישט, מאַמע, די צייט איז זעהר טייער. ווען דו וועסט זיצען אויפ׳ן וואָגען אויפ׳ן וועג קיין סאַלאַמאַנקאַ, וועסטו מתפלל זיין צו דעם אויבערשטען, אַז ער זאָל אונז אַלעמען נעהמען אונטער זיין חסד און היטען אונז. קלייד-זיך-איבער, מיר טאָרען קיין מינוט נישט פערליערען.

באַלד נאָכדעם איז דורכ׳ן הינטער-טהירל פון אינקוויזיציאָנס-פּאַלאַץ אַרויסגעקומען אַ שען פּאָר׳ל, אַ בחור מיט אַ מיידעל, באַלד נאָכדעם — אַ בירגער-פרוי מיט אַ דיענסט און אַ דיענער. די זון האָט פייערדיג געברענט און די גאַסען זענען געווען לעדיג פון מענשען. אויב אָבער עמיצער וואָלט זיי יאָ דערזעהן, וואָלט ער געזאָגט: אַ חתן-כלה קלייבען-זיך-אַרויס הינטער׳ן שטאָדט אויף אַ שפּאַציר.

אויפ׳ן וועג פון סאַלאַמאַנקאַ האָט געוואַרט דאָן מאַנועל מיט זיין וואָגען. די בירגער-פרוי מיט איהר דיענסט, דער יונגער בחור מיט דאָס מיידעל האָבען זיך אַריינגעזעצט אין וואָגען, דער דיענער, זשואַן, האָט זיך געלאָזט געהן צוריק.

— טויזענד גרוסען, מיינע הערר׳ען! — האָט ער אויסגערופען צו דער געזעלשאַפט אין וואָגען. דאַן האָט דער וואָגען זיך געלאָזען פאָהרען געשווינד. די פערד האָבען דורכגעאַקערט מיט זייערע קאָפּיטעס דעם שטויב פון וועג אין די ברענענדיגע שטראַהלען פון דער זון.

ווען דער דיענער ז[illegible] איז געקומען צוריק אין אינקוויזיציאָנס-פּאַלאַץ, האָט ער שוין דאָרט מעהר נישט געפונען זיין הערר, דאָן דיעגאָ, ווייל ער איז אָבגעפאָהרען אין קעניגליכען הויף אַריין, כדי דאָרט צו זיין אויף דער לויה און קבורה פון דער קעניגין. ער האָט געפונען דאָרט די פירשטין אורסיני אין שרעקליכען יאָמער און ס׳האָט איהם געקאָסט פיעל מיה צו טרייסטען זי. דאָס איז אָבער געווען נישט בלויז אַ וועהטאָג נאָך דער פערשטאָרבענער פריינדין; דאָס איז געווען אויך אַ טרויער נאָכ׳ן פערלאָרענעם איינפלוס ביים קעניג, דעם פערלוסט פון דער הערשאַפט ביים הויף און אויך איבער גאַנץ שפּאַניען. דער קעניג, וועלכער האָט-זיך גראָד ווייניג-וואָס גענומען צום האַרצען דעם טויט פון דער קעניגין, האָט זיך בעגאַנגען מיט איהר פריינדין אייז-קאַלט. די פירשטין האָט געשפּירט, אַז לאַנג וועט זי שוין נישט בלייבען ביים הויף.

דאָן דיעגאָ האָט אין האַרצען געלויבט דעם אויבערשטען, וואָס זיינע לייט איז געלונגען צו אַנטלויפען. כל-זמן ער איז נאָך געווען אינקוויזיטאָר, האָט ער געקאָנט האַלטען

געהיים זייער אנטלויפען, ווייל אלע נידעריגערע בעאמטע פון דער אינקוויזיציע זענען איהם געווען ערגעבען דורך די גרויסע מתנות, וואס ער האט זיי אויסגעטיילט. ער האט דעריבער בעשלאסען צו האלטען זיך אויף זיין שטעלע אזוי לאנג, ביז ער וועט בעקומען א ידיעה, אז זיינע לייט זענען שוין אריבער די שפאנישע גרענעץ און געפינען זיך אין פארטוגאל אין א זיכערען ארט.

דאן דיעגא האט דעריבער געווארט אויף דער דאזיגער ידיעה אונגעדולדיג; די פערהעלטעניסען אין מאדרידער הויף זענען דערווייל געווארען אלץ ערגער און ערגער. אלבעראני, דער גרעסטער פיינד פון פירשטין אורסיני, איז עולה-לגדולה-געווארען, די פירשטין האט פערלארען אינגאנצען איהר איינפלוס און מען האט נור געזוכט א תירוץ, ווי-אזוי פון איהר פטור צו ווערען און ארויסשטויסען אויך פון זייערע שטעלעס אלע יענע לייט, וואס זענען דורך איהר איינפלוס אויף זייערע שטעלעס בעשטימט געווארען. צווישען די דאזיגע לייט איז געווען דער ערשטער דאן דיעגא י. אגילאר.

9.

דאן מאנועל האט זיך אבגעשטעלט מיט זיין פערד-און-שפאן אין אן'איילבירטען-טאל אויפ'ן וועג פון סאלאמאנקא. די פערד האט ער געלאזט זיך אויסרוהען און פאשען און ער מיט זיין ווידער-פערייניגטער משפחה האט זיך אנידערגעזעצט אונטער א בוים אין שאטען. וויפיעל האט מען געהאט צו דערצעהלען איינעם דעם אנדערען! דאן מאנועל האט דער ערשטער אנגעהויבען דערצעהלען וועגען די שרעקליכע יסורים, וואס מען האט איהם אנגעטהון אין דער אינקוויזיציע, און ווי ער איז ענדליך ניצול-געווארען פון שרעקליכען טויט אויף א וואונדערליכען אופן; דאן האט ער דערצעהלט וועגען זיין לעבען אין וואלפאראיזא, וועגען זיין קומען צוריק קיין אמשטערדאם און וועגען די שרעקעניסען, וואס ער האט איבערגעלעבט, קומענדיג קיין מאדריד, וואו ער אליין איז געווען דערביי, ווי מען האט זיין משפחה ארעסטירט און אבגעפיהרט אין תפיסה פון דער אינקוויזיציע.

די זון האט דערווייל אנגעהויבען אראבלאזען-זיך עטוואס צו-מערב-צו, איהרע שטראהלען האבען שוין נישט געברענט אזוי ווי פריהער. מען האט שוין געקאנט ארייניזעצען זיך צוריק אין וואגען און לאזען זיך ווייטער אין וועג אריין, כדי צו קומען אין אווענד קיין אווילא. אבער פלוצלונג האט זיך בעוויזען פאר דער דערשראקענער משפחה א מחנה פון ווילד-בעוואפענטע מענשען, וואס האט זיך געלאזט געהן גלייך צו דאן מאנועל מיט זיינע לייט.

— דאס זענען באנדאלעראס (באנדיטען), — האט דאן מאנועל שטיל געזאגט, — דער אויבערשטער זאל אונז בעשיצען! דאן יאזע, האט איהר אייערע פיסטאלעטען גרייט?

— שטיל! — האט דאן יאזע געענטפערט. — אום גאטעס ווילען, שטיל! וואס קאנען מיר, צוויי, מאכען געגען א גאנצער מחנה באנדיטען? לאזט מיך אליין רעדען מיט זיי. אפשר וועלען מיר דורכקומען מיט זיי מיט לייכטע קרבנות. די באנדאלעראס זענען אפט גאנץ ריטערליכע לייט, מיט וועלכע מען קאן זיך דורכשמועסען. פערהאלט-זיך אלע גאנץ רוהיג.

וואו איהר זיצט. מיר וועלען ווארטען, ביז זיי וועלען צוקומען צו אונז און אָנהויבען מיט אונז רעדען.

די באַנדע איז אונטערגעקומען נאָהענטער; איהר אָנפיהרער האָט מיט דרך-אֶרץ אַראָבגענומען דעם הוט און בעגריסט זעהר פיין.

— גוט-מאָרגען, סעניאָרעס און מאַדאַמיטאַס! (מיינע דאַמען) — האָט ער געזאָגט, — דער הימעל זאָל אייך בעשיצען.

— איך דאַנק אייך, סעניאָר, — האָט דאָן יאָזע געזאָגט, — איך און מיינע חברים, מיר אַלע דאַנקען אייך. מיט וואָס קאָנען מיר אייך דינען, סעניאָר, דאָן?...

— דאָן פראַנציסקאָ עסטעבאַן.

דערהערענדיג דעם דאָזיגען נאָמען, זענען אַלע שרעקליך דערשראָקען געוואָרען. דאָן מאַנועל מיט זיינע לייט זענען געוואָרען טויט-בלאַס.

— וואָס וואונדערט איהר זיך אַזוי? — האָט דער רויבער געפרעגט. — פאַרוואָס דערשרעקט איהר זיך אַזוי? צי קענט איהר מיך דען?

— אייך גראַד נישט, — האָט דאָן יאָזע געענטפערט מיט אַ שטימע פול ציטערניש, — אָבער איינעם פון אייער נאָמען, דעם...

— דעם בעוואוסטען רויבער-הויפטמאַן, וועלכער הייסט שלמה המלך'ס פּלימעניק? דאָס בין איך דאָך אַליין!

— אָה, איהר זענט דער בעריהמטער גרויסער מאַן, וועלכער וואוינט שוין 3000 יאָהר אין די בערג פון טאָלעדאָ! איך בין העכסט גליקליך צו מאַכען אייער בעקאַנטשאַפט.

— דאַנק. אויך פאַר מיר איז עס אַ פערגעניגען און אַנ'עהרע.

— מיט וואָס קאָנען מיר אייך דינען, סעניאָר דאָן פראַנציסקאָ?

— איהר מיינט אודאי, אַז מיר פערלאַנגען אייער בייטעל געלד אָדער אייער לעבען? האָט איהר אַ טעות. ווייל ערשטענס קאָן מען וועניג-וואָס האָפען צו בעקומען פון אַנ'אָרימען בירגער, ווי איהר זענט, און מיר בעראַבעווען נור די רייכע לייט; צווייטענס, איז היינט מיין נאָמענס-טאָג, אין אַזאַ טאָג אַרבייטען מיר נישט. פערקעהרט, איך וואָלט געוואָלט אויפטהון עפּיס-וואָס גוטס, כדי צו פערגלעטען אויף מיינע פערשידענע פערברעכענס, וועלכע איך בין אָפט געצוואונגען צו בעגעהן. וואוהין פאָהרט איהר?

— קיין אווילאַ, סעניאָר דאָן פראַנציסקאָ.

— ס'איז נישט קיין זיכערער וועג. זינט מען האָט געשלאָסען שלום, דרעהען-זיך אַרום אויפ'ן דאָזיגען וועג פיעל גנבים, בעפרייטע סאָלדאַטען און אַנדערע פערדעכטיגע לייט. איך וועל אייך בעגלייטען מיט מיינע לייט ביז די טויערן פון דער שטאָדט אווילאַ. זאָלען די סעניאָרעס אַריינזעצען זיך אין וואָגען, איינער פון מיינע יונגען וועט זיין זייער קוטשער; די ביידע קאַוואַליערען אָבער וואָלט איך געבעטען צו געהן מיט אונז צוזאַמען צופוס, ווייל איך האָב ליעב צו שמועסען מיט אָנגעזעהענע לייט.

איינוועגדען געגען דעם האָט מען נישט געקאָנט. דעם רצון פון די רויבער האָט מען געמוזט ערפילען. אונזערע רייזענדער האָבען געלויבט דעם אויבערשטען, אַז זיי זענען

לפחות דערווייל אזוי גליקליך איבערגעקומען אזא קריטישע בעגעגעניש, וואס האט געקאנט
ענדיגען זיך פאר זיי זעהר טראגיש. די דאמען האבען זיך אלוא אריינגעזעצט אין וואגען;
איינער פון די רויבער האט אויפ'ן וואונק פון הויפטמאן זיך געזעצט אויף דער קאזלע צו
זיין קוטשער, וועהרענד דער הויפטמאן אליין האט זיך געלאזט געהן נאכ'ן וואגען אין מי-
טען צווישען דאן מאנועל און דאן יאזע, די איבעריגע מחנה רויבער איז געגאנגען הינטער זיי.

דאן פראנציסקא עסטעבאן, דער פלימעניק פון מלך שלמה, וועלכער איז שוין
3000 יאהר לאנג געשטאנען אין שפיץ פון זיין רויבער-באנדע אין די בערג פון טאלעדא
און געמאכט פון דארט עקסקורסיעס אין גאנץ קאסטיליען, פיהרט נאך עד-היום דאסזעלבע
לעבען, ווארפענדיג אנ'אימה אויף אלע רייזענדער, כאטש זיין געשעפט איז היינט עטוואס
פערוויקעלטער, ווייל איצט פאלט מען שוין אן נישט אזוי אויף איינצעלנע רייזענדער, ווי
אויף גאנצע באהן-צוגען, וועלכע מען שטעלט-אב און בערויבט. געוועהנליך קומט עס פאר
אויף אזא אופן: עסטעבאנ'ס באנדע רייסט-אויף די רעלסען אויף דער באהן; דער צוג איז
געצוואונגען אבצושטעלען זיך און די רייזענדע מוזען זיך אויסקויפען מיט געלד פיעל מען
פאדערט פון זיי. די שפאנישע באהן-פערוואלטונג איז שוין אזוי געוועהנט צו אזעלכע גע-
שעהענישען, אז זי שיקט לכתחילה מיט'ן צוג אין די דאזיגע ערטער ארבייטער, כדי זיי
זאלען פערריכטען די באהן תיכף נאכ'ן אנפאל. אין דער צייט אבער, ווען אונזער ער-
צעהלונג האט זיך אבגעשפיעלט, זענען נאך קיין אייזענבאהנען נישט געווען און די באנדע
פלעגט מאכען אנ'אנפאל אויף פריוואטע רייזענדער, וועלכע פלעגען מוזען אבגעבען א העלפט
פון זייער געלד, וואס זיי האבען מיט-זיך געפיהרט; אויב דער רייזענדער פלעגט זיך נישט
פערטיידיגען, פלעגט ער קאנען זיך פאהרען רוהיג ווייטער; פון אונזערע רייזענדער האבען
די רויבער, ווי מיר האבען שוין געזעהן, אויך דאס נישט געפאדערט.

דאן פראנציסקא עסטעבאן שלמה המלך'ס פלעמיעניק איז א לעגענדארישע פערזאן,
וועלכע ווארפט אנ'אימה אויף אלע רייזענדע. די לעגענדע דערצעהלט, אז דאן פראנציסקא
עסטעבאן שטאמט פון דער שוועסטער פון שלמה המלך. זיין פאטער איז געווען איינער
פון די רייכסטע גראנדען אין לאנד יהודה; ער און זיין פרוי זענען אומגעקומען אין דער
מלחמה, ווען נבוכדנצר האט איינגענומען ירושלים. פראנציסקא איז דאמאלס געווען א זויגעדיג
קינד. ווען זיין געטרייע אם האט דערהערט די שרעקליכע ידיעה, אז זיינע עלטערן זענען
דער'הרג'עט געווארען, איז זי אנטלאפען מיט'ן קינד אין פעלד אריין; אזוי איז זי געלאפען,
געלאפען, שפייזענדיג זיך מיט די ווילדע יאגדעס, וועלכע זי האט אויפ'ן וועג געפונען
וואקסען. די אם האט געפיהרט א וואנדער-לעבען פיעל יאהרען. אזוי איז די פרוי געקומען
מיט'ן יונגעל פראנציסקא אין דער געגענד פון טאלעדא, וואו זי האט זיך אויסגערוהט אין
א היהל. פראנציסקא איז איינגעשלאפען; די אם איז ארויסגעגאנגען אין פעלד אריין זוכען
די ווילדע יאגדעס, צו שפייזען זיך.

די אם—דערצעהלט די לעגענדע ווייטער—האט געהייסען רבקה און פאר איהר גע-
טרייהייט צום יתומ'ל האט דער אויבערשטער זי בעשענקט מיט אייביגער שענהייט און
יוגענד. און אט ווען זי איז ארויסגעגאנגען זאמלען יאגדעס, האט זי דערזעהן א רויבער-

הויפטמאַן, וועלכער האָט זיי פערנומען און געבראַכט צו זיך אין הייהל אַריין, אומזיסט האָט עסטעבאַן געוואַרט אויף זיין אַם, דען זי איז צוריק נישט געקומען.

דער הויפטמאַן פון די רויבער איז זעהר נישט געוועזען בעליעבט ביי זיין באַנדע, דעריבער האָבען פיעל רויבער געבעטען דעם יונגען פראַנציסקאָ, אַז ער זאָל זייער הויפטמאַן ווערען, דען פראַנציסקאָ איז שוין איצט געוועזען אַ דערוואַקסענער יונגערמאַן, הויך און שטאַרק ווי אַ ריעז; אַ לייב האָט ער געקאָנט דערווערגען, אַ הירש — אין פעלד אָניאָגען. די רויבער האָבען זיך פערבונדען מיט עסטעבאַן און מיט זיין הילף האָבען זיי דער׳הרג׳עט דעם הויפטמאַן; דאַן האָט עסטעבאַן בעפרייט זיין אַם און די רויבער האָבען איהם אויסגערופען פאַר אַ הויפטמאַן. פון דאַמאָלס-אָן איז ער געבליבען הויפטמאַן. טייל מאָל שטאַרבט ער אַפילו אָב, אָדער מען הענגט איהם אויף; ס׳טרעפט אויך, אַז די אינקוויזיציע אָדער די רעגירונג כאַפען איהם און דאַן ווערט ער צעריסען אויפ׳ן ראָד, געפערטעלט אָדער פערברענט; אָבער שטענדיג ווערט ער צוריק לעבעדיג און קיינמאָל בלייבט נישט זיין באַנדע אָהן אַנ׳אָנפיהרער.

לויט׳ן פערלאַנג פון די רויבער, האָבען דאָן מאַנועל און דאָן יאָזע מיטגעטיילט דאָן עסטעבאַן דעם צוועק פון זייער רייזע קיין אַווילאַ, וואו זיי האָבען געדאַרפט איבערנעהמען אַ רייכע ירושה פון אַ פעטער.

— ווען מיר וועלען נור קומען מיט׳ן געלד צוריק און מיר וועלען האָבען דאָס גליק אייך וויעדער צו בעגעגענען... — האָט געזאָגט דאָן יאָזע — דאַן, סעניאָר דאָן פראַנציסקאָ...

דער הויפטמאַן האָט זיך פערנייגט.

— איך דאַנק אייך, — האָט ער געזאָגט. — אָבער די סעניאָרען, מיט וועלכע איך האָב איינמאָל געשלאָסען פריינדשאַפט, יענע ריהר איך קיינמאָל נישט אָן.

— ענטשולדיגט מיר איין פראַגע, — האָט דאָן מאַנועל געזאָגט, — מיר פערדאַנקען דאָס גליק פון אייער פריינדליכער בעגלייטונג אייער נאָמענס-טאָג. אין קאַלענדאַר איז אָבער היינט נישט דער טאָג פון פראַנציסקוס, נאָר פון איזידאָר.

דער רויבער האָט אַ שמייכעל געטהון.

— איך קאָן מיר פאָרשטעלען, אַז איהר וועט נישט ערוואַרטען פון אונז, דאָס מיר זאָלען גלויבען אין דער לעגענדע וועגען אייער קרובה׳שאַפט מיט שלמה המלך. טחוט אונז די געפעליגקייט און דערצעהלט אונז אייער לעבענס-געשיכטע.

— ס׳איז אַ קורצע געשיכטע — האָט דער רויבער געענטפערט קענטיג מיט הנאה, וואָס מען אינטערעסירט זיך מיט איהם. — איך בין געוועזען אַ פראָסטער בירגער און איך האָב געהאַט אַ כלה, דאָנאַ מאַרגעריטאַ פינאַלעס, די טאָכטער פון אַ זאָקען-מאַכער. און אָט האָט זי דערזעהן אַ חשוב׳ער שר פון קעניגליכען הויף און האָט אָנגעהויבען אַרומצוטאַנצען אַרום איהר. איך האָב איהם אַריינגעשטאָכען מיין שפיז אין האַרצען. דאַן האָט מען מיך אַרעסטירט. אין תפיסה איז געקומען צו מיר אַ גלח. איך האָב זיך געוואָרפען אויף איהם און דערוואָרגען איהם; דאַן האָב איך אָנגעטהון זיינע קליידער און בין אַנטלאָפען געוואָרען. איך בין אַריינגעקומען אין אַ קירכע, בין צוגעגאַנגען צום גלח מתודה-זיין זיך. וואָס אָבער האָב איך

אידם געזאָלט זאָגען? און אָט האָב איך דערזעהן צווייַ מענשען, וועלכע האָבען זיך געשעפּ־טשעט אין דער שטיל.

איינער האָט געזאָגט:

— מען האָט אידם אויפגעהאָנגען און ער איז שוין מסתם טויט.

דער אַנדערער האָט געענטפערט:

— דאָס איז אונמעגליך.

— אָבער ווען איך זאָג דיר, אַז איך האָב אַליין געזעהן אידם העגגענדיג אויף דער תליה און ווי מען האָט אידם דערנאָך בעגראָבען.

— יאָ, אויב אַזוי, איז ער טויט, און מיר זענען ווידער געבליבען אָהן אַ הויפטמאַן. פון אונז דאַרף קיינער קיין הויפטמאַן נישט ווערען... אין יעדען פויערישען הייזעל וועט מען אונז דערקענען — ווען מען וועט זיך דערוויסען, אַז אונזער הויפטמאַן איז אויפגע־האָנגען געוואָרען און ער איז נישט לעבעדיג געוואָרען צוריק, דאַן וועט זיין אַ סוף מיט דער לעגענדע און מען וועט פערליערען יעדען רעספּעקט פאַר אונז...

— דאַן—דערצעהלט דער הויפּטמאַן ווייטער—האָב איך געזעהן, ווי די צוויי רויבער האָבען זיך געבוקט און געשטעלט אויף די קניע פאַר די הייליגע בילדער און וואַרים מתפּלל־געווען, אַז די הייליגע זאָלען זיי צושיקען אַ נייעם הויפטמאַן. ווען זיי זענען אַרויסגע־קומען פון דער קירכע, בין איך זיי נאָכגעגאַנגען און האָב זיך פאָרגעשטעלט פאַר זיי. איך בין מיט זיי באַלד מושוה געוואָרען און אויף צומאָרגענס בין איך אויסגערופען געוואָרען פאַר אַ הויפטמאַן פון דער באַנדע אונטער'ן נאָמען דאָן עסטעבאַן, שלמה המלך'ס פּלימעניק.

— און דאָנאַ מאַרגאַריטאַ?—האָט געפרעגט דאָן יאָזע.

— איך האָב זי געבראַכט פון מאַדריד צו זיך און זי איז מיין געטרייע חבר'טע אין די בערג.

אונטער'ן דאַזיגען געשפּרעך זענען אונזערע רייזענדער געקומען צו אַ הויכקייט, פון וואַנען ס'האָבען זיך שוין געזעהן די טורמס פון דער שטאָדט אווילאַ.

— אָט איז אווילאַ—האָט דער רויבער געזאָגט—איהר זענט איצט אין זיכערהייט. גליקליכע רייזע, מיינע העררען און דאַמען, גליקליכע רייזע! זייט אַמאָל מתפּלל פאַר דער זינדיגער נשמה פון אַנ'אָרימען באַנדאַלערא!

דאַן האָט ער זיך געלאָזט געהן צוריק אין דער בעגלייטונג פון זיינע חברים, די רויבער. דאָן מאַנועל האָט זיך ווידער אויפגעזעצט צוזאַמען מיט דאָן יאָזע.

די ווייטערדיגע רייזע קיין סאַלאַמאַנקאַ האָבען זיי שוין געמאַכט רוהיג און דאָרט זענען זיי גליקליך אַריבער די פּאָרטוגעזישע גרענעץ. ערשט איצט האָבען זיי זיך דערשפירט אין זיכערקייט. די שפּאַנישע אינקוויזיציע האָט שוין מעהר נישט געהאַט אויף זיי קיין שליטה.

אין פּאָרטאָ האָט דאָן מאַנועל געדונגען אַ שיף און געשיקט אַ שליח מיוחד צו זיין זוהן מיט דער פרעהליכער בשורה.

.10

צוויי חדשים זענען שוין אריבער, זינט די געפֿאנגענע זענען אנטלאָפֿן געוואָרען. דער קעניג האָט געטהון א שידוך מיט עליזאבעטא פֿון פּאַרמאַ. אלבעראָני האָט מאָג-טעגליך בעקומען אלץ א גרעסערען איינפֿלוס, און די פֿירשטין אורסיני, וועלכע איז ארויסגעשיקט געוואָרען פֿון קעניגליכען הויף, איז אָבגעפֿאָהרען צוריק קיין איטאליען. דאָן דיעגאָ האָט זיך געשפּירט זעהר נישט בעקוועם און האָט ערוואַרטעט אונגעדולדיג א ידיעה פֿון זיין פֿאָטער. טאָג-טעגליך האָט מען געפֿאָדערט פֿון איהם, אז ער זאָל צוטרייבען דעם פּראָצעס פֿון די געפֿאנגענע, ווייל דער גרויס-אינקוויזיטאָר, דאָן פּיעדראָ סאַלוטע, האָט געוואָלט געבען די איינוואוינער פֿון דער הויפּט-שטאָדט דאָס שוישפּיעל פֿון אַן'אויטאָ-דאַ-פֿע. דאָן דיעגאָ האָט אָבער אונטער פֿערשידענע תירוצים געוואוסט, ווי-אזוי אָבצולעגען דעם פּראָצעס אויף ווייטער און ווייטער. אָבער ביסלעכווייז האָט דאָס דערוועקט א חשד אויף דאָן דיעגאָ. ענדליך האָט דאָן דיעגאָ דערהאַלטען די לאַנג-ערוואַרטעטע ידיעה פֿון זיין פֿאָטער. דאָן דיעגאָ האָט תיכף גענומען אורלויב ביים קעניג, כּדי צו בעזוכען זיין בּישאָף-שטאָדט אווילא. דעם אורלויב האָט מען איהם געגעבען לייכט, ווייל מען האָט געוואָלט אין דער אָבוועזענהייט פֿון אינקוויזיטאָר דאָן דיעגאָ דורכפֿיהרען דעם פּראָצעס פֿון די געפֿאנגענע.

און טאַקי אויף מאָרגען נאָך דאָן דיעגאָ'ס אָבּרייזען האָט מען בעשטימט דעם טאָג פֿון פּראָצעס. דער גרויס-אינקוויזיטאָר, דאָן פּיעדראָ אליין, איז געווען פֿאָרזיצענדער אין געריכט. ער האָט בעפֿוילען, אז מען זאָל אריינפֿיהרען די געפֿאנגענע איינעם נאָכ'ן אנדערען. צוערשט האָט מען געבראַכט א געפֿאנגענעם, וועלכען מען האָט בעשולדיגט אין געהערען צו דער פֿריימויערייַ; דער מענש האָט ערקלערט, אז ווען ער איז געווען אין פֿראַנקרייך, האָט ער זיך פֿעראייניגט מיט די פֿריימויערער, אָבער איצט איז ער גרייט אָבצוזאָגען-זיך פֿון זיי און תשובה-טהון. ס'איז אלזאָ נישט געווען קיין מאָטיוו, פֿאַרוואָס מען זאָל איהם פֿערברענען לעבעדיגערהייד. דאָס איינענע איז אויך פֿאָרגעקומען מיט א פֿרוי, וועלכע מען האָט בעשולדיגט אין כּשוף-מאַכערייַ. די בעשולדיגונג האָט געהאַט ווייניג פֿאַקטישען מאַטעריאַל, אז מען זאָל קאָנען די פֿרוי פֿערברענען. דאַן האָט מען אריינגעפֿיהרט א פּראָפֿעסאָר פֿון טעאָלאָגיע, וועלכער האָט-זיך ארויסגעזאָגט צו-פֿרייַ אין א דרשה אויף זיין קאַטעדרע. אָבער אויך דער פּראָפֿעסאָר האָט ערקלערט, אז ער איז גרייט חרטה-צו-האָבען און תשובה-צו-טהון. אין תּפֿיסה זענען נאָך געווען דריי בשתיקה'דיגע קאַלוויניסטען, וועלכע זענען אָבער דאָרט קראַנק געוואָרען און מען האָט זיי נישט געקאָנט שטעלען פֿאַר'ן געריכט.

די מיטגליעדער פֿון געריכט האָבען ערוואַרטעט געשפּאַנט, אז מען זאָל שוין ענדליך אריינפֿיהרען די יודישע אנוסים, ווייל מען האָט געוואוסט, אז דאָס געריכט איבער זיי וועט שוין געבען אנדערע רעזולטאַטען, בפֿרט נאָך, ווען איינע פֿון זיי איז שוין אין וואַלענסיאַ פֿער'משפּט געוואָרען צום טויט אונטער די אויגען און מען האָט איהר בילד פֿערברענט. אָבער די אויפֿזעהער פֿון תּפֿיסה זענען אריינגעקומען אָהן די געפֿאנגענע; זייערע קעמערלעך האָט מען געפֿונען לעדיג און די געפֿאנגענע זענען אנטלאָפֿען.

— האַ! — האָט אויסגערופֿען דער ריכטער דאָן זשואַן דע מיראַלעס. — דאָס איז די ארבייט פֿון בּישאָף פֿון אווילא; ער האָט זיי געהאָלפֿען אנטלויפֿען!

— אַזוי מײַנט איהר מאַקי, סעניאָר?—האָט געפֿרעגט דאָן פּיעדראָ סאַלוטע.

— איך האָב שוין לאַנג מורא-געהאַט דערפֿאַר. די צום-טויט-פֿעראורטײַלטע יודישע פֿרוי האָט פֿריהער זיך גערופֿען י. אַגילאַר; איך גלויב, אַז זי איז אַ נאָהענטע קרובה פֿון דאָן דיעגאָ.

מען האָט דעריבער בעשלאָסען צו מאַכען פֿעראַנטוואָרטליך פֿאַר'ן אַנטלויפֿען פֿון די געפֿאַנגענע אַנוסים דעם בישאָף פֿון אַווילאַ. מען האָט אַרויסגעשיקט אַ מחנה רײַטער צו אַרעסטירען איהם.

דאָן דיעגאָ האָט זיך צוגעאײַלט צו פֿערענדיגען זײַנע עסקים אין אַווילאַ. וועגען דעם, וואָס ער האָט גערעכענט צו טהון, האָט געוואוסט נור זײַן טרײַער דינער זשואַן. אַ גוט-געפּאַקטער רײַזע-וואָגען איז געשטאַנען גרייט בײַם הינטער-טויערל פֿון בישאָפֿליכען פּאַלאַץ און דאָן דיעגאָ איז שוין געווען בעריט צו פֿערלאָזען זײַן פּאַלאַץ און אַרײַנצוזעצען-זיך אין דער קאַרעטע, אויף וועלכער זײַן דינער זשואַן איז שוין געזעסען אַלס קוטשער. אָבער אָט האָט דאָן דיעגאָ דערהערט אַ קלאַפּערײַ פֿון רײַטער, און אַ קוק-טהוענדיג אין פֿענסטער, האָט ער דערזעהן אַ מחנה רײַטער פֿון דער אינקוויזיציע, וועלכע ציהט-זיך אין דער ריכטונג צו זײַן בישאָפֿליכען פּאַלאַץ.

— אָה, די כאַפּער קומען שוין!—האָט דיעגאָ אויסגערופֿען.—מען דאַרף זיך צואײַלען!

דאָן דיעגאָ האָט זיך באַלד געלאָזט לויפֿען פֿון פּאַלאַץ אַראָב דורכ'ן גאָרטען צום הינטער-טהירל.

— געשווינד, זשואַן!—האָט ער אויסגערופֿען.—אין הימעלס נאָמען, געשווינד! די אינקוויזיציע האָט געשיקט איהרע שליחים מיך צו אַרעסטירען. זיי זענען שוין דאָ!

דאָן דיעגאָ איז אַרײַנגעשפּרונגען אין וואָגען. זשואַן האָט אַ שמיץ-געטהון די פֿערד, וועלכע האָבען זיך אַ לאָז-געטהון פֿייל-פֿון-בויגען אויפ'ן וועג צו סאַלאַמאַנקאַ.

די כאַפּער פֿון דער אינקוויזיציע זענען דערווײַל געקומען נעהענטער צום פּאַלאַץ. אָט זענען זיי שוין אַרײַנגעקומען אין פּאַלאַץ אויך. אָבער אומזיסט זוכען זיי דאָרט אין אַלע צימערן דעם בישאָף; ער איז אַנטלאָפֿען און קיינער ווייס נישט, וואוהין.

די כאַפּער האָבען זיך אָבער נישט אָבגעזאָגט פֿון זייער אויפֿגאַבע; זיי האָבען געהאַט מענשען גענוג, און אָט האָבען זיי זיך צעטײַלט אויף צוויי מחנות און געלאָזט זיך נאָכיאָגען נאָכ'ן אַנטלאָפֿענעם אויף פֿערשיעדענע וועגען.

דאָן דיעגאָ האָט בינו לבינו אַפֿילו בעוויזען אָבצופֿאָהרען פֿאָרוועורטס אַ היבש שטיקעל וועג; אָבער דער וועג קיין סאַלאַמאַנקאַ ציהט-זיך איבער בערג און די פֿערד האָבען זיך געשלעפּט מיט גרויס מיה איבער די הויכקײַטען, וועהרענד די נאָכיאָגער זענען געפֿאָהרען רײַטענדיג און זייערע פֿערד זענען לײַכט געשפּרונגען איבער די בערג. ווען דאָן דיעגאָ'ס קאַרעטע האָט זיך ענדליך אַרויפֿגעשלעפּט אויפ'ן באַרג, האָט ער דערזעהן גאַנץ ווײַט קליינינקע פּינטעלעך, וואָס האָבען זיך געטראָגען אַלץ נעהנטער און נעהנטער, און ער האָט דערקענט, אַז דאָס זענען די רײַטער פֿון דער אינקוויזיציע, וואָס יאָגען-זיך נאָך איהם.

זשואַן האָט ווידער אַ שמיץ געטהון די פֿערד, און די קאַרעטע האָט-זיך אַ לאָז געטהון

גשוויַנד באַרג-אַרונטער. דאָן דיעגאָ האָט אָבער איַינגעזעהען, אַז ווען איהם זאָל וויַיטער איבערקומען אויפ'ן וועג צו בעגעגענען אַ באַרג, וועלען די נאַכיאָגער איהם געוויס אַניאָגען. אַ געוויסע ציַיט איז דער וועג נאָך געגאַנגען באַרג-אַרונטער און דאַן וויַיטער אין טאָל אַריַין; באַלד אָבער האָבען די פערד ווידער אָנגעהויבען שלעפען-זיך מיט מיה און דער געשלענגעלטער וועג האָט-זיך אָנגעהויבען ציהען באַרג-אַרויף.

דאָן דיעגאָ איז געווען אין פערצוויַיפלונג. וואָס טהוט מען! ער איז געווען פעסט ענטשלאָסען, נישט צו געבען זיך לעבעדיגערהיַיד אין די הענד פון זיַינע פערפאָלגער, ער האָט גענומען זיַין פיסטאָלעט אין האַנד און געפרובט איהם.

— זשואַן, — האָט ער געזאָגט, — אויב אונזערע נאַכיאָגער וועלען אָנקומען נאָהענטער, זאָלסטו אָבשטעלען די פערד.

— וואָס רעכענט איהר צו טהון, גנעדיגער הערר? — האָט געפרעגט דער טריַיער דינער.

— איך וועל זיך טויטען. איך וויל נישט אַריַינפאַלען לעבעדיגערהיַיד אין די הענד פון מיַינע פיַינד.

— צי וואָלט אפשר נישט געווען בעסער, גנעדיגער הערר, ווען מיר זאָלען וואַרפען אויפ'ן וועג דעם וואָגען און מפקיר זיַין איהם פאַר די פערפאָלגער? מיר וואָלטען זיך געקאָנט ראַטעווען אין די בערג ערגעץ-וואו אין אַ הייהל, ביז די פערפאָלגער וועלען מיעד ווערען אונז צו זוכען.

— דיַין פאָרשלאַג איז גוט, אָבער פונדעסטוועגען לאָ'מיר פרובירען נאָכאַמאָל אַריבערצוכאַפען-זיך איבער'ן דאָזיגען באַרג; דאָרט וועלען מיר ווידער האָבען דעם וועג באַרג-אַרונטער, וועלען מיר גיכער פון זיי אַנטלויפען. די פערד פון דער אינקוויזיציע האָבען-זיך קיינמאָל נישט אויסגעצייכענט מיט זייער געשווינדקייט.

זשואַן האָט אַ שמיץ געטהון די פערד און די קאַרעטע האָט-זיך אַריהר געטהון געשווינדער. דיעגאָ האָט ווידער אָנגעהויבען האָפען.

— רבונו-של-עולם! — האָט מתפלל געטהון דערוויַיל דאָן דיעגאָ, — דו, וואָס האָסט מיַינע אָבות אַזוי אָפט אַרויסגעראַטעוועט אין דער נויט, העלף מיר אויך אין דער שרעקליכער סכנה, אין וועלכער איך שוועב יעצט. ראַטעווע מיך פון דער פיַינדשאַפט אין די הענד פון דער אינקוויזיציע און פונ'ם שענדליכען טויט. איך שרעק-זיך זעהר, מיַין האַרץ ציטערט אין מיר. לאָז מיך בעסער אַריַינפאַלען אין דיַין האַנד, וויַיל גרויס איז דיַין רחמנות, אָבער לאָז מיך נישט אַריַינפאַלען אין די הענד פון מענשען! אָה, איך פערדיען נישט דיַין חסד, איך בין עס נישט ווערט. פאַרוואָס בין איך נישט אַנטלאָפען, ווען איך בין געשטאַנען אין שפיץ פון דער מאַכט? פאַרוואָס האָב איך נישט געאיַילט צו דיר דאַמאָלס, ווען די קעניגין האָט נאָך געלעבט און די פירשטין אורסיני האָט נאָך געהאַלטען אין איהרע הענד די ממשלה איבער שפאַניען? דאַמאָלס האָב איך געקאָנט אַנטלויפען מיט מיַינע לײַט אָהן קיין שום קרבנות. אָבער מיך האָט דאַמאָלס אָבגעהאַלטען די תאוה צו דער מאַכט, צו דער הערשאַפט, צו עשירות! איך האָב-זיך נישט געוואָלט אָבזאָגען פון אַלעם דעם און דעריבער האָב איך נישט געלאָזען אַנטלויפען מיַינע לײַט און געוואָלט זיי בעפריַיען אויף אַ געזעצליכען אופן, כדי זיך

אַליין נישט צו קאָמפּראָמיטירען און קאָנען בלייבען אויף מיין הויכער שטעלע. ערשט ווען מיין שטערן האָט אָנגעהויבען אונטערגעהן אין שפּאַנישען הויף, ערשט דאַן האָב איך זיך בעשלאָסען צו אַנטלויפען. אָה, צו־שפּעט האָב איך זיך געכאַפּט. יעצט ווער איך מוזען דערפאַר בעצאָהלען, אויב דו, רבונו־של־עולם, ליעב־האַרציגער פאָטער אין הימעל, וועסט מיר נישט קומען צו הילף, דו שומר־ישראל!

די קאַרעטע איז דערווייל געלאָפען אָהן אַבהאַלט פאָרוועׄרטס; די פערד זענען שוין לאַנג געווען אָבגעאָסען מיט שווייס. ווי לאַנג נאָך וועלען זיי קאָנען אויסהאַלטען אַזאַ שווערע אָנשטרענגונג? פּלוצלונג האָט־זיך דערהערט אַ דונער־געשריי: האַלט! — און דאָס געשריי איז געקומען נישט פון הינטער'ן וואָגען, נאָר פון פאָר אויבּ. ווי פון דער ערד אַרוים האָבען־זיך בעוויזען פּלוצלונג פיעל מענשען, אַ גאַנצע מחנה, בעוואָפענט פון קאָפּ ביז די פיס.

— האַלט!—האָט אויסגערופען דער אָנפיהרער.—האַלט, ווען אייער לעבען איז אייך ליעב.

זשואַן האָט אָבגעשטעלט די שווייס־בעדעקטע .פערד. דיעגאָ אָבער האָט שיער נישט אויפגעטאַנצט פאַר שמחה. ער איז אַרויסגעשפּרונגען פון זיין קאַרעטע, צוגעגאַנגען צום אָנפיהרער און אויסגערופען:

— איהר זענט דאָן פראַנציסקאָ עסטעבאַן, דער פּלעמיעניק פון שלמה המלך!

— איך בין עס, הערר, — האָט געענטפערט דער געפרעגטער — און איך פאָדער פון אייך קאָנטריבוציע אַ העלפט פון אייער רייזע־קאַסע. איהר זעהט, איך פערלאַנג נישט פיעל.

— איך וועל אייך געבען דריי פיערטעל, גוטער דאָן פראַנציסקאָ! נאָר העלפט מיר געגען די דיענער פון קעניג, וועלכע פערפאָלגען מיך. צי הערט איהר, ווי עס קלאַפּען די קאָפּיטעס פון זייערע פערד, זיי קומען נאָהענטער. מיר זענען דאָך עפּיס קרובים, איך און איהר! איהר זענט שלמה המלך'ס פּלעמיעניק און איך שטאַם אַליין פון דוד המלך. מיר זענען שוועסטער־קינדער.

— אַזוי! מיין קוזין זענט איהר! און די אינקוויזיציע, אונזער געמיינזאַמע פיינדין יאָגט זיך נאָך אייך? איך וועל אייך העלפען! זעצט־זיך אין וואָגען אַריין, סעניאָר. זאָלען זיי נור קימען נאָהענטער. מיר וועלען זיי גוט אויפנעהמען. שטעלט־זיך הינטער אונז, חברה!—האָט ער אַ קאָמאַנדעווע געטהון צו זיינע לייט.

דיעגאָ האָט זיך אַריינגעזעצט אין וואָגען. זשואַן האָט געלאָזען די פערד פאָהרען לאַנגזאַם ווייטער. די רויבער זענען פערשוואונדען געוואָרען. און אָט האָבען זיך בעוויזען די רייטער פון דער אינקוויזיציע. זיי האָבען שוין דערזעהן דעם וואָגען.

— האַלט!—האָבען זיי אויסגערופען מיט שמחה און זענען צוגעלאָפען צום וואָגען אויף זייערע פערד.

אָבער אָט האָט זיך דערהערט אַ שיכעריי און פון נאָהענטען וואַלד האָבען זיך אָנגעהויבען שימען פייערדיגע קוילען. דערווייל האָט מען נאָך זיי גופא נישט אָנגערירט, אָבער זייערע פערד האָבען זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע פיס. די רייטער האָבען אַ קוק געטהון ערשטוינט אין וועלדעל אַריין.

— דאָס איז דער טייוועל אַליין!—האָט אויסגערופען דער אָנפיהרער פון די רייטער.

— ניין!—האָט אויסגערופען אַ פּירכטערליכע שטים—דאָס איז דאָן פראַנציסקאָ עסטעבאַן!

— שלמה המלך'ס פּלעמיעניק! — האָבען אויסגערופען מיט שרעק די סאָלדאַטען און זיך געלאָזען לויפען צוריק.

עסטעבאַנ'ס באַנדע האָט זיי נאָכגעשיקט נאָך אַ פּאָר קוילען. די רייטער זענען אָבער באַלד פערשוואונדען געוואָרען.

זשואַן האָט אָבגעשטעלט זיינע פערד. דער רויבער-הויפּטמאַן איז צוגעגאַנגען העפליך צו דער קאַרעטע.

— איהר זענט פריי, סעניאָר,—האָט ער געזאָגט,—די העלדישע רייטער פון דער אינקוויזיציע זענען אַנטלאָפען.

— איהר זענט מיין רעטער אין דער נויט, דאָן פראַנציסקאָ, דער אויבערשטער אַליין האָט אייך געשיקט צו מיר אין דער רעכטער צייט. נעהמט-צו גאָר מיין באַר געלד.

— און מיט וואָס וועט איהר לעבען אין אויסלאַנד? ניין, סעניאָר, מעהר ווי אַ העלפט נעהם איך נישט. דאָס איז געגען מיינע פּרינציפּען. איך וויל נישט, אַז איהר זאָלט זאָגען, דאָס פראַנציסקאָ עסטעבאַן האָט אויסגענוצט אייער פערלעגענהייט. און ווייל איהר רופט מיך אייער רעטער, וויל איך טהון פאַר אייך נאָך עטוואָס: איך וויל אייך בעגלייטען ביז דער גרענעץ פון פּאָרטוגאַל. איך מיט מיין חברה האָבען קיין מורא נישט אפילו פאַר דער גאַנצער שפּאַנישער אַרמעע.

כאָטש די רויבער האָבען גענומען בלויז אַ העלפט פון דיעגאָ'ס געלד, פונדעסטוועגען האָבען זיי געכאַפּט אַ גוטע מציאה, ווייל דיעגאָ האָט געפיהרט מיט זיך פיעל געלד און דימענטען מיט בריליאַנטען.

לויט דאָן פראַנציסקאָ'ס עצה, האָט דיעגאָ פערקויפט אין דער נאָהענטסטער שטאָדט זיין פערד און שפּאַן און זיך געקויפט אַ פּאָר קרעפטיגע מוילטהירען. די רויבער-באַנדע האָט איהם אַדורכגעפיהרט אויף זייטיגע וועגען צו דער פּאָרטוגעזישער גרענעץ. דאָרט האָט דיעגאָ רייך בעשאָנקען יעדען רויבער בעזונדער און גענומען אָבשיעד פון זיי.

עטליכע טעג נאָכדעם האָט דאָן דיעגאָ אומגעאַרעמט זיין שפּחה אין האַפען פון פּאָרטאָ.

11.

וואָס פאַר אַ גוואַלטיגע שמחה דאָס איז געווען פאַר דער פּאָרטוגעזישער קהילה אין אַמשטערדאַם, ווען די אַנטלאָפענע זענען דאָרט אָנגעקומען, געראַטעוועט פון טויט און פערדערבען, גרייטע אַריינצוטרעטען אין דער יודישער קהילה! ס'האָבען זיך פערזאַמעלט די צאָהלרייכע פריינד און קרובים, כדי צו הערען איינמאָל און נאָך אַמאָל די גרויסע ישועות, וואָס זענען פאָרגעקומען מיט די געראַטעוועטע און צו לויבען דעם שומר ישראל, דעם איינציגען יודישען העלפער אין דער נויט. גרעסער פאַר אַלץ איז אָבער געווען דאָס ענטציקען פון אַלטען ראַפאַעלאָ. ער האָט אָהן אויפהער אַרומגענומען דאָן מאַנועל'ן און דיעגאָ'ן און האָט זיך געלאָזען ערצעהלען וועגען דעם, וויאַזוי מען האָט פער'משפט און אויפגעהאַנגען פריי באַלטאַזאַר. דאָן האָט ער זיך געוואָרפען צו דאָנאַ אַנונציאַטאַ און דאָנאַ איגנעץ

אויף וועלכע ער האט געקוקט העלפסט בעגליקט און נישט געקאנט זאט אנקוקען-זיך אויף זיי. דאנא אנונציאטא איז אין די לעצטע טעג גאר יונג-געווארען; דאס גליק און די פרייד האבען איהר צוריקגעבראכט איהר יוגענד.

און א בעזונדערס גליקליכער טאג איז עס געווען, ווען דאן מאנועל, דאן דיעגא און דאן יאזע האבען אנגענומען דעם ברית של אברהם אבינו! זיי האבען גאר נישט געשפירט דעם וועהטאג פון דער שמערצליכער אפעראציע. דאס ערהאבענע פערגעניגען צו בעקומען ענדליך דעם אזוי לאנג ערווארטעטען צייכען האט פערטריבען יעדען וועהטאג.

א פאר וואכען שפעטער האט מען געפייערט מיט גרויס שמחה די חתונה פון דאנא איניעז מיט דאן יאזע. די גאנצע פארטוגעזישע קהלה אין אמשטערדאם האט טיילגענומען אין דער דאזיגער שמחה. ארום לאנגע טישען זענען געזעסען די געסט און האבען ביי פולע בעכערס וויין דערצעהאלט איינער דעם אנדערן די געשעהענישען, וואס די משפחה י. אגילאר האט איבערגעלעבט און דורך וועלכע נסים זיי זענען ניצול געווארען.

בשעת דער חתונה-סעודה האט דאנא אנונציאטא זיך אויפגעהויבען און ארויסגערופען איהר זוהן דאן דיעגא אין גארטען אריין.

— מיין געליעבטער זוהן — האט זי געזאגט, שפאצירענדיג מיט איהם צווישען די בליהענדע ביימען — דאס איז געווען ל"ג בעומר — מיין געליעבטער זוהן, איך האב געהאפט, אז אויך דו וועסט חתונה האבען אין גיכען. דאנא פראנציסקא דע מאנטאלטא, דאס איינינקעל פון מיין וואוילטהעטערין, איז א מיידעל, ווי מען טרעפט-עס זעלטען אויף דער וועלט. פרום, גוט און אנ'עדעל הארץ — און זי ליעבט דיך, מיין דיעגא.

— מיין מוטער — האט דאן דיעגא געענטפערט — שוין לאנג האב איך געהאט בדעה צו בעטען איהר, אז זי זאל מיין פרוי זיין. אבער איך ברויך נאך צו מאכען א גרויסע רייזע און ערשט, ווען איך וועל צוריקקומען פון דער רייזע, ערשט דאן קאן איך זיך פערבינדע מיט א פרוי.

— דו ווילסט אונז פערלאזען, מיין זוהן?

— יא, ליעבע מוטער, איך מוז. האלאנד איז נישט דאס לאנד, וואו איך וואלט זיך געקאנט פיהלען גליקליך, איך וויל זיך אויפזוכען אנ'אנדער היים. איך האב א פריינד, ווייט, זעהר ווייט פון דאנען; דאס איז א הויכער, מעכטיגער פריינד. צו איהם וויל איך פאהרען. אויב ער וועט זיך וועגען מיר דערמאהנען און וועט זיין גוט פאר מיר, ווי פריהער, וויל איך זיך בעזעצען אין זיין סביבה, און דאן וועל איך קומען צוריק אהער און חתונה-האבען מיט פראנציסקא'ן, כדי באלד נאכדעם אויסצוואנדערן אינגאנצען.

— זאל איך דיך וויעדער פערליערען מיין זוהן?

— אויך מיר איז שווער צו שיידען זיך פון אייך; אבער איך האף צו בעקומען א גרויסע ישועה פאר אונזערע יודישע ברידער. ווען די אינקוויזיציע האט זיך נאכגעיאגט נאך מיר אויפ'ן וועג קיין סאלאמאנקא, האב איך א נדר געמהון צום אויבערשטען, אז ווען ער וועט מיך ארויסראטעווען פון פערדערבען, וועל איך, וויפיעל עס וועט מיר מעגליך זיין, ארבייטען לטובת די יודען, וועלכע אנערקענען זיין אחדות און היילינקייט.

— דער אויבערשטער זאָל דיך בענטשען מיין זוהן — האָט געזאָגט דאָנאַ אַנונציאַטאַ, אַבּוּוישענדיג איהרע טרעהרען, וואָס האָבען גענעצט איהר פּנים.

— און איצט, ליעבּע מוטער, לאָ'מיר געהן צוריק צום טיש צו אונזערע געסט, מען וועט דאָרט בעמערקען, אַז מיר פעהלען.

מען האָט עס שוין טאַקי בעמערקט, ווייל אַלע געסט האָבען געהאַלטען אין איין קוקען אויף דיעגאָ'ן: מיט אונענדליכען עהרפורכט האָט מען בעטראַכט דעם מאַן, וועלכער איז געוועזען בישאָף און אינקוויזיטאָר און האָט זיך אָבגעזאָגט פון אַזעלכע הויכע שטעלעס, כדי אומצוקעהרען זיך צוריק, ביי גרויסע געפאַהרען, צום גלויבען פון זיינע אָבות, פאַר וועלכען זיי האָבען בעצאָהלט מיט'ן גלות פון זייער האַרצען.

די חתונה-מאָהלצייט האָט זיך פערצויגען ביז ליכטיגען פריה-מאָרגען. איידער מען איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען, האָט מען געדאַווענט תפלות השחרית בציבור.

דאָן מאַנועל האָט זיך געזעגענט צוזאַמען מיט זיין איידעם, דאָן יאָזע, אַ געשעפט אין אַמשטערדאַם. זיי האָבען געשיקט שיפען מיט סחורות אין די מזרח-לענדער, כדי אָנצוקויפען דאָרט דרום-פרוכטען און פערקויפען זיי אין די אייראָפּעאישע מערב-לענדער. דאָן דיעגאָ האָט זיך אָבער אָבגעזאָגט טהיילצונעהמען אינ'ם דאָזיגען געשעפט, ווייל ער האָט געהאַט אין זינען עפּיס וואָס אַנדערש. ער האָט גענומען אָבשייד פון זיינע עלטערן און קרובים און איז אָבגעפאָהרען מיט זיין געטרייען דיענער זשואַן. וואוהין האָט קיינער ניט געוואוסט.

— איך האָף, אַז איך וועל באַלד קומען צוריק, — האָט ער געזאָגט — וויין נישט, מיין טייערע מוטער, — מאַכט נישט אַזאַ טרויעריג געזיכט, דאָנאַ פראַנצעסקאַ, און דו, מיין ליעבּער אַלטער ראַפאַעלאָ מאַך מיר נישט שווער אויפ'ן האַרצען. איך ווייס, אַז איך וועל דיך ווידער זעהן! העכסטענס אין זעקס מאָנאַט אַרום בין איך צוריק פון מיין רייזע.

— אויב דו וואָלסט גור אונז וועניגסטענס געוואָלט זאָגען, וואוהין דו פאָהרסט — האָט זיך צעוויינט דאָנאַ איגעץ.

— פאָדערט דאָס נישט פון איהם — האָט דאָן מאַנועל זיך אַריינגעמישט, — ער איז אַ מאַן און ווייס, וואָס ער מוז טהון. ועסטו אונז שיקען ידיעות וועגען זיך, מיין זוהן?

— נישט פריהער — האָט דאָן דיעגאָ געענטפערט, — ווי איך וועל זיכער זיין, אַז איך האָב מיין ציעל דערגרייכט, אָדער איך האָב איהם פערפעהלט. לעבט וואויל! זאָל דער אויבערשטער אייך בעשיצען!

— דער אויבערשטער זאָל דיך בענטשען, מיין זוהן! — האָט אויסגערופען דאָן מאַנועל.

זשואַן האָט אַ שמייכל געטהון די פערד און די קאַרעטע האָט זיך אַ לאָז-געטהון אין וועג אַריין. ראַפאַעלאָ איז איהר נאָכגעלאָפען עטליכע שריט, זאָגענדיג די ברכת הכהנים: „יברכך“.

דיעגאָ האָט געהאַט פאַר זיך אַ לאַנגע רייזע און אין יענער צייט איז אַ לאַנגע רייזע געוועזען זעהר אַ שווערע זאַך. בפרט נאָך, ווען מען האָט געהאַט צו רייזען אין אַ לאַנד, וואָס קען ער, נישט זיין דיענער, האָט די דאָרטיגע שפּראַך געקענט. נישט אומעטום זענען געווען שאָסעען; אָפט האָבען זיך צוברעכען ביי איהם די רעדער פון דער קאַרעטע; פיעל מאָל זענען געפאַלען די פערד פון גרויס מיה, האָט מען געמוזט קויפען אַנדערע פערד.

ערשט נאָך צוויי מאָנאַטען רייזע האָט די קאַרעטע זיך אָבגעשטעלט פאַר'ן טויער פון דער אַלטער קייזער-שטאָדט ווין.

דער לעזער וועט זיך געוויס דערמאָהנען וועגען דעם גענעראַל-פעלדמאַרשאַל פון סטאַכעמבערג, וועלכער איז געווען אויף דער בעראַטונג אין דער בעלאַגערטער שטאָדט באַרצעלאָנאַ; איצט איז ער געזעסען ביי זיך אין פאַלאַץ אין ווין צוזאַמען מיט זיינע געסט, וועלכע ער האָט דערצעהלט די וואונדערליכע געשעהעניש, וועלכע ער האָט איבערגע-לעבט אין דער מלחמה.

— יאָ,—האָט ער געזאָגט, אויסטרינקענדיג מיט פערגעניגען אַ בעכער אַלטען טאָקאַער ווין,—אין באַרצעלאָנאַ האָט עס שוין געהאַלטען דערביי, אַז מען זאָל אונז נעהמען געפאַנ-גען. מיר אַלע האָבען פערלאָרען דעם מוט און געוואָלט זיך אונטערגעבען. אָבער אָט איז געווען מיט אונז אַ שפּאַנישער גלח, וועלכער האָט ניי בעלעבט אונזער מוט און אָנגעוויזען מיטלען, ווי אַזוי צו פערציהען די מלחמה אַזוי לאַנג, ביז די האָלענדער האָבען אונז בעפרייט.

— אַ גלח?—האָט געפרעגט גראַף קינסקי,—וועלכער איז געזעסען צווישען די געסט.

— יאָ,—האָט געענטפערט דער פעלדמאַרשאַל,—אַ גלח, נאָך גאָר אַ יונג בחור'ל. אַזאַ שפּאַנישער גלח איז אָבער גאָר פון אַן'אַנדער מאַטעריאַל, ווי אונזערע היגע גלחים.

אין זאַל איז אַריינגעקומען אַ דינער און האָט דערלאַנגט דעם פעלדמאַרשאַל אויף אַ זילבערנעם טאַץ אַ בריוועלע.

— אַ פרעמדער הערר—האָט דער דינער געזאָגט—בעט אייער עקסעלענץ צו לעזען דאָס בריוועלע.

— איהר ערלויבט, מיינע הערען?—האָט דער פעלדמאַרשאַל געפרעגט.

די געסט האָבען צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף „יאָ“, גראַף סטאַכעמבערג האָט אויפגעבראָכען די חתימה און אָנגעהויבען לעזען...

— וואָס זאָגט איהר פאַרט דערצו—האָט ער פלוצלונג אויסגערופען,—ווען מען דער-מאָהנט דעם וואָלף, קומט ער צולויפען אַליין. — פריי דיעגאָ, דער גלח פון באַרצעלאָנאַ, וועגען וועלכען איך האָב אייך נור וואָס דערצעהלט, איז ער געקומען אַהער און בעט מיך אַז איך זאָל איהם אויפנעהמען אונטער פיער אויגען. פיהר איהם אַריין אין רויטען צימער, אינגנאַץ, איך קום באַלד אַריין. די הערען וועלען מיר ענטשולדיגען.

די געסט האָבען גענומען אָבשיעד. גראַף סטאַכעמבערג איז תיכף אַריין אין רויטען צימער, וואו דאָן דיעגאָ האָט געוואַרט אויף איהם. דער פעלדמאַרשאַל איז צוגעלאָפען צו איהם און אַרומגענומען איהם שטורמיש.

— זייט בעגריסט אין ווין—האָט ער אויסגערופען,—איך האָב גאָרנישט געהאַפט אייך ווידער אַ מאָל צו זעהן.

.12

דער קייזער קאַרל VI איז געזעסען אין זיין אַרבייטס-צימער, ווען מען האָט איהם געמעלדעט, אַז זיין פעלדמאַרשאַל גראַף סטאַכעמבערג בעט אַן'אויריענץ.

אין'ם זעלבען צימער איז אויך געזעסען דעם קייזער'ס בת-יחידה, די ערצהערצאָגין מאַריאַ טערעזאַ, וועלכע איז שפּעטער אַזוי בערימט-געוואָרען אַלס קייזערין. איצט איז זי נאָך גאָר אַ קינד כמעט געווען. דער קייזער האָט געוואַלטיג געליעבט זיין דאָזיגע בת-יחידה, וועלכע האָט געדאַרפט שפּעטער ירש'ענען זיין קרוין און זיינע לענדער. ער פלעגט זי דעריבער האַלטען תמיד ביי זיך, ווען נור דאָס איז מעגליך געווען.

דער קייזער האָט געגעבען אַ וואונק און גראַף סטאַלעמבערג איז אַריינגעקומען אין זיין צימער.

— מיין אַלטער קריעגס-קאַמעראַד—האָט אויסגערופען דער קייזער איהם אַנטקעגען— וואָס ברענגט איהר מיר פאַר אַ נייעס?

— מאַיעסטעט, — האָט דער גראַף געענטפערט, — איך ברענג אַן'אָנדענקונג פון דער שפּאַנישער מלחמה. צו דערמאָהנט זיך אייער מאַיעסטעט וועגען אַ געוויסען גלח, אַ דאָמיניקאַנער מיט'ן נאָמען פריי דיעגאָ.

— וועלכען מיר האָבען געהאַט צו פערדאַנקען, וואָס מיר זענען אַלע נישט גענומען געוואָרען געפאַנגענע אין באַרצעלאָנאַ?

— איהם מיין איך דאָס, מאַיעסטעט!

— געוויס דערמאָהן איך זיך וועגען איהם! דאָס איז געווען אַ פּראַקטיגער מענש. נישט קוקענדיג אויף זיין יוגענד, איז ער געווען קלוג און איבערגעלעגט, דערביי אויך העלדיש, מוטיג און געטריי. שפּעטער האָט ער געמאַכט אַ גוטע קאַריערע. איך האָב איהם נישט פערלאָרען פון די אויגען. מיין געזאַנדטער אין מאַדריד האָט, לויט מיין בעפעהל, שטענדיג מיר מודיע געווען וועגען איהם. ער איז געווען פּראָפעסאָר אין סאַלאַמאַנקאַ און לסוף — בישאָף פון אַווילאַ און אינקוויזיטאָר פון מאַדריד. גראַף מאָנטעקוקולי רעכענט, אַז פריי דיעגאָ וועט מיט דער צייט שפּיעלען אַ גרויסע ראָליע אין שפּאַניען, ווייל ער האָט גרויס גנאָד אין די אויגען פון פירשטין אורסיני. מיט'ן טויט פון דער קעניגין האָבען זיך אָבער געענדערט די בעציהונגען און אַלבעראָני האָט אַלץ דערוויַטערט פון טראָהן, וואָס די פירשטין האָט פריהער מקרב געווען צו איהם. און דעריבער האָב איך שוין אַ לאַנגע צייט נישט געהאַט קיין ידיעה פון פריי דיעגאָ. וואָס איז געוואָרען מיט איהם? צי האָט איהר פון איהם ידיעות, מיין ליעבער פעלדמאַרשאַל.

— ער געפינט זיך דאָ, מאַיעסטעט.

— וואָס, דאָ? וואו איז ער? פיהרט איהם באַלד אַריין צו מיר, איך גאָר איהם ווידער צו זעהן.

— ער וואַרט אונטען אין מיין קאַרעטע. אויב אייער מאַיעסטעט ערלויבען, ברענג איך איהם אַרויף.

— טהוט עס, מיין ליבער פעלדמאַרשאַל, אָבער געשווינד, געשווינד.

גראַף סטאַלעמבערג איז תיכף אַרונטערגעגאַנגען צו זיין קאַרעטע. דער קייזער איז דערווייל אַרומגעגאַנגען אונרוהיג אין זיין קאַבינעט.

— פריי דיעגאָ—האָט ער געזאָגט—וואָס פאַר אַן'אוצר דאָס איז פאַר אַ מענש! און

דערצו איז ער מיר אזוי געטריי ערגעבען. אָה, ווען איך זאל איהם נור קאָנען צובינדען צו מיין הויף!

דער קייזער האט זיך געזעצט, גענומען די ערצהערצאָגין אויף זיין שוים און געקושט איהר.

— דו, מיין איינציג קינד—האָט ער געזאָגט — וויפיעל געפאהרען און שוועריגקייטען וועסטו האָבען אויסצושטעהן, ווען איך וועל דאָ נישט זיין, און דו וועסט די ירושה איבער־נעהמען. לויט'ן סאַלישען געזעץ טאָרסטו אָבער מיין יורש'טע נישט זיין און איך וועל מוזען מבטל מאַכען דאָס דאָזיגע געזעץ דורך אַ פּראַגמאַטישע סאַנקציע. דערצו מוז מען אָבער האָבען געטרייע און פעהיגע דינער, דען נור אזעלכע וועלען קאָנען דערהאַלטען די קרוינען פון האַבסבורגישען הויז. אזא דינער האָף איך צו געפינען אין'ם מאַן, וועלכען מיין פעלדמאַרשאַל וועט מיר באַלד אַריינפיהרען.

די טהיר האט זיך געעפענט און גראַף סטאַלעמבערג איז אַריינגעקומען מיט'ן ער־וואַרטעטען דיעגאָ.

דער קייזער האט איהם דערלאַנגט ביידע הענד, דיעגאָ האט זיי אַנגענומען און גע־קושט. דער קייזער אָבער האָט איהם אַרומגענומען און געקושט אין די באַקען.

דאַן האָט ער איהם צוגעפיהרט צו דער קליינער ערצהערצאָגין און געזאָגט:

— דאָס איז מיין איינציג קינד, די יורש'טע פון הויז האַבסבורג, די ערצהערצאָגין מאַריא טערעזאַ!

— און ווער איז דער פרעמדער מאַן?—האָט די קליינע ערצהערצאָגין געפרעגט.

— דאָס איז—האָט דער קייזער געענטפערט — אַ געטרייער, איידעלער פריינד, אויך אזוי קלוג ווי העלדיש. ער האָט מיר איינמאל דערהאַלטען די פרייהייט, מעגליך גאָר, דאָס לעבען. ער הייסט דאָן דיעגאָ י. אַגילאַר. געדענק גוט דעם דאָזיגען נאָמען, מיין קינד, און ווען ער וועט אַמאל עטוואָס בעטען ביי דיר, זאָלסטו עס איהם געבען, דען ער וועט פערלאַנגען נור וואָס גוט און רעכט איז.

— דער אויבערשטער זאל בענשען איער מאַיעסטעט—האָט דאָן דיעגאָ געזאָגט.—זאל דאָס דאָזיגע שענע קינד פערווירקליכען אַ מאל די הויכע ערוואַרטונגען, וועלכע איער מא־יעסטעט לעגען אַרויף אויף איהר מיט אזא פולען רעכט.

— און איצט, סעניאָר, — האָט דער קייזער געזאָגט, — דערצעהלט מיר, וואָס האָט איך געבראַכט קיין וויען?

— צי וויל איער מאַיעסטעט זיין פאַר מיר גנעדיג און געבען מיר אַנ'אוידיענץ אונטער פיער אויגען?

אויף אַ וואונק פון קייזער איז סטאַלעמבערג אַרויס פון צימער; דאַן איז אַריינגעקומען די הויפמייסטערין פון דער פרינצעסין, כדי אַרויסצופיהרען זי.

— איצט זענען מיר אַליין—האָט דער קייזער געזאָגט.—רעדט!

— ווען איער מאַיעסטעט האָט פערלאָזען שפּאַניען...

— אָה, איהר ברויכט מיר נישט אַלץ דערצעהלען. איך האָב בעפוילען מיין גע־

לאַנדטעֶן, צו מעֶלדעֶן מיִר אַלץ וועֶגעֶן אײַך. איִהר זעֶנט בּישאָף פֿון אַווילאַ און איִנקוויזיִטאָר פֿון מאַדריִד.

— געֶוועֶן, מאַיעֶסטעֶט.

— האָט איִהר דעֶן פֿעֶרלאָרעֶן אײַערעֶ שטעֶלעֶס?

— איִך בּיִן אַנטלאָפֿעֶן.

— פֿאַרוואָס? און וואָס האָט מעֶן אײַך בּעֶשולדיִגט?

— איִך ווייס ניִשט, אויבּ איִך האָבּ עֶס אײַך דעֶרציעֶהלט, אַז מײַנעֶ עֶלטעֶרן זעֶנעֶן געֶוועֶן אַנוסים.

— איִהר האָט עֶס מיִר דעֶרציעֶהלט.

— איִך האָבּ וועֶגעֶן מײַנעֶ עֶלטעֶרן גאָרניִשט געֶוואוסט. מיִט אַ יאָהר צוריִק האָבּ איִך מײַן פֿאָטעֶר וויִדעֶר געֶפֿונעֶן און עֶר האָט מיִר געֶבּראַכט די ידיעה, אַז מײַן מוטעֶר און מײַן שוועֶסטעֶר געֶפֿיִנעֶן זיִך איִן דעֶר תּפֿיסה פֿון דעֶר איִנקוויזיִציעֶ, וואו איִך, זייעֶר זוהן וועֶל מוזעֶן זיי פֿעֶראורטײַלעֶן צום פֿעֶרבּרעֶנעֶן לעֶבּעֶדיִגעֶרהייד.

— שרעֶקליִך! וואָס-זשעֶ האָט איִהר געֶטהון?

— איִך האָבּ פּרובּיִרט אַלץ, וואָס נור מעֶגליִך צו בּעֶפֿרייעֶן זיי. דאָס איִז מיִר ניִשט געֶלונגעֶן; דאַן האָבּ איִך זיי געֶלאָזעֶן אַנטלויפֿעֶן. ווען מעֶן האָט בּעֶמעֶרקט, אַז זיי זעֶנעֶן אַנטלאָפֿעֶן, האָט מעֶן מיִך געֶוואָלט שטעֶלעֶן צו דעֶר פֿעֶראַנטוואָרטליִכקײַט, און אָט בּיִן איִך אויך אַנטלאָפֿעֶן.

— איִהר האָט רעֶכט געֶטהון. אויך איִך אויף אײַעֶר אָרט וואָלט אַנדעֶרש ניִשט געֶטהון! ס'איִז גוט, וואָס איִהר זעֶנט צו מיִר געֶקומעֶן. איִך וועֶל בּעֶקומעֶן פֿאַר אײַך אַ מחילה וסליחה פֿון פּויפּסט און ווי נור ס'וועֶט וועֶרעֶן וואַקאַנט אַ שטעֶלעֶ פֿון אַ בּישאָף, וועֶל איִך די שטעֶלעֶ אײַך אָבּגעֶבּעֶן.

— אײַעֶר חסד איִז צו גרויס פֿאַר מיִר, נאָך גרעֶסעֶר ווי איִך פֿעֶרדיִען, אָבּעֶר איִך...

— איִהר זעֶנט אַ צו גרויסעֶר עניו! איִך עֶרפֿיִל נור מײַן חוב פֿון דאַנקבּאַרקײַט געֶגעֶן אײַך. איִבּריִגעֶנס, איִך וויִל אײַך צוּבּיִנדעֶן צו זיִך נאָר צוליִעֶבּ מײַן אייגעֶנעֶם נוצעֶן. איִהר זאָלט וויִסעֶן, מײַן ליִעֶבּעֶר דאָן דיעֶגאָ, אַז איִך האָבּ שוין אָפֿט געֶטראַכט וועֶגעֶן דעֶם ווי גוט ס'וואָלט געֶוועֶן ווען איִך זאָל דאָ אײַך האָבּעֶן נעֶבּעֶן מיִר. איִך בּרויך צו האָבּעֶן געֶטרײַעֶ מעֶנשעֶן, עֶרגעֶבּעֶנעֶ, אָבּעֶר קודם-כּל פֿעֶהיִגעֶ. דאָס קייזעֶרליִכעֶ הויז פֿון עֶסטרײַך שטעֶהט פֿאַר גרויסעֶ פֿעֶרוויִקלונגעֶן. איִך בּיִן דעֶר לעֶצטעֶר איִן מײַן משפּחה, און קיין זוהן האָבּ איִך ניִשט. די אייראָפּעאיִשעֶ מלוכות וואַרטעֶן שוין אָבּ, ווי די רויבּ-פֿויגלעֶן אויף מײַן טויט, כּדי צו פֿעֶרכאַפּעֶן מײַן ירושה, וועֶלכעֶ איִך וואָלט אָבּעֶר געֶוואָלט איִבּעֶרלאָזעֶן מײַן טאָכטעֶר. דאָ שטעֶהט קודם דאָס מעֶכטיִגעֶ בּראַנדעֶנבּורג, וואָס האַלט איִן וואַקסעֶן און דעֶרהויבּעֶן זיִך. דעֶר בּראַנדעֶנבּורגיִשעֶר קורפֿיִרשט האָט זיִך געֶלאָזעֶן אויסרופֿעֶן פֿאַר אַ קעֶניִג און זײַן קרוין-פּריִנץ[1]) איִז אַ יונגעֶרמאַן מיִט אַ געֶוואַלטיִגעֶר תּאוה צו כּבוד, ווי עֶס שיִל-

---

[1]) עֶר איִז שפּעֶטעֶר בּעֶוואוסט געֶוואָרעֶן איִן דעֶר געֶשיִכטעֶ מיִטן נאָמעֶן קעֶניִג פֿריִדריִך דעֶר גרויסעֶר

דערט מיר איהם מיין געזאנדטער עקנדארף: און אט שטעהט אויך פראנקרייך, וואס איהר הייפט-אויפגאבע איז שטענדיג געוועזן אבצושוואכען עסטרייך; אט ווידער שטעהט שפאניען, וועלכע קאן זיך נישט פערגעסען אן איהר פערלוסט ניעדערלאנד; מיר האבען אפילו אויך פריינד—ענגלאנד און די גענעראל-שטאטען, אבער דאס איז קרעמער-פאלק! זיי האבען שוין אונז איינמאל פערקויפט. אפילו אין מיין אייגענעם לאנד קאן איך זיך נישט אויף אלעמען פערלאזען. דער העלדישער פרינץ אייזשען ערקלערט, אז די טעכטער פון מיין פערשטארבענעם ברודער יאזעף זענען נאהענטער צו מיין ירושה, ווי מיין אייגענע טאכטער. דערפאר איז אייער איצטיגער קומען צו מיר זעהר אין דער צייט! איך האף צו געפונען אין אייך א פעהיגען און א געטרייען דיענער.

— זאל מיר אייער מאיעסטעט גנעדיג ערלויבען איבערצו'חזר'ען, אז אייער מאיעסטעט גיעסט אוים אייערע חסדים אויף אנ'אונווירדיגען מענשען. איך האב נאך נישט געענדיגט מיין ערקלערונג.

— אבער איהר האט דאך נישט געטהון אזא זאך, וואס איז געגען דער עהרע פון אנ'אנשטענדיגען מענשען? איך רעכען, אז איהר זענט דערויף נישט פעהיג.

— דאס וואס איך האב געטהון, מאיעסטעט, וועט מעגליך נישט זיין קיין גערעכט-פערטיגע זאך אין אלעמענס אויגען. אין אייער מאיעסטעט האף איך צו געפינען א גערעכטען און א פריינדליכען ריכטער. איך האב זיך צוריקגעקעהרט צו דער אמונה פון מיינע אבות.

— וואס? איך פערשטעה אייך נישט.

— איך בין אין אמשטערדאם אריינגעטרעטען בבריתו של אברהם אבינו.

— מל'ה געוועזן זיך?

— איך בין געווארען א יוד, א יוד, ווי אלע מיינע אבות זענען געוועזן. מיין פאטער, מיין מוטער, מיין שוועסטער—זיי אלע געהערען צום יודענטום.

— אונגליקליכער, וואס האט איהר געטהון? צי ווייסט איהר דען נישט, אז לויט די עסטרייכישע געזעצען בעשטראפט מען מיט'ן טויט פאר'ן אבפאלען פון קריסטענטום?

— יא, איך ווייס עס. איך ווייס אבער אויך, אז מיין אלגנעדיגער קייזער און מיין אלטער מלחמה-חבר, פעלדמארשאל, גראף סטאכעמבערג, וועלען מיך נישט פערראטען.

דער קייזער האט זיך צולאכט.

— ניין,—האט ער געזאגט,—פערראטען וועל איך דיך נישט. אבער איך קען דאך דיך נישט מאכען פאר מיין מיניסטער און איך וואלט דאך דאס אזוי שטארק געוואלט טהון, כדי צו האבען דיין וויכטיגען דיענסט.

— מיין גנעדיגסטער העער! איך קאן אייער מאיעסטעט און אייער קייזערליכען הויז זיין נוצליך אויך אלס יוד. איהר ווילט דורך א פראגמאטישער סאנקציע איבערלאזען אייער ירושה אייער טאכטער, דער ערצהערצאגין. צי ווייס אייער מאיעסטעט, וועלכע פראגמאטישע סאנקציע די בעסטע איז? דאס איז א גוט בעוואפענטע העלדישע ארמעע, און כדי דאס צו האבען, ברויכט מען צו האבען דריי זאכען: געלד און געלד און ווידער געלד! כדי צו בעשאפען אזא נויטיגע זאך, וואלט איך געקאנט ווערען נוצליך אייער מאיעסטעט דורך מיינע

פֿערבינדונגען מיט מיינע ברידער אין אַמשטערדאַם, לאָנדאָן און האַמבורג.

— און ווי ווען איך וואָלט אייך געבעטען צוריק אומצוקעהרען זיך צו דער קריסטליכער קירכע און איך וואָלט אייך צוגעזאָגט, אַז ווי נור איהר וועט קריסט ווערען, וועל איך אייך שטעלען אין שפּיץ פֿון מיין רעגירונג?

— מאַיעסטעט, איך בין איבערגעגאַנגען צוריק צו דער אֱמונה פֿון מיינע אָבות נישט אָהן אַ לאַנגען ישוב הדעת. פֿאַר דער דאָזיגער אֱמונה זענען פֿיעל פֿון מיינע אָבות געגאַנגען אין פֿייער־טויט אַריין.

— מעהר וויל איך אייך נישט אָנרעדען. איהר קאָנט זיך דאָ בלייבען אין וויען, כאָטש די יודען איז פֿערבאָטען צו וואוינען אין וויען. קומט מאָרגען אין דערזעלבער צייט צוריק און מיר וועלען איבערלעגען, וואָס איהר זאָלט דאָ אין וויען טהון.

דאָן דיעגאָ האָט דאַנקבאַר געקושט די האַנד ביים קייזער. ביים טויער פֿון קייזערליכען שלאָס האָט אויף איהם געוואַרט גראַף סטאַכעמבערג, וועלכער האָט איהם אין זיין קאַרעטע אַבגעפֿיהרט אין האָטעל „צום גאָלדענעם שעפּס" אין לעאָפּאָלד־שטאָדט, וואו דיעגאָ האָט זיך אויף דערווייל אַריינגעצויגען.

.13

ווען דאָן דיעגאָ איז אויף צו־מאָרגענס געקומען צום קייזער, איז דער קייזער שוין געווען פֿול ערשטוינען פֿונ'ם פֿאַקט, וואָס אַ געוועזענער מאָנאַך, בישאָף און אינקוויזיטאָר איז געוואָרען אַ יוד. ער האָט זיך געלאָזען וויעדער ערצעהלען די זאַך און געזאָגט דאָן:

— איצט זעה איך שוין, אַז אייער ענטשלוס צו בלייבען אַ יוד שטעהט פֿעסט. איהר האָט מיר פֿריהער דערוויזען אַ גרויסען דיענסט, איך וויל אייך נישט בלייבען אונדאַנקבאַר. איהר מעגט זיך בעזעצען אין וויען און קאָנט זיך בעשעפֿטיגען מיט וואָס איהר ווילט, איך וועל אייך תמיד שטיצען.

דאָן דיעגאָ האָט געקושט ביים קייזער די האַנד. ער האָט געבעטען, אַז מען זאָל איהם געבען צייט אַרומצוקוקען זיך, כדי צו בעקענען זיך מיט די אָרטיגע פֿערהעלטנישען און קאָנען אָננעהמען אַן ענטשלוס אויף דער צוקונפֿט.

אין עטליכע וואָכען אַרום האָט דאָן דיעגאָ וויעדער געבעטען אַן ערלויבניש אָנגענומען צו ווערען אויף אַן אוידיענץ ביים קייזער.

— מאַיעסטעט,—האָט דאָן דיעגאָ געזאָגט, ווען קאַרל VI האָט ביי איהם געפֿרעגט, אויף וואָס ער האָט זיך בעשלאָסען,—איך האָב מיר אויסגעאַרבייט אַ פּלאַן, וועלכער וועט מיר זיכערן מיין צוקונפֿט, ברענגען דעם לאַנד נוצען און אַריינברענגען אַ היבשע הכנסה אייער קייזערליכער קאַסע.

— רעדעט!

— פֿאָהרענדיג אַהער פֿון האָלאַנד, האָב איך פֿיעל מאָל געהאַט די געלעגענהייט צו בעמערקען, אַז די דייטשע פֿירשטען שטרעבען אָבצוהאַלטען דאָס רויכערן טאַבאַק און פֿערבאָטען עס, כאָטש דאָס איז שטאַרק פֿערשפּרייט.

— זיי האָבען רעכט — האָט דער קייזער זיך אַרויסגעכאַפּט. — ווען דער אויבער־שטער וואָלט געוואָלט דאָס די מענשען זאָלען רויכערן, וואָלט ער זיי געוויס בעשאַפען מיט אַ קוימען אויפ׳ן קאָפּ.

דאָן דיעגאָ האָט אַ שמייכעל געטהון.

— אייער מאַיעסטעט — האָט ער געזאָגט — האָבען דיזעלבע מיינונג, ווי דער ענג־לישער קעניג יאַקאָב. אין ענגלאַנד האָט מען שוין אָבער לאַנג אויפגעהערט צו רודפ׳ן די רויכערער און איך ווייס אויך, וואָס פאַר אַ רעכט, אַ געטליכע צי אַ מענשליכע, האָבען די רעגירונגען צו דריקען די פרייהייטען פון יחיד...

— אָה, וואָס! דער אויבערשטער אַליין האָט דאָך בעשטימט די רעגירונג אויף דער וועלט. זי האָט דאָס רעכט און די פליכט אָבצוהיטען איהרע אונטערטאַנען פון אַל־דאָס־בייז, אונרעכטען און פערדערבליכקייטען, ווי אַ פאָטער זאָרגט פאַר זיינע קינדער.

— איך זאָג גאָרנישט געגען דעם, מאַיעסטעט; אָבער איך קאָן נישט פערשטעהן, ווי אַזוי דאָס רויכערן טאַבאַק געהערט צו די פערבאָטענע זאַכען?

— אָפשר ניין? אָה, דאָס איז גאַנץ פשוט! איך וויל שוין נישט ריידען וועגען דעם, וואָס מען זאָגט, אַז דאָס רויכערן איז שעדליך פאַר דער געזונדהייט, אַז מען בעקומט דער־פון גראָבע און שלעכטע מדות, אַז דאָס פערדאַרבט דעם געשמאַק און פערפעסטעט די אַט־מאָספערע, — מוז דאָך אָבער יעדער מודה זיין, אַז דאָס איז גאָר אַנ׳איבריגע זאַך, אַז דאָס איז אַ פּוסטע געלד־פערשווענדונג און פיהרט־אַרויס דאָס געלד פון לאַנד.

— זאָל מיר נאָר אייער מאַיעסטעט ערלויבען אַרויסצוזאָגען מיינע מיינונגען. אַל־דאָס־בייז, וואָס מען דערצעהלט וועגען רויכערן שטאַמט פון אָבערגלויבען און אונוויסענהייט. דאָס רויכערן איז נישט שעדליך דער געזונדהייט און פערדאַרבט נישט די גוטע מדות; דאָס איז אויך נישט קיין גאַנץ איבריגע זאַך, ווי מען קאָן מיינען, דאָס איז, פערקעהרט, אַנ׳אויפרע־גונגס־מיטעל. ווען אפילו מען זאָל אָבער אָננעהמען, אַז דאָס איז אַנ׳איבריגע זאַך, קאָן די מלוכה אויך נישט פערבאָטען בשום־אופן אַלע איבריגע זאַכען, און ווען זי וואָלט דאָס יאָ געטהון, וואָלט געוואָרען אַ סוף פון יעדער ציוויליזאַציע און אייערע אינטערעסען וואָלטען זיך אומגעקעהרט צו יענעם צושטאַנד, ווען די מענשען האָבען געוואוינט אונטער דער ערד אין גריבער. איך מיין בעסער, אַז די מלוכה דאַרף זעהען אויסצונוצען פאַר זיך די דאָזיגע פער־שפּרייטע רגילות פון דער בעפעלקערונג. דען קוים איז עס אַ זאַך, פון וועלכען מען קאָן זיך אָבהאַלטען, דאַרף מען אַרויפלעגען דערויף אַ גרויסען מלוכה־אָבצאָהל.

— אָבער סוף־כל־סוף וועט מען דאָך אַרויספיהרען פון לאַנד דאָס געלד פאַר׳ן טאַ־באַק און אַזוי־אַרום וועט פערקלענערט ווערען דער וואוילשטאַנד פון דעם לאַנד.

— די טאַבאַק־פלאַנצונגען קאָנען זיך אָננעהמען אין לאַנד, פּונקט ווי די אַמעריקאַנישע קאַרטאָפעל האָבען זיך דאָ אַקלימאַטיזירט.

— אַזוי מיינט איהר? און אין וואָס בעשטעהט אייער פּלאַן?

— איך האָב געוואָלט בעטען אייער מאַיעסטעט, אַז מען זאָל אָבגעבען איין פּערזאָן דעם טאַבאַק־מאָנאָפּאָל, ווי מען האָט עס געטהון אין פראַנקרייך און אין אַלע קרוין־לענדער.

זאָל איין איינציגע פּערזאָן האָבען דאָס רעכט צו פאַבריצירען און פערקויפען טאַבאַק. אַזאַ פּריווילעגיע וואָלט איינגעבראַכט אַ גרויסע הכנסה דער מלוכה־קאַסע יעהרליך און קיין הוצאות וואָלט מען אויף דעם גאָרנישט געדאַרפט אויסצוגעבען.

— צי קאָנט איהר אָבער געפינען אַ פּערזענליכקייט, וואָס זאָל זיך אונטערנעהמען איינצואָרדנען און אָרגאַניזירען אַלץ וואָס נויטיג איז פאַר אַזאַ פערוויקעלטער זאַך?

— איך וואָלט זיך ערלויבט מיך אַליין פאָרצושלאָגען אַדורצופיהרען אַזאַ אויפגאַבע. איך וואָלט איינגעפיהרט די טאַבאַק־בעאַרבייטונג און פלאַנצונג אין עסטרייך און אין די אַרומיגע לענדער. מיין פאָטער, וועלכער איז אַ פעהיגער לאַנד־אַרבייטער, וואָלט מיר דערביי קאָנען פיעל העלפען. דעם מסחר מיט׳ן טאַבאַק וואָלט איך אָבגעגעבען מיין שוואָגער, דאָן יאָזע דע מאָנטאַלטאַ; איך אַליין וואָלט זיך אונטערגענומען צו אָרגאַניזירען פיליעס אין אַלע הויפּט־שטעדט פון די איינצעלנע קרוין־לענדער: אין פּראַג, אין ברין, אין אינסברוג, אין לינץ, אין גראַץ און אין פּעסט. איך וואָלט איינגעאָרדענט די בעאַמטע און געהאַלטען איבער זיי די קאָנטראָלע.

— איהר זענט אַ געניאַלער מענש, דאָן דיעגאָ! איך וויל פאָרלעגען אייער פאָרשלאַג אין מלוכה־ראַט, אָדער נאָך בעסער: שרייבט־אָן וועגען דעם אַ מעמאָראַנדום, נאָר איהר מוזט עס מאַכען אין לאַטייניש, ווייל נישט אַלע מיינע שרים אין מלוכה־ראַט פערשטעהען גוט שפּאַניש. מיין איינשטימונג זאָג איך אייך צו פאָראויס.

אַ פּאָר טעג נאָכדעם האָט דאָן דיעגאָ איבערגעגעבען דעם מעמאָראַנדום. דער מלוכה־ראַט האָט איינגעשטימט מיט אַלע זיינע פּונקטען און דאָן דיעגאָ האָט אַזוי־אַרום בעקומען די פּריווילעגיע, וועלכע ער האָט פערלאַנגט.

יעצט איז דאָן דיעגאָ אָבגעפאָהרען צוריק קיין אַמשטערדאַם. זיינע פריינד האָבען איהם אַפילו אויפגענומען מיט דער גרעסטער שמחה, אָבער ער האָט זיי נישט געפונען אַזוי גליקליך, ווי ער האָט געהאָפט. דאָס געשעפט, וואָס דאָן מאַנועל האָט געגרינדעט מיט זיין אייגענעם צוזאַמען, איז נישט געגאַנגען גוט און זיי האָבען פערלוירען פיעל געלד. דאָן מאַנועל האָט געגאַרט וויעדער צו ווערען גוט־בעזיצער און לאַנד־אַרבייטער. אויך דאָס קלימאַט אין האָלאַנד איז געווען שווער פאַר דער משפּחה. דעריבער האָבען אַלע אויפגענומען דאָן דיעגאָ׳ס פאָרשלאַגען מיט דער גרעסטער פרייד. איין ראַפאַעלאָ האָט זיך געשפּירט צו־שוואַך צו מאַכען אַזאַ וויטע רייזע און מען האָט זיך דעריבער ענטשלאָסען צו שיידען זיך מיט איהם.

דאָן דיעגאָ האָט בעשלאָסען צו פייערן זיין חתונה אין אַמשטערדאַם און דאַן פאָהרען צוריק קיין ווין; די איבריגע מיטגליעדער פון דער משפּחה האָבען געדאַרפט פריהער ליקווידירען זייער געשעפט און דאָס האָט געפאָדערט עטליכע מאָנאַטען צייט. וועגען ראַפאַעלאָ׳ן האָט מען בעשלאָסען, אַז ער זאָל בלייבען ביי די קרובים פון דער משפּחה י. אַגילאַר.

ווען ראַפאַעלאָ האָט דערהערט דעם דאָזיגען בעשלוס, האָט ער געשמייכעלט.

— האָב נאָר חתונה, מיין זוהן — האָט ער געזאָגט צו דיעגאָ׳ן — ווען איך וועל דיך דערזעהען אַלס אַ גליקליכער מאַן פון אַ פרוי, וואָס האָט געבויט זיין הויז אין ישראל;

דאַן װעל איך שױן מעהר קײן פֿערלאַנג ניט האָבען מעהר אױף דער-װעלט, דאַן קאָן איך רוהיג אומקעהרען זיך צו מײַנע עלטערן אין עולם האמת.

װאָס ער האָט געזאָגט, איז טאַקי ערפֿילט געװאָרען. עטליכע טעג נאָך דיעגאָ׳ס חתונה איז ער אָבגעשטאָרבען רוהיג, טיעף בעװײנט פֿון אַלע אײדעלע מענשען, װעלכע האָבען איהם ליעב געהאַט װי דעם עלטסטען זוהן פֿון דער משפּחה.

דאָן דיעגאָ איז אָבגעפֿאָהרען מיט זײַן יונגער פֿרױ קײן װיען און געלעגט דאָרט דעם יסוד צו זײַן גרױסאַרטיגע אונטערנעהמונג. באַלד נאָכדעם זענען אהין געקומען אױך זײַן פֿאָ-טער און מוטער מיט דער שװעסטער און דעם שװאָגער. דאָן מאַנועל איז געװען העכסט גליקליך, װאָס ער האָט זיך װידער געקאָנט אָבגעבען מיט לאַנד-אַרבײַט. אין זײַן שװאָגער דאָן יאָזע האָט דאָן דיעגאָ געפֿונען אַ פֿעהיגען און פֿלײַסיגען מיטאַרבײַטער.

די נײַע אונטערנעהמונג איז געװאָרען אַן אָמת׳ע שפֿע פֿאַר דער משפּחה, װעלכע האָט אָנגעלעבט גרױסע עשירות און אײַנגעבראַכט פֿיעל הכנסה דער מלוכה-קאַסע.

קײזער קאַרל איז געבליבען שטענדיג גנעדיג פֿאַר׳ן פֿריהערדיגען דאָמיניקאַנער גלח, װעלכער איז יעצט געװען אַ פֿרומער יוד און האָט איהם דערהױבען צו אַן עסטרײַכישען מלוכה-פֿרײַהערר.

דאָן מאַנועל און דאָנאַ אַנונציאַטאַ האָבען דערלעבט אַ טיעפֿען עלטער און זענען גע-שטאָרבען אין די אָרעמס פֿון זײערע קינדער, אַרומגערינגעלט פֿון פֿיעל אײניקלעך.

העכער אַ יאָהר פֿינף-און-צװאַנציג זענען אַריבער נאָך די דאָזיגע געשעהענישען. דער קײזער קאַרל VI איז שױן לאַנג געװען טױט, און זײַן טאָכטער, מאַריאַ טערעזיאַ, האָט בײַם אַרױפֿשטײַגען אױפֿ׳ן טראָהן זיך בעגעגענט מיט אַ בעװאָפֿענטען װידערשטאַנד מצד אַ גאַנצער װעלט געגען זיך. בעזונדערס אָבער איז עס געװען דער קורפֿירינץ פֿון בראַנדענבורג, װאָס קײזער קאַרל VI האָט שױן פֿריהער געשראָקען זיך פֿאַר איהם. װעהרענד דער שלעזישער מלחמה האָט מען בעשולדיגט די יודען פֿון בעהמען און מעהרען, אַז זײ האָבען זיך גע-שטעלט אױפֿ׳ן צד פֿון פּרײַסען. מאַריאַ טערעזיאַ האָט דערפֿאַר אַרױסגעטריבען די אונגליק-ליכע פֿון בײדע דאָזיגע לענדער. אַלע בקשות און תחנונים פֿון די געריכט׳טע זענען געװען אומזיסט. אפילו די בעמיהונגען פֿון די געזאַנדטע פֿון ענגלאַנד, האָלאַנד, שװעדען און דע-נעמאַרק בײַ דער קײזערין האָבען ניט געהאָלפֿען. דאַן האָט זיך ער באַראָן דיעגאָ י. אַגילאַר געבעטען בײַ דער קײזערין, אַז זי זאָל געבען אַן אױדיענץ. דיעגאָ איז שױן יעצט געװען אַ גראָהער זקן, אָבער ער האָט נאָך אױסגעזעהען יונג און פֿריש, מונטער און שטאַרק און זײַן געשטאַלט איז געװען נאָך שען, װי אין דער יוגענד.

— מאַיעסטעט — האָט ער געזאָגט, װען די קײזערין האָט איהם אױפֿגענומען — צי דאַרף איך האָפֿען, אַז אײַער מאַיעסטעט דערמאָהנט זיך נאָך גנעדיג װעגען דער ערשטער אױדיענץ, װעלכע איך האָב דאָ געהאַט בײַ אײַער גנעדיגען פֿאָטער?

— געװיס דערמאָהן איך זיך — האָט די קײזערין געענטפֿערט. — מײַן פֿאָטער האָט מיך דאַמאָלס געבעטען, אַז איך זאָל ערפֿילען אײַערע ביטעס, װײַל איהר קאָנט פֿערלאַנגען נאָר, װאָס גוט און רעכט איז.

— בעט איך אלזאָ, אַז די אַלערגנעדיגסטע קייזערין זאָל דערוויזען איהר חסד די יי־דען אין בעהמען און אין מעהרען.

— שווייגט מיר וועגען די בעהמישע יודען, באַראָן דיעגאָ! מיין פֿאָטער וואָלט זיך אויך אַזוי בעגאַנגען מיט זיי.

— אייער מאַיעסטעט וועט מיר ענטשולדיגען, ווען איך וועל ערקלערען זיך געגען דעם. דער קייזער קאַרל איז געוועזען מעהר טאָלעראַנט געגען די יודען, ווי אייער מאַיעס־טעט מיינט.

— דאָס הייסט?

— ציז איז אייך בעקאַנט די געשיכטע פֿון מיין פֿערגאַנגענהייט?

— איך ווייס נאָר, אַז איהר האָט אין אייער יוגענד דערוויזען מיין פֿאָטער אַ גרויסען דיענסט.

— ערלויבען אייער מאַיעסטעט...

— אָה, יאָ, ערצעהלט!

און דער באַראָן האָט דערצעהלט אַלע וואונדערליכע געשעהענישען פֿון זיין פֿערגאַנ־גענהייט.

— האַ! — האָט די קייזערין אויסגערופֿען, ווען דיעגאָ האָט זיין געשיכטע געענ־דיגט. — איהר זענט ווירקליך געוועזען קריסט, מאָנאַך, גלח, בישאָף און אינקוויזיטאָר און זענט געוואָרען אַ יוד? און מיין פֿאָטער האָט דאָס אַלץ געוואוסט?

— אייער מאַיעסטעט ווייסען דאָך, אַז אייער פֿאָטער איז געוועזען אַ מילדער, גערעכ־טער און דאַנקבאַרער פֿירשט.

דיעגאָ האָט בעטאָנט דאָס וואָרט: דאַנקבאַרער.

— אַזוי מיינט איהר — האָט די קייזערין געזאָגט. זאָל אויך איך דאַנקבאַר זיין פֿאַר די פֿערדיענסטען, וואָס איהר האָט ביי מיר און מוחל זיין פֿון אייערטוועגען די יודען פֿון בעהמען און מעהרען?

— אייער מאַיעסטעט וואָלט מיך בעזונדערס גליקליך געמאַכט דערמיט.

— בעטען פֿאָדערט עס פֿון מיר פֿון אַלע זייטען. יעצט וויל איך די זאַך איבערלעגען. צו־זאָגען קאָן איך אייך נאָך לעת־עתה גאָר נישט. אָבער אויב איך וועל זיך יאָ ענטשליסען מבטל צו מאַכען מיינע דעקרעטען וועגען דעם גירוש, זייט איבערצייגט, אַז אייער ביטע וועט זיאָ האָבען פֿיעל געווירקט.

— מאַיעסטעט...

— יעצט געהט! היינט וויל איך מעהר נישט הערען.

דער באַראָן איז אַוועקגעגאַנגען. אָבער ווען די קייזערין האָט שפּעטער מבטל גע־מאַכט יענע גרויזאַמע דעקרעטען, האָט זי איהם תיכף מודיע געווען אין אַ בריעף, וואָס זי האָט געשריבען מיט דער אייגענער האַנד.

דער נאָמען י. אַגילאַר, וועלכער איז שוין פֿריהער מפֿורסם געווען צווישען יודען, איז יעצט בעוואוסט און געליבט געוואָרען דורך העכער הונדערט טויזענד יודען אין

פּעהרען און בעהמען, וועלכע האָבען איהם בעטראַכט, אלס זייער גואל ומושיע.

מיר האָבען זיך בעמיהט אין דעם שיקזאל פון איין משפּחה צו שילדערן יענע שרעקליכע יסורים, וואָס עס האָבען איבערגעלעבט די יודען אין שפּאַניען, וואָס זייערע אָבות האָבען אין אַמאָמענט פון געפאַהר נישט געפונען אין זיך גענוג מוט צו ליידען און געהן אין טויט-אַריין על קידוש השם, נאָר זיי האָבען בעסער געוואָלט אָבלייקענען דעם ג—ט פון זייערע עלטערן, אבי נור זיך צו דערהאַלטען דאָס לעבען. אָבער זייערע אייניקלעך און אַפילו אור-אייניקלעך האָבען זיך נישט געקאָנט ראַטעווען פונ׳ם שרעקליכען פייער-טויט; נור איינינגע פון זיי איז עס געלונגען צו אַנטלויפען; די איבעריגע זענען סוף-כל-סוף געשטאָרבען על קידוש השם.

די שפּאַנישע אינקוויזיציע איז בטל געוואָרען שוין זינט אַ יאָהר-הונדערט, דער פאַנאַטיזם און די נישט-טאָלעראַנץ עקזיסטירען נאָך עד היום אין פיל לענדער, אָבער דאָך האָבען זיי שוין אָנגענומען אוועניגער גרויזאַמע געשטאַלט און זיי טוהן שוין מעהר נישט-אָב קיין פורכטבאַרע שרעקליכע מעשים. די ליכטיגע זון פון דער פרייהייט שיקט איבעראַל די יודען איהרע וואוילטעטיגע שטראַהלען. נור די לעבעדיגע דורות פערגעסען צו-אָפט, וואָס אונזערע אָבות האָבען איבערגעליטען פאַר זייער אמונה, און פערוואַרפען די טייערע ירושה, ווי אַנ׳איבעריגע זאַך, וואָס האָט נישט קיין ווערטה. זאָלען דאָך פיעל יודען לערנען און פערשטעהן, זאָל בעזונדערס דער אונטערוואַקסענדער יונגער דור לערנען צו זיין געטריי דער אַלטער אמונה און האָבען מוט און פעסטקייט; זאָלען אַלע אָנערקענען, אַז דאָס פאָלק ישראל בעזיצט נישט קיין גרעסערען אוצר, ווי זיין געטליכע תורה און זיין געטליך געזעץ; זאָלען דאָס אַלע אָנערקענען, שעפּענדיג מוט און בעגייסטערונג אינ׳ם ערהאַבענעם ביישפּיעל, וואָס האָט אונז געגעבען די משפּחה י. אַגילאַר.

ע נ ד ע.